STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07651

GEZAMELTE SHRIFTEN

Chaim Zhitlowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. חיים זשיטלאָווסקי

געזאַמעלטע שריפטען

נײַנטער באַנד

דר. ח. זשיטלאָווסקי פערלאַג געזעלשאַפט
ניו יאָרק

Copyright 1919
by
Dr. Ch. Zhitlowsky, N. Y.

All rights reserved

אינהאַלט:

איינינגע שעה מיט דר. טהעאָדאָר הערצל — — — — — — 7
הערצל־קולט — — — — — — — — — — — — — — — — 41
טבוני כדבורים!... — — — — — — — — — — — — — — — — 47
דער דריטער חורבן — — — — — — — — — — — — — — 54
פאַקטען און געפיהלען — — — — — — — — — — — — — 63
בעלגיע און ארץ ישראל — — — — — — — — — — — — — 68
דער ציוניזם און דער „נייער ישוב" אין ארץ ישראל — — — 73
פארשיידענע ציוניזם'ען — — — — — — — — — — — — — 79
די קליין קאָלאָניזאציע אין ארץ ישראל און איהר פּאָליטישע
בעדייטונג — — — — — — — — — — — — — — — 85
שפּאַלטונגען — — — — — — — — — — — — — — — — 91
זייער טעות — — — — — — — — — — — — — — — — — 98
דער קאָנגרעס און די אמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע — — — — 105
דער בעפעהל פון דער צייט — — — — — — — — — — — 111
א נייער קעמפּער פאר אידישער בעפרייאונג — — — — — — 118
א בעפּאָלמעכטיגטע אידישע פערטרעטערשאַפט — — — — — 124
אונזער עהרענפּליכט — — — — — — — — — — — — — — 129
דער פעלקער טריבונאַל און דער אידען־שטאַאַט — — — — — 135
ציוניזם און ארץ ישראל — — — — — — — — — — — — 142
דאָס רעכט אויף ארץ ישראל — — — — — — — — — — — 149
דער ארבייטער און זיין פאָלק — — — — — — — — — — 155
דער אידישער קאָנגרעס און די ארבייטער — — — — — — — 161
דאָס פּראָגראַם פון דעם נאַציאָנאַלען ארבייטער קאָמיטעט — 166
„קאָנפערענץ" אָדער „קאָנגרעס"? — — — — — — — — — 172
א פאַנטאַסטישער חלום — — — — — — — — — — — — — 178
אַלערליי טענות — — — — — — — — — — — — — — — — 184
דער אינטערנאַציאָנאַל נאָכ'ן קריעג — — — — — — — — — 190

אונזער ווענדונג צו דעם אינטערנאציאָנאל — — — — — — — 196
א אידישע סעקציע אינ׳ם אינטערנאציאָנאל — — — — — — 201
מיינע אויסגעמישטע פראָגראמען — — — — — — — — — 207
תעניתים און היסטעריקע — — — — — — — — — — 214
אונמעגליכקייטען — — — — — — — — — — — — 220
צו פארשטארקען די אָבגעשוואכטע הענד — — — — — — — 227

איינינע שעה מיט דר. טהעאָדאָר הערצל.

1.

מיין בעקאַנטשאַפט מיט דר. טהעאָדאָר הערצל, דעם פיהרער פון דעם פּאָליטישען ציוניזם, האָט געדויערט איין טאָג, פון אין דער פריה ביז פאר נאכט, מיט גרויסע איבעררייסונגען. ניט פ א ר יענעם טאָג, ניט נ אָ ך איהם האָב איך ניט געהאט צו דר. הערצלען קיין שום דירעקטע אָדער אינדירעקטע שיכות. די ספערען פון אונזערביידענס טהעטיגקייט זענען געלעגען צו ווייט איינע פון דער אַנדערער, אונזערע וועגען זאָלען זיך וועו עס איז האָבען גע־קאָנט בעגעגענען אין איין געמיינזאַמען פונקט.

נאָר יענער טאָג איז געוועזען אַן אויסנאהם. אונזער צונויפ־קונפט איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך אויסעראָרדענטליכע אומ־שטענדען, וואָס האָבען, לויט דר. הערצעל'ס מיינונג, בעדאַרפט פיה־רען צו וויכטיגע פּאָליטישע פּאָסירונגען אין דעם לעבען פון דעם אידישען פאָלק. יענע אויסעראָרדענטליכע אומשטענדען איז אבער ניט בעשערט געוועזען קיין לענגערער היסטאָרישער לעבען, ווי נאָר א פערטעל שעה. נאָך דעם פערטעל שעה זענען זיי געוועזען טויט. זיי האָבען מיר אָבער געגעבען די מעגליכקייט צו פערברענגען כמעט א גאַנצען טאָג אין דער געזעלשאַפט פון דר. הערצל אין אַן אינטימען „טעט־אַטעט".

איך האָב יעמאָלט געגעבען דר. הערצלען א וואָרט, אז אונזער אונטעררעדונג זאָל ניט אַריינדרינגען אין דער עפענטליכקייט. כל־זמן די פערעפענטליכונג האָט געקאָנט האָבען א וועלכע עס איז פּראַקטישע ממשות, האָב איך געהאַלטען וואָרט. איצטער זענען שוין אריבער מעהר ווי גאַנצע עלף יאָהר. דער ענין, וועגען וועלכען מיר האָבען גערעדט, האָט שוין מעהר קיין שום פּראַקטישע בע־דייטונג ניט. אבער די גאַנצע אונטעררעדונג, ווי שוין דער פאַקט

אליין, וואָס זי האָט געקאָנט האָבען פּאַסירט, איז כאַראַקטעריסטיש סאַי פאַר דער יעמאָלטדיגער לאַגע, סאַי פאַר דער פּערזאָן פון דעם ציוניסטישען פיהרער.

פון דעם שטאַנדפּונקט געזעהען, איז די אונטערערדונג א וויכטיגער היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס טאָר ניט פעהלען אין דעם ארכיוו פון אונזער געשיכטע. ווי אין יעדער היסטאָרישער פּאַסי־רונג קאָן אויך אין איהם איינגעוויקעלט זיין א מוסר השכל „היס־טאָריא דאָצעט". אָט פאַר וואָס איך פּערעפענטליך איהם.

געווען איז דאָס אין דעם זומער 1903, אין דעם זומער פון „קישינעוו" און „אוגאַנדאַ".

פאַר מיר איז יענער זומער געווען דער שווערסטער אין מיין לעבען. א פּאָר גוט געציעלטע קלעפּ פון דער מוטער־נאַטור, — זי קאָן א מאָל גוט ציעלען, די מוטער־נאַטור, — האָט מיך פּלוצלונג ארויסגעשליידערט פון מיין פּסיכישען גלייכגעוויכט און אוועקגע־שטעלט פאַר א פינסטערען אבגרונד. ווען ניט די צוגעהעריגקייט צו דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען, וואָס האָט גראָד יעמאָלט פּאַנאַנדערגעוויקעלט איהר גראַנדיעזען קאַמף מיט דער רו־סישער רעגיערונג; ווען ניט דער קישינעווער פּאָגראָם, וואָס האָט מיך געצוואונגען צו רעווידירען מיין אידישען פּראָגראַם, און ווען ניט די באמת ברידערליכע, ליעבעפולע הילף פון מיין פריינד און חבר ש. ראַפּאָפּאָרט (אַנ־סקי), וואָס איז ארומגעגאַנגען ארום מיר, ווי ארום א קראַנקען קינד, וואָלט איך מיך אסור ארויסגעדרעהט פון דער מאכט פון דעם שוואַרצען תהום.

א גוטער פּסיכאָלאָג, אינסטינקטיוו א פּסיכיאַטער, האָט אַנ־סקי זיין גאַנצע טאַקטיק אָנגעווענדט דערויף, איך זאָל ניט בלייבען אליין, און איך זאָל לאַנג ניט בלייבען אויף איין פּלאַץ. פּלעגען מיר זיך ארום טראָגען איבער די וואונדערשעהנע ערטער ארום בערן, אין דער שווייץ.

אין יענע שווערע טעג, ווען איך האָב שוין אָבער מיט מיין גאַנצען עצם דערשפּירט, אז דאָס שרעקליכסטע איז אריבער, אז די קאַטאַסטראָפע אין מיין פּערזענליכען לעבען וועט מיך ניט צו־ברעכען, און אז מיין צוגעבונדענקייט צו די אויפגאַבען, וואָס איך האָב מיר געשטעלט, איז נאָך געוואָרען שטאַרקער, איידער ווען עס

אין פריהער, האָב איך בעקומען אַ בריעף פון מיין פריינד דר. דוד פאַרבשטיין פון ציוריך, — אַ בריעף, אויף וועלכען איך האָב מיך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געריכט.

דר. דוד פאַרבשטיין, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט פאַר די ציורי־כער אַרבייטער, וואָס האָבען איהם אויסגעוועהלט אין קאַנטאָנס־ראַט (ער איז איצטער אַן „אָבער־ריכטער", אויסדערוועהלט ווי אַ קאַנדידאַט פון דער ציוריכער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי), און אַ ציוניסט פאַר דאָס אידישע פאָלק (ער איז יעמאָלט געוועזען אַ מיטגליעד פון דעם ציוניסטישען אַקציאָנס־קאָמיטעט) איז מיר תמיד געוועזען סימפּאַטיש פאַר זיין אָפענקייט, עהרליכקייט און דעם אייגענעם קאָפּ אויף די אַקסלען; נאָר ווי אַ אידישער פּאָ־ליטישער טהוער איז ער געווען אַ פּרינציפּיעלער געגנער פון מיינע אידיש־סאָציאַליסטישע שטרעבונגען.

זיין טהעאָריע איז יעמאָלט געוועזען, אַז אַ סאָציאַליסט דאַרף מען זיין נאָר פאַר די גוים, ווייל מען איז אַ סאָציאַליסט און די גוים נויטיגען זיך שוין אין סאָציאַליזם. דעם אידישען פאָלק קאָן אָבער דער סאָציאַליזם אין גלות ניט ברענגען קיין ברעקעל נוצען. דעריבער האָבען מיר, אידען, גאָר איין איינציגען פּראָגראַם: די נאַציאָנאַלע ווידערבעלעבונג אין ארץ־ישראל. פון נאַציאָנאַלע גלות־אַרבייט, פון „בונדיזם" און פון דעם, וואָס מען רופט איצטער „אידישיזם" האָט ער ניט געוואָלט הערען אַ וואָרט.

אָבער עפּענטליך פלעגט ער זעלטען־זוען, אָדער כמעט גאָרניט, אַרויסטרעטען אַנטקעגען אונז. ער איז געווען אין גאַנצען אַריינגע־טהאָן אין דער שווייצארישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער בעוועגונג און אין דעם ציוניזם און האָט זיך אין אונזערע „רוסישע" אַנגעלע־גענהייטען ניט געמישט.

איך, צוריק, האָב געבויט אַלע מיינע אידישע האָפענונגען אויף דער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט פון דעם אידישען פאָלק אין גלות און אויף אונזער אַנטיילנעהמען אין דער רוסישער סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערער בעוועגונג.

דר. פאַרבשטיין האָט גוט געוואוסט, אַז איך בין אַ פערבי־טערטער געגנער פון דעם ציוניזם, דער עיקר דערפאַר, וואָס ער, דער קאָזאַק, לייקענט די נאַציאָנאַלע אַרבייט אין גלות און וואָס ער

קעמפט אנטקעגען אונזער אנטיילנעהמען אין דער רוסישער רעוואָ־ ליוציע. זיין בריעף האָט מיר דעריבער נאָך מעהר פער׳חדוש׳ט.

אין דעם בריעף האָט מיר דר. פּאַרבשטיין געלאָזט וויסען, אז דר. הערצל האָט איהם געבעטען, ער זאָל ביי מיר אָנפרעגען, צי קאָן איך ניט קומען צו איהם, דר. הערצל׳ען, קיין באזעל: ער דאַרף זיך מיט מיר זעהען אין זעהר א נויטיגען און וויכטיגען ענין. (וועגען דעם ענין גופא איז א וואָרט ניט געווען אין בריעף).

ערשט לייענענדיג דעם בריעף, האָב איך מיך דערמאָהנט, אז אין באזעל דאַרף די טעג פאָרקומען דער יעהרליכער ציוניסטישער קאָנגרעס. אָבער — אויף וואָסער פייער קאָן מיך דאַרפען דר. הערצל? וואָס פאַר עסקים קאָן ער האָבען צו מיר?

אמת, איך בין נאָך דעם קישיניאָווער פּאָגראָם געוואָרען א טעריטאָריאַליסט. איך האָב מעהר דערשפּירט מיט׳ן הארצען, איי־ דער איינגעזעהען מיט׳ן שכל די נויטיגקייט פון אן אייגען לאַנד פאַר אונזער פּאָלק, ניט אויפגעבענדיג א ברעקעל פון מיינע פריהער־ דיגע אידעאַלען און פאָדערונגען. אבער דר. פּאַרבשטיין האָט נאָך דערפון ניט געקאָנט וויסען, און דר. הערצל אודאי ניט. און אפילו ווען דר. הערצל וואָלט זיך שוין יע אינטערעסירט מיט מיינע אנ־ שויאונגען אויף די אידישע פּראָבלעמען, איז דאָך פון טעריטאָריאַ־ ליזם ביז ציוניזם נאָך א גאַנץ ווייטער מהלך, און אויף אַלע פעלע האָט דר. הערצל גאָר נישט ניט, וואָס צו זוכען ביי מיר. און איך ביי איהם — אודאי ניט.

איז ביי מיר געבליעבען, איך זאָל געבען א נעגאַטיווע תשובה אויף דעם בריעף: פשוט אן עבירה ארויסוואַרפען צייט, בעת איך מוז יעדע ארבייטס־פעהיגע שעה (זיי זענען געווען ביי מיר, ברוך השם, ניט פיעל אין יענעם צושטאַנד מיינעם) אוועקגע־ בען פאַר נויטיגערע זאַכען.

אָבער דער פאַקט, וואָס דער בריעף איז געשריעבען פון דר. פּאַרבשטיין׳ען האָט מיך געצוואונגען, בעציעהען זיך ערנסטער צו דעם פאָרשלאַג, און נאָך א ישוב־הדעת מיט אַנ־סקי׳ן, האָב איך געענטפערט, אז איך בין שטאַרק בפרנומען און איך וויים ניט, צי איך וועל קאָנען פאָהרען. אבער אויב דער ענין איז באמת זעהר א

וויכטיגער, זאָל ער מיר תיכף שרייבען, וועל איך אַנווענדען אַלע מיינע מעגליכקייטען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בעקום איך אַ דעפּעשע פון באַזעל: „זעהר וויכטיג. אונבעדינגט קומען".

אויף מאָרגען אין דער פריה זענען מיר, איך און אַנ־סקי, שוין געווען אין באַזעל, אין דעם זאַל פון דעם קאָנגרעס.

איך האָב געלאָזט אַרויסרופען דר. פאַרבשטיין'ען, און ער האָט מיך גלייך צוגעפיהרט און פאָרגעשטעלט פאַר דר. הערצ'לען. דר. הערצל האָט מיך געבעטען אַריינגעהן מיט איהם אין זיין „פּרע־זידענטען־צימער" און האָט פאַרזיכטיג פאַרמאַכט די טהיר הינטער זיך.

הערצעל'ס פיגור איז גוט בעקאַנט פון די בעשרייבונגען און די פאָטאָגראַפישע בילדער, איך זאָל זיך דאַרפען אָבשטעלען אויף איהר שילדערונג. איך וויל נאָר בעמערקען, אז איך האָב אין אָנ־הויב אויך געשפּירט אַ ברעקעל פון יענער „יראת הרוממות", וואָס אַ סך מענשען האָבען דורכגעפיהלט, בעת זיי זענען צום ערשטען מאָל געשטאַנען פּנים לפּנים מיט יענעם געוויס, גרויסען מאַן.

אַ הויכער, שעהנער, אַ י ד י ש שעהנער מאַן, און זיין יעדער קעהר איז געווען פול מיט גראַציע און ענערגיע. אַ שמץ פון לאַ־סאַל'ן האָט ער זיך געהאַט אין זיך. געשטערט האָבען נאָר זיי־נע ליפּען: בלוט־רויטע, אויפגעריסענע, אַביסעל פערקאַשערטע; נשמיות'דיגע, תאוה'דיגע, הנאה'דיגע. זיי האָבען שטאַרק קאָנ־טראַסטירט מיט דער שוואַרצער רעהם פון זיינע באָרד און וואָנצען און מיט דעם רוחניות'דיגען אויסדרוק פון זיין געזיכט.

די ערשטע פראַגע זיינע, מיט וועלכער ער האָט מיך בעגעג־נענט, איז געווען:

— איך האָב דאָך די עהרע צו רעדען מיט דעם פיהרער פון דעם „בונד"?

— ניין, — ענטפער איך — איך געהער ניט צו דעם „בונד".

אַ רגע זענען מיר ביידע נשתומם, אָבער דר. הערצל געפינט זיך באַלד.

— דאָס מאַכט ניט אויס! איהר זענט דאָך דער פיהרער פון די אידישע רעוואָליוציאָנערען?

— ניין, אויך דאָס ניט. איך געהער ניט צו קיין שום אידי־שער פּאַרטיי. איך בעלאַנג צו דער רוסישער פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָליוציאָנערען. אָבער איך בין אַ איד, און די אינטערעסען פון אונזער פאָלק זענען מיר טייער.

ווידער זענען מיר ביידע נשתומם: ער — וואָס ער האָט זיך, משמעות, געווענדט ניט אויף דעם ריכטיגען אדרעס, און איך: וואָס פאַר עיסקים האָט ער פאַר די אידישע רעוואָלוציאָנערען?

— אָבער איהר קענט מיך צונויפפיהרען מיט דעם „בונד"? — פרעגט ער שוין מיט אַ ניעדריגערען טאָן.

— גאַנץ געוויס, זאָג איך. איך מוז אָבער פריהער וויסען, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

— איז — הערט! („אַלזאָ, הערען זי!")

דאָס, וואָס דר. הערצל האָט מיר מיטגעטיילט, און וואָס איך גיב איצטער פערעפענטליכען, קלינגט אַזוי סענסאַציאָנעל, אַזוי „שונד־ראָמאַניש", אַז אויב איך וואָלט איצטער געשריבען אַ „העכסט־אינטערעסאַנטען" ראָמאַן, וואָלט איך גאַנץ געוויס גע־האַט אַ רעכט צו פערענדיגען דעם קאַפּיטעל מיט „אַלזאָ. הערען זי" און אַוועקשטעלען: „פאָרטזעצונג פאָלגט". וואָס איך דער־צעהל דאָ, זענען אָבער פ א ק ט ע ן און איך בין אַליין פער־אינטערעסירט, צו פערעפענטליכען זיי.

מיר האָבען זיך אַוועקגעזעצט. און דר. הערצל האָט מיר מיט־געטיילט טרוקען און געשעפטס־מעסיג.

— איך קום איצטער פון פאָן־פּלעווען. איך האָב דעם פּאָזי־טיווען פערבינדליכען צוזאָג פון איהם, אַז ער וועט אין מאַק־סימום פופצעהן יאָהר אויסווירקען פאַר אונז אַ טשאַרטער אויף פּאַלעסטינאַ. דאָס איז אָבער פערבונדען מיט איין תנאי: די אידישע רעוואָלוציאָנערען זאָלען אָבשטעלען זייער קאַמף אַנט־געגען דער רוסישער רעגירונג. באַם אין פופצעהן יאָהר פון דעם אָבמאַך, וועט פאָן־פּלעווע ניט אויסווירקען דעם טשאַרטער, זע־נען זיי ווידער פריי צו טהאָן, וואָס זיי געפינען פאַר נויטיג.

2.

דער לעזער, וועלכער געדענקט. אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד איך בין געווען, בעת איך בין געפאָהרען צו דר. הערצ׳לען, וועט געוויס זיך קאָנען לייכט אויסמאָלען, ווי עס האָט אויף מיר געמוזט ווירקען זיין מיטטיילונג, אַז פאָן־פּלעהווע נעהמט זיך אונטער צו בעקומען פאַר אונז אַ טשאַרטער אויף ארץ־ישראל, באַם מיר וועלען אַבשטעלען די אידישע רעוואָליוציאָנערע בעוועגונג אויף פופצעהן יאָהר.

דער אויסדרוק: „עס איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען“, וואָלט געוועזן די פּאַסענדסטע בעשרייבונג פאַר יענעם רושם, וועלכען זיין מיטטיילונג האָט אויף מיר געמאַכט. אין מיין פאַל וואָלט ער ניט בעטייט קיין איין ברעקעל גוזמא.

אַ שטראָם פון שווערע געפיהלען האָט פּלוצלינג ארומגענומען מיין הארץ; דער געפיהל פון אַ סכנה, וואָס שוועבט איבער אונזערע קעפּ, איז געווען דער הערשענדער געפיהל אין יענעם שטראָם. איך קאָן איצטער ניט זאָגען אויף געוויס, אין וואָס איך האָב דערשפּירט די סכנה. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז פשוט געווען אַן אַבנאָרמאַ־לער אַנגסט־געפיהל, — אַ פּראָדוקט פון מיינע צורודערטע נערווען אין יענער צייט. אָבער פון דעם אַנגסט־געפיהל איז תיכף ארויס־געוואַקסען אַ געפיהל פון קאַלטער שנאה צו דעם מאַן, וואָס איז געזעסען אַנטקעגען מיר. איך האָב איהם פּלוצלינג גענומען חושד זיין אין עפּעס אַזוינס, וואָס איך וויל גאָר איצטער ניט ארויפּברענגען אויף די ליפּען. און נאָך אַנדערע, גלייך שווערע און קאַלטע געפיה־לען האָבען מיך יעמאָלט טיעף געפּייניגט.

עס האָט מיך געקאָסט די גרעסטע אַנשטרענגונג פון מיין ווי־לען, איך זאָל גובר זיין דעם ים פון קאַלטען חושך, וואָס האָט מיך ארומגענומען, און רוהיג, מיט אַ קלאָרען קאָפּ אויסהערען זיינע רעד.

די הענד, צונויפגעשרענקט צווישען די קניע, דעם קאָפּ אראָב־געלאָזט אויף דער ברוסט, האָט ער נאָך עפּעס גערעדט וועגען דער וויכטיגקייט פון דעם מאָמענט, וואָס מיר לעבען איצטער דורך, און וועגען אונזער חוב ניט דורכצולאָזען אַזאַ זעלטען־גייסטיגע געלע־גענהייט.

— ווילט איהר מיר העלפען אין דעם ? — האָט ער מיך צום סוף געפרעגט און האָט אויפגעהויבען די אויגען אויף מיר.

אין דעם בליק פון זיינע שעהנע, גרויסע אויגען איז געלעגען אזוי פיעל ערנסט, אזוי פיעל צער, אז ער האָט ארויסגערופען א גאַנצע איבערקעהרעניש אין מיין שטימונג. דער קאַלטער חושך איז פלוצלינג פערשוואונדען פון מיר. אמת, איין רגע איז אין מוח דורכגעפלויגען דער נקמה־געדאַנק, איך זאָל איהם צונויפפיהרען מיט דעם „בונד". חברה וואָלט שוין געוואוסט, ווי אויסצוקאָכען דערפון א סם־המות פאר דעם ציוניזם און פאר דעם רוסישען מי־ניסטער. אָבער דר. הערצל'ס ערנסט־טרויעריגער בליק האָט תיכף פערטריעבען דעם געדאַנק, איך זאָל איהם צונויפפיהרען, און ער אַליין איז ערשיענען פאר מיר אין א גאַנץ אַנדער שיין: פאר מיר איז געזעסען א — קינד! א גרויס, עהרליך און גרענצענלאָז־נאאיוו קינד, אין וועמעס הענד די געשיכטע האָט שיער ניט אוועקגעלעגט דעם גאַנצען גורל פון אונזער פאָלק.

א געפיהל פון רחמנות האָט זיך דערוועקט אין מיר, און איך האָב דערשפירט, אז איך קאָן איהם ניט „איבערליפערען אין די הענד" פון דעם „בונד". איך האָב איהם געענטפערט, אז איך מוז מיך גאַנץ פאזיטיוו אָבזאָגען פון דער מיסיע.

— און ווילט איהר אָננעהמען מיין עצה, הערר דאָקטאָר ? — האָב איך צוגעגעבען: זוכט ניט קיין צונויפקונפט מיט דעם „בונד". וואַרפט איבערהויפט ארויס פון זינען יעדען געדאַנק וועגען דעם ענין.

— פאר וואָס ?

איך האָב איהם געמוזט דערקלעהרען די גאַנצע אויסזיכטס־לאָזיגקייט פון זיין שריט.

קודם, איז די מאַיאָריטעט פון די אידישע רעוואָליוציאָנערען ניט געשטימט אידיש־נאַציאָנאַל. אָביעקטיוו איז געוויס אמת, אז די גרויסע צאָהל אידען אין דער רוסישער רעוואָלוציע דערקלעהרט זיך דורך דער אידישער לאַגע, אָבער סוביעקטיוו קעמפט ניט דער אידישער רעוואָלוציאָנער פאר די אינטערעסען פון זיין פאָלק. דאָס רוב קוקט אויף זיך, ווי אויף ר ו ס ע ן, וואָס גיבען אוועק זייער לעבען פאר דער בעפרייאונג פון רוסלאַנד. אפילו ווען זיי

וואָלטען געגלויבט אז ארץ־ישראל איז אָן ענטפער אויף דער אי־דישער פראַגע און אז פאָן־פלעווע קאָן אויסווירקען א טשאַרטער, וואָלטען זיי אויך ניט געקאָנט פועל'ן ביי זיך, צו פערראַטען די אינטערעסען פון זייער קאמף צוליעב א זייטיגען, פרעמדען ענין.

אָט די מאַיאָריטעט פון די אידישע רעוואָלוציאָנערען געהערט ניט צו דעם „בונד“. ווען אפילו דער „בונד“ זאָל זיך צוריקציהען פון דעם רעוואָלוציאָנערען קאמף, וועט דאָס ניט האָבען די וויר־קונג, אויף וועלכען פלעווע האָפט; עס וועלען בלייבען גענוג אידען אין דער רעוואָלוציע, וואָס וועלען אויפהאַלטען זיין איליוזיע, אז זי „ווערט געמאַכט“ פון אידען.

אָבער אויך דער „בונד“, וואָס איז גאַנץ זיכער דורכגעדרונגען מיט אידישע נויטען און אינטערעסען, אויב ניט מיט א גאַנץ קלאָה־רען נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין, וועט בשום אופן ניט אָננעהמען פלעהווע'ס פאָרשלאַג; מיר, אידישע רעוואָלוציאָנערען, אפילו די נאַציאָנאַלסטע פון אונז, זענען ניט קיין ציוניסטען און גלויבען ניט, אז דער ציוניזם זאָל קענען פערענטפערען אונזער פראַגע. אריבערפיהרען דאָס אידישע פאָלק פון רוסלאנד קיין ארץ־ישראל איז אין אונזערע אויגען אן אוטאָפּיע, און צוליעב אן אוטאָפּיע וועל־לען מיר זיך ניט אָבזאָגען פון יענעם וועג, אויף וועלכען מיר זענען ארויפגעטרעטען, — דעם וועג פון דעם רעוואָלוציאָנערען קאמף אנטקעגען דער רוסישער רעגיערונג וואָס דאַרף פיהרען אויך צו דער בעפרייאונג פון דעם אידישען פאָלק. זאָלען די איצטיגע פיהרער פון דעם „בונד“ אָננעהמען דעם פאָרשלאַג און זאָלען אפילו זיינע מאַ־סען צושטעהן צו איהם, וואָלט דאָס אפשר אויף א ווײַלע א ביסעל מטושטש געמאַכט די מוחות, אָבער עס וואָלט ניט לאַנג געדויערט, און אן אַנדערע אידיש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, מיט דיזעל־ביגע אויפגאַבען, ווי דער „בונד“, וואָלט ארויסגעשפּרונגען פון אונ־טער דער ערד.

א חוץ דעם איז פאָן־פלעהווע, ווי די רוסישע רעגיערונג בכלל, ניט דער צד, אויף וועמעס ווערטער און הבטחות מען קאָן וואָס עס איז בויען. איך ווייס, פערשטעהט זיך ניט, אויף וויפיעל פאָן־פלעווע אין געווען ערנסט, ווען ער האָט געמאַכט אזא קאַטעגאָ־רישען צוזאָג און פון וואַנען ער שעפּט די זיכערקייט, אז ער קאָן

מקיים זיין זיין הבטחה. אָבער איין זאַך איז פאַר מיר ריין פון יעדען ספק: פאָן־פּלעווע קאָן צוזאָגען עפּעס אַזוינס, וואָס ער אַליין ווייס אויף זיכער, אז ער וועט דאָס קיין מאָל גאָר ניט פּרובען מקיים זיין. וואָס ער וויל, איז אַריינברענגען אַ דעמאָראַליזאַציע אין די אידישע רעוואָלוציאָנערע קרייזען, מאַכען קאַמף־אונפעהיג אַ געוויסען טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע.

דאָס ליעגט צו קלאָהר אויף דער האַנד, דער „בונד" זאָל עס ניט זעהען, און אויב ער וועט פונדעסטוועגען זיך אַריינלאָזען אין אונטערהאַנדלונגען וועגען דעם ענין, קאָן מען לכתחילה זיין זיכער, אַז דאָס פיהרט ער איינעם אין חדר, אז ער וויל פון דעם גאַנצען געשעפט אַרויסשלאָגען פּאָליטישען קאַפּיטאַל פאַר זיין קאַמף אַנט־געגען דעם ציוניזם און דער רעגיערונג. איבערהויפּט אַנטגעגען דעם ציוניזם. די גאַנצע אידישע ליבעראַלע געזעלשאַפט וואָלט זיך מיט אַ פערדאָפּעלטער ענערגיע אַריינגעוואָרפען אין קאַמף אַנטגעגען יע־נער בעוועגונג. די לאַגע פון דעם ציוניזם איז שוין אַזוי אויך גענוג צווייפעלהאַפט, ווען ער האַלט זיך פון דער וויטענס צו דער רע־וואָלוציע. זיין לאַגע וואָלט געוואָרען אַן אונמעגליכע אין דעם אי־דישען לעבען, ווען מען וואָלט איהם געקאָנט בעווייזען, אַז ער אונטערנעהמט פּאָזיטיווע שריט, ווי אַזוי דירעקט צו שאַדען דעם אידישען רעוואָלוציאָנערען קאַמף.

אָט די אַלע אַרגומענטען, וואָס איך גיעב דאָ איבער בקיצור און אין אַ מעהר אָדער ווענינער לאָגישער אָרדענונג, האָב איך יע־מאָלט ענטוויקעלט אין אַ האַסטיגען, נערוועזען געשפּרעך, מיט פראַ־גען און ענטפערס, וואָס האָבען קלאָר געמאַכט דר. הערצל'ען מיין שטאַנדפּונקט.

צום סוף האָב איך איהם געזאָגט:

— עס איז ניט מיין עסק אַריינצומישען זיך אין אייערע פּאָ־ליטישע חשבונות. אָבער מיר דוכט, עס וואָלט געווען אַ סך גלייכער פאַר אייך, ווען איהר זאָלט מיט דער רוסישער רעגיערונג אי־בערהויפּט ניט האָבען קיין ברעקעל מגע ומשא. ובפרט מיט דעם מיניסטער פאָן־פּלעווע. איך האָב גענוג וואָגיגע טעמים צו גלויבען, אַז אויב ניט די טעג פון דעם מיניסטער'ס לעבען, זיינע חדשים זענען געווים געצעהלטע...

דר. הערצעל האָט פערשטאַנען אויף וואָס איך בין מרמז. ער האָט זיך פערטראַכט. איך וויים ניט, וועלכער פון מיינע ארגומענ־טען האָט געווירקט אויף איהם מעהר פון אַלע, אָבער אין אַ ווײַלע ארום האָט ער זיך צו מיר אָבגערופען:

— איהר זיינט גערעכט. לאָמיר דאָס לאָזען פאַלען.

— אָבער גאָר ניט טראַכטען וועגען דעם!...

— זייט זיכער, פון מיין זייט איז די זאַך אבסאָלוט בעגראָ־בען. איך וואָלט וועלען, אויך איהר זאָלט מיר צוזאָגען, אז אונזער היינטיגער געשפּרעך וועט בלייבען צווישען אונז.

איך האָב איהם פערזיכערט, אז פון מיין צד וועט די זאַך ניט אריינדרינגען אין דער עפענטליכקייט.

מיר זענען אויפגעשטאַנען, און איך האָב מיך שוין געוואָלט פאַנאַנדערזעגענען מיט איהם.

— איהר פאָהרט דאָך נאָך ניט אוועק? — האָט ער זיך גע־ווענדעט צו מיר. בלייבט שוין דעם טאָג אין באַזעל. איך וואָלט גרייליך געוואָלט זיך דורכרעדען מיט אייך וועגען נאָך אַ פּאָר ענינים. ליידער קאָן איך ניט אָבריסען פאַר אייך דעם גאַנצען טאָג. אָבער אויב דאָס איז מעגליך, וואָלט איך אייך געבעטען צו בליי־בען דאָ ביי מיר אין צימער, און יעדע פרייע מינוט, וואָס איך וועל האָבען, וועל איך קומען צו אייך.

איך האָב אָנגענומען זיין איינלאַדונג, און תיכף דערויף האָט ער זיך ענטשולדיגט, וואָס ער מוז מיך שוין פערלאָזען.

איך בין געבליבען אַליין.

.3

ווען דר. הערצל איז ארויסגעגאַנגען פון צימער, האָט איך לייכ־טער אָבגעאָטהעמט, ווי אַ קאַשמאַר וואָלט אראָבגעפאַלען פון דער ברוסט. עס איז ביי מיר קיין ספק ניט געווען, אז זיין אוואַנטיורע מיט דעם רוסישען מיניסטער פאָן־פּלעווע האָט געפּלאַצט און אז ער וועט ניט זוכען צו בענייען זי אין אַ וואָסער עס איז פאָרם. אָבער דער פאַקט אַליין פון דער אוואַנטיורע האָט געמוזט ארויסרו־פען אין מיר אַ גאַנצען קנויל פראַגען, אין וועלכע איך האָב מיך געוואָלט פאַנאַנדערקלייבען, ווען איך בין געבליבען אַליין.

דר. ח. זשיטלאָווסקי

פון וועמען שטאַמט דער געניאַלער פּלאַן, אָבצושטעלען די אי־דישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג פאַר דעם פּרייז פון אַ טשאַרטער אויף ארץ ישראל? איז דאָס פּלעווע׳ס אַ שמד־שטיק אָדער דר. הערצל׳ס אַן ערנסט געמיינטער פּאָליטישער שריט?

איך האָב געוואוסט פון די צייטונגען, אַז דר. הערצל איז נאָך דעם קישינאָווער פּאָגראָם געפאָהרען צו פאָן־פּלעווען קיין פּעטער־בורג. איך האָב אויך געוואוסט, אַז דאָס האָט אין אַלע בעסערע אידישע קרייזען ארויסגערופען אַ פערוואונדערונג איבער דר. הערצל׳ס טאַקטלאָזיגקייט, צו פיהרען אונטעררעדונגען מיט דעם גרעסטען שונא פון אידישען פאָלק. האָט איהם אפשר פּלעווע ארויסגערופען צו זיך, כדי מיט דעם ציוניזם צו בעקעמפען די רעוואָלוציע?

ניין, דאָס לעגט זיך ניט אויפ׳ן שכל. פּלעווע, דער גרויסער בקי אין די רעוואָלוציאָנערע אנגעלעגענהייטען, — מען האָט דאָך איהם די גרעסטע שטעלע געגעבען דערפאַר, וואָס ער איז תמיד געווען אַ גרויסער בקי אין פערפאָלגען רעוואָלוציאָנערען, — פּלעהוע האָט געמוזט וויסען צו גוט, אַז די אידישע רעוואָלוציע און דער ציוניזם האָבען צווישען זיך קיין ברעקעל מגע ומשא ניט, אַז זיי זיי־נען ווי פייער און וואַסער און אַז גיכער וועט דער פייער פון דער רעוואָלוציע אויסטריקענען דאָס וואַסער פון דעם ציוניזם, איידער די ציוניסטישע וואַסערען זאָלען קאָנען אויסלעשען דעם רעוואָלו־ציאָנערען בראַנד. ער האָט קיין רעכט ניט געהאַט אַ טראַכט צו טהאָן, אַז הערצל און דער ציוניזם קאָנען איהם ווי עס איז העלפען אין דעם קאַמף אַנטקעגען דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג.

איז, הייסט עס, הערצל פון זיך אויס געפאָהרען צו פּלעהווען מיט דעם דאָזיגען פּלאַן? אויף איהם וואָלט איך דאָס געגלויבט.

אַן אויסלענדישער איד, וואָס האָט קיין שום השגה ניט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, האָט ער געקענט מיינען, אַז די אידישע רעוואָלוציאָנערען זיינען די איינציגע פיהרער און מאַכער פון דער רוסישער פרייהייטס־בעוועגונג. אַ וואַרעם אידיש האַרץ מיט אַ געזונטען נאַציאָנאַל געפיהל, וואָס שטעלט די אינ־טערעסען פון דעם אידישען פאָלק העכער פאַר אַלץ אין דער וועלט, האָט זיך איהם געקאָנט דוכטען, אַז אויב די אידישע רעוואָלוציאָ־

נערען קעמפּפען קודם כל פאַר דער בעפרייאונג פון דעם אייגענעם פאָלק. זיי זיינען ניט קיין ציוניסטען דערפאַר, ווייל זיי זיינען צו פּראַקטישע מענשען און קאָנען ניט גלויבען, אז טערקיי וועט — מיר־נישט, דיר־נישט — אוועקגעבען די אידען איינע פון איהרע פּראָווינצען. זאָל מען אָבער קומען מיט א פּאַרטיגער זאַך, — א טשאַרטער, אָדער א זיכערען צוזאָג אויף א טשאַרטער, — וועלען זיי זיך געוויס אָנכאַפּען דערפאַר מיט ביידע הענד.

אָבער וועלכע רעגיערונג קאָן זיין פּעראינטערעסירט אין דעם, אז די אידען זאָלען די רוסישע רעוואָלוציע אויסבייטען אויף א טערקישען טשאַרטער? עס איז קלאָר, אז דאָס דאַרף זיין די רוסישע רעגיערונג. איז — זאָל די רוסישע רעגיערונג גאַראַנטירען דעם טשאַרטער, וועט זי פּטור ווערען פון דער אידישער רעוואָלוציע. עס איז א גלייכער שדוך, וואָס לוינט פאַר ביידע צדדים. בלייבט נאָר — צונויפפיהרען די מחותנים...

און אפשר איז הערצל געפאָהרען קיין פּעטערבורג אָהן א בער־קעל געדאַנק וועגען דער אידישער רעוואָלוציע און וועגען דער שטע־לונג פון די רעוואָלוציאָנערען צו דעם ציוניזם. מיר דוכט, אז דאָס איז וואהרשיינליכער. ער איז איבערהויפּט געווען צו „לאָיאַל“ צו די הערשענדע מעכטע, — ווי עס שיקט זיך פאַר א דיפּלאָמאַט, וואָס האָט צו טהאָן מיט די „מלכיות“, — ער זאָל זיך ווען עס איז אינטערעסירען מיט רעוואָלוציאָנערען, און אריינציהען זיי אין זיין חשבון. ערשט אין פּעטערבורג, בעת דער אונטעררעדונג מיט פּלעה־ווע'ן, האָט געמוזט געבוירען ווערען דער געדאַנק וועגען דעם גליי־כען שדוך.

געפאָהרען איז ער, פערשטעהט זיך, נים, כדי משתדל צו זיין זיך פאַר דאָס פאָלק ישראל און אויפצוואוועקען רחמנות צו אונז אין פּלעהווע'ס הארץ. ער איז געפאָהרען, ווי א פּאָליטיקער, וואָס קוקט ניט אויף סענטימענטען, נאָר אויף א י נ ט ע ר ע ס ע ן. „רוסלאַנד“ האָט קלאָר ארויסגעוויזען אין דעם קישינאָווער פּאָגראָם, אז עס וויל פּטור ווערען פון זיינע אידען. זאָל „רוסלאַנד“ העלפען דעם אידישען פאָלק בעקומען דעם טשאַרטער.

אָבער — ווער איז רוסלאַנד?

הערצל'ס „פּאָליטיק“ איז געבויט אויף ריינער דיפּלאָמאַטיע.

וואָס גלויבט ערנסט, אַז די פּאָליטישע געשיכטע פון דער מענש־הייט ווערט געמאַכט פון אַ פּאָר מענשען, אַ פּאָר פיהרער, און אַז וואָס זיי מאַכען אָב צווישען זיך, ווערט דער אינהאַלט פון דער פּאָליטישער געשיכטע.

רוסלאַנד, — דאָס איז איצטער פאַן פּלעהווע. דאָס אידישע פּאָלק, — דאָס איז איצטער דר. הערצל, — צוויי פערנינפטיגע מענשען, וואָס דאַרפען קאָנען געפינען אַן אויסוועג, וועלכער זאָל בעפריעדיגען ביידענס אינטערעסען. ערשט די אונטעררעדונג מיט פאַן פּלעהווע'ן האָט געמוזט ארויסברייגגען די נויטיגקייט — אריינצוציהען אין דעם עסק נאָך אַ דריטען פאַקטאָר: די אידישע רעוואָלוציע.

איך שטעל מיר פאָר אַ טייל פון יענעם געשפּרעך, וואָס האָט געקאָנט פאָרקומען צווישען דעם אידישען דיפּלאָמאַט און דעם רו־סישען אויבער־פּאָליציי־שפּיצעל, וועמעס גאַנצער שכל איז אריינ־געטהאָן אין איין איינציגען רעיון: ווי אַזוי „אויסצואוואָרצלען די קראַמאָלאַ“.

— „אייער עקסעלענץ מוז וויסען זיין, אַז מיר ציוניסטען בע־טראַכטען דעם אַנטיסעמיטיזם פאַר אַן אונפערמיידליכע ערשיינונג, כל זמן אידען וועלען זיין אין גלות. מיר האָבען דעריבער קיין ברע־קעל האָפענונג ניט, אַז אייער עקסעלענץ זאָל געבען אידען גלייכע רעכט, אָדער אַז די גלייכע רעכט זאָלען קאָנען אָבשאַפען און פער־ענטפערען די אידישע פראַגע. דער איינציגער ענטפער דערויף איז —פּאַלעסטינאַ, און אויב איהר וואָלט אונז געקאָנט העלפען דורכ־פיהרען אונזער פּלאַן, וואָלט די רוסישע רעגיערונג פטור געוואָרען פון די אידען, פון דער אידישער פראַגע און דעם אַנטיסעמיטיזם“.

— „אַנטיסעמיטיזם? איהר האָט אַ טעות, הערר דאָקטאָר, אויב איהר מיינט, אַז די רוסישע רעגיערונג איז אַנטיסעמיטיש. אדרבה, מיר רעכענען, אַז אונטער געוויסע בעדינגונגען וואָלט דאָס אידישע פאָלק גאַנץ גוט געקאָנט בלייבען וואוינען אין רוסלאַנד און זיין איהר ניצליך אין אַ סך וויכטיגע פּרטים. די צרה איז אָבער מיט די אידען, דערהויפּט מיט דער אידישער יוגענד. אונזער גוט און עהרליך פּאָלק קאָן שוין מעהר ניט אריבערטראָגען, ווי די אי־דישע יוגענד גראָבט אונטער מיט איהר רעוואָלוציאָנערער טהע־

טינקייט אונזערע הייליגסטע היסטאָרישע טראַדיציעס, די יסודות פון אונזער מאָנארכישען רעזשים. די עלטערען האָבען אזוי פאַנאנאַדערגעלאָזען דעם יונגען דור, אז פון זיין חוצפה איז ניט אויסצוהאַלטען".

— „עס קאָן זיין, עקסעלענץ. אָבער זעהט איהר איין, אז מיר בעוועגען זיך דאָ אין אַ פער'כשופ'טען קרייז? מען פערפאָלגט די אידען, ווייל זיי זיינען רעוואָלוציאָנערען, און זיי זיינען רעוואָלוציאָנערען, ווייל מען פערפאָלגט זיי. איז שוין ניט גלייכער ראַדיקאַל אָבצושאפען דעם פער'כשופ'טען קרייז דורך דעם, וואָס די אידען וועלען פרייוויליג פערלאָזען דאָס לאַנד".

— „פון מיין זייט זאָל דערצו קיין מניעה ניט זיין און מיט וואָס איך וועל קאָנען, וועל איך העלפען. אָבער די אידען דאַרפען די ערשטע בעווייזען, אז זיי ווילען דאָס: זאָלען זיי אָבשטעלען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג".

— „איך בין זיכער, עקסעלענץ, אז זיי וועלען דאָס טהאָן. זאָל נאָר אייער עקסעלענץ געבען אונז די פעסטע פאַרזיכערונג, אז איהר וועט אונז העלפען אין אונזערע פערהאנדלונגען מיט דער טערקיי, און איך גלויב, אז עס וועט פערשווינדען יעדער גרונד צו אַ אידישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג".

— „איהר גלויבט אזוי? איז דאָך אודאי רעכט, הערר דאָקטאָר. אדרבה, רעדט זיך דורך מיט די אידישע רעוואָלוציאָנערען, איהר קענט זיי אין מיין נאָמען אבסאָלוט פערזיכערען, אז..."

און דער פאָליציי־פוקס רייבט זיך פון פערגעניגען די הענד. וואָס דערפון זאָל ניט אַרויסקומען, אַ צוטומלונג פון די אידישע רעוואָלוציאָנערע רייהען קאָן אודאי זיין דער רעזולטאַט דערפון. דאָס אַליין איז שוין אַ געווינס.

און דער נאַאיווער דיפּלאָמאַט האָט פאר זיך איצטער אַ נייע אויפגאבע: געווינען די אידישע רעוואָלוציע מיט דער הילף פון פּלעווע'ס צוזאָג.

„ו ו ע ר" איז די אידישע רעוואָלוציע? — דאָס וועט ער שוין אויסגעפינען אין באַזעל, ביי דר. פּאַרבשטיינ'ען.

איך בין יעמאָלט געוועזען דער איינציגער עמיגראַנט, וואָס האָט ניט געדאַרפט מורא האָבען, עפענטליך אַרויסצוטרעטען, ווי אַ אי־

דישער רעוואָלוציאָנער: האָט פּאַרבשטיין געגעבען איהם מיין נאָ־נאָמען און איהם צונויפגעפיהרט מיט מיר.

איך וויל דאָ איצט בעמערקען, אז בנוגע צו מיין פּערזאָן איז די מעשה געוועזן ניט אזוי. דר. פּאַרבשטיין האָט מיר ערשט היינ־טיגען זומער (1913), בעת איך האָב איהם בעזוכט אין ציוריך, אב־סאָלוט דערקלעהרט, אז דר. הערצל האָט גלייך געפרעגט ביי איהם צו ער קאָן איהם ניט צונויפפיהרען מיט דר. זשיטלאָווסקי, און צווייטענס, אז ער, דר. פּאַרבשטיין, האָט פון קיין פּותר חלום ניט געוואוסט, וועגען וואָס הערצל וויל מיט מיר רעדען. וואָלט ער גע־וואוסט, וואָלט ער, פּערשטעהט זיך, ניט דערלאָזט איהם צו אזא שריט. דעם בריעף און דעם דעפּעש האָט ער געשריעבען אונטער הערצל׳ס דיקטאַט. יעמאָלט אָבער בין איך געוועזן זיכער, אז דער איינציגער מקור פון וואַנען דר. הערצל האָט זיך געקאָנט דערוויסען וועגען מיר און מיין ראָליע אין דער רעוואָלוציאָנערער וועלט, איז געוועזן דר. פּאַרבשטיין.

אזוי האָב איך מיר דערקלעהרט דעם גאַנצען צוזאַמענהאַנג. איינס איז נאָך אָבער געבליבען קשה: וואָס האָט הערצל׳ען אָנגע־שפּאַרט צו זעהען זיך מיט מיר דוקא אין דער צייט פון דעם קאָנג־רעס? האָט ער דאָס ניט געקאָנט אָבלעגען אויף א פּאָר טעג שפּע־טער, אין א פרייערער צייט פאַר איהם? איז דאָ עפּעס א שיכות צווישען אונזער אונטעררעדונג און די ארבייטען פון דעם קאָנגרעס?

4.

דר. הערצל איז אריין אין צימער און האָט זיך ענטשולדיגט, וואָס ער האָט מיך אזוי לאַנג געלאָזט וואַרטען. ער איז געוועזן בלייך און האָט אויסגעזעהען זעהר ליידענד.

ער האָט גלייך פערפיהרט א שמועס וועגען דעם ציוניזם, ווע־גען זיין רייזע קיין ארץ־ישראל, נאָר איך האָב געזעהן, אז ער איז זעהר צוטראָגען און אז זיינע געדאַנקען זענען ערגעץ־וואו אנדערש, אָבער גאַנץ געווים ניט ביי מיר און ביי דער טהעמע, וועגען וועלכער ער האָט גערעדט.

מען האָט ווידער אָנגעקלאַפּט אין טיהר, און אזוי ווי עס איז שוין א בלויז ניט לאַנג געבליבען צו דער מיטאַגס־פּויזע, — איך

האָב צוגעזאָגט אַנ־סקי׳ן צו זיין מיטאָג־צייט מיט איהם, — איז ביי אונז געבליעבען, אז נאָכמיטאָגס זאָל איך זיין אין קאָנגרעס־זאָל און וואַרטען דאָרטען, ביז ער וועט מיך אַרויסרופען.

צו מיטאָג האָב איך געשפּייזט מיט אַנ־סקי׳ן און מיט נאָך אַ געמיינזאַמען פריינד, אַ ציוניסטיש געזינטער סטודענטין, וואָס איז אויך געקומען צום קאָנגרעס. אין דער צייט בין איך נעהענטער בעקאַנט געוואָרען מיט דעם אוגאַנדא־פּראָיעקט, מיט די אַלע פּער־עפּענטליכטע דאָקומענטען וואָס האָבען געהאַט אַ שיכות צו איהם, ווי אויך מיט דער לאַגע פון די פּערהאַנדלונגען וועגען איהם אויף דעם צוגויפּפאָהר.

דאָס רוב ציוניסטען האָבען דערשפּירט אין דעם פּראָיעקט אַ געפאהר פאַר זייער ענד־ציעל און האָבען בשום אופן ניט געוואָלט אָננעהמען הערצל׳ס פאָרשלאָג — אַרויסשיקען אַן עקספּעדיציע, וואָס זאָל אויספאָרשען דאָס לאַנד.

די גרעסטע און הארטנעקיגסטע אָפּאָזיציע האָבען געמאַכט די דעלעגאַטען פון רוסלאַנד. אומזיסט האָט הערצל מיט זיי גע׳טענה׳ט, אַז אָננעהמען אוגאַנדא הייסט ניט אָבזאָגען זיך פון ארץ ישראל. אומזיסט האָט ער אָנגעוויזען אין איינעם מיט נאָרדוי אויף דער פערצוויפעלטער לאַגע פון די אידען אין רוסלאַנד נאָך דעם קי־שינאָווער פּאָגראָם; אומזיסט האָט ער אין דער זיצונג פון דער רו־סישער דעלעגאַציע פאַנאַנדער געדעקט אַלע זיינע דיפּלאָמאַטישע קאָרטען און האָט אין דעם גרעסטען יאוש זיך מודה געווען, אַז אונטער די איצטיגע אומשטענדען זעהט ער ניט איין די מעגליכ־קייט צו קריגען אַ טשאַרטער; אומזיסט האָט ער אַפּעלירט צו דעם חיב־געפיהל פון די רוסישע אידען — בעשאַפען „אַ נאַכט־אזיל“, וואו דאָס גע׳רודף׳טע פאָלק זאָל זיך קענען איבערוואַרטען די שלעכטע צייט, ביז עס וועלען זיך בעווייזען גינסטיגערע מעגליכ־קייטען פאַר די דורכפיהרונג פון דעם ציוניסטישען אידעאַל: דאָס רוב פון דער רוסישער דעלעגאַציע האָט גאָר ניט געוואָלט וויסען דערפון.

דאָ איז מיר קלאָר געוואָרען, פאַר וואָס דר. הערצל׳ען איז אַזוי נויטיג געווען צו זעהען זיך מיט מיר וואָס גיכער. די וויכטיגקייט פון דעם אוגאַנדא־פּראָיעקט איז פאַר איהם געווען אומגעקעהרט

פּראָפּאָרציאָנעל צו די אויסזיכטען אויף פּאַלעסטינא. וואָס וועניגער האָפנונג עס איז געבליבען אויף א טשאַרטער, אלץ מעהר קראַפט האָט ער געמוזט אָנווענדען, מען זאָל וועניגסטענס די אוגאַנדא־מעג־ליכקייט ניט ארויסלאָזען פון די הענד. און צוריק: וואָס מעהר האָפ־נונג אויף ארץ ישראל, אלץ וועניגער האָט ער געקענט זיין פעראינ־טערעסירט אין אוגאַנדא.

די איינציגע האָפנונג אויף א טשאַרטער איז אָבער אין דעם מאָמענט געווען פערבונדען מיט פּאַן־פּלעווע׳ס בעשטימטען צוזאָג, פערשאַפען דעם טשאַרטער, אויב די אידישע רעוואָלוציאָנערען וועלען אָבשטעלען זייער קאַמף. וואָלט זיך ארויסגעוויזען, אז איך בין דער „פיהרער״ פון דעם „בונד״ אָדער פון דער אידישער רעוואָ־לוציע בכלל, און אז אויך איך בין מסכים אויפ׳ן גלייכען שידוך, וועלכען ער שלאָגט פאָר, אָדער ווען איך וואָלט איהם פערזיכערט, אז דער שידוך קאָן ווי עס איז אויסגעפיהרט ווערען, וואָלט זיין לאַ־גע אין דעם קאַמף מיט דער רוסישער דעלעגאַציע געווען א גאַנץ אַנדערע.

ער וואָלט ניט געדאַרפט קומען צו איהר, ווי א שולדיגער, וואָס האָט באַנקראָטירט, און וואָס שלאָגט פאָר דעם בעל־חוב א „שוה־כסף״, א שטיקעל גרונד־בעזיץ אין אפריקע. ער וואָלט געקומען א שטאָלצער, א האָפערדיגער, מיט דעם ערנסטען און זיכערען גלוי־בען, אז ער האָט ענדליך דורכגעבראָכען א וועג צו דעם טשאַרטער, און וואָלט זיך אפשר גאָר ניט אזוי גע׳עקשנ׳ט וועגען אוגאַנדא.

ווען איך בין צוריק פון מיטאָג־עסען געקומען אין קאָנגרעס־זאַל, איז שוין דאָרטען פאָרגעקומען די נאָמענטליכע אבשטימונג וועגען אוגאַנדא. (אזוי געדענקט זיך מיר איצטער) די שטימונג פון דעם קאָנגרעס איז געווען א געדריקטע. אין דער טויטער שטילקייט האָבען זיך נאָר געהערט די נעמען פון די אויסגערופענע דעלעגאַטען און זייערע ענטפערס: „יע!״ „ניין!״ דאָס האָט בעטייט: שיקען אָדער ניט שיקען אן עקספּעדיציע אויסצופאָרשען אוגאַנדא. אין א ווייל ארום איז בעקאַנט געוואָרען דער רעזולטאַט: די מאַיאָריטעט האָט בעשלאָסען שיקען. שוואַכע אפּלאָדיסמענטען האָבען בעגריסט

דעם בעשלום. די מאַיאָריטעט איז משמעות אליין ניט געווען גליק־ליך מיט איהר זיעג.

דער עולם האָט גענומען ארויסגעהן אין די קולוארען. איך בין אויך ארויס אהין, און ערשט דאָ, ארומוואנדלענדיג איינער אליין איבער די לאַנגע קאָרידאָרען, האָב איך געקאָנט בעמערקען, וואָס פאַר א חורבן דער בעשלוס פון דער מאַיאָריטעט האָט אריינגע־בראכט אין דער שטימונג פון די ציוניסטישע דעלעגאטען.

דער עולם איז געווען דערשלאָגען און איז נאָך ניט געקומען צו זיך. מען האָט גערעדט מיט א פערשטיקטען קול, ווי אין דעם צי־מער פון א מת. שטומע רעדלעך זענען געשטאַנען וואו ניט וואו און אין א סך אויגען זענען געשטאַנען טרעהרען.

אָט געהט אַנטקעגען מיר פון יענעם קאָרידאָר עפּעס א איד מיט א גראָהליכער באָרד. ער האָט דערזעהן מיך, דעם ערשטען מענשען, וואָס געהט אנטקעגען איהם און זיי אונטערשטע ליפּ מיט דער באָרד האָט פּלוצלונג גענומען משונה׳דיג טרייסלען זיך, און פון מויל האָט זיך ביי איהם ארויסגעריסען מיט א כליפּ:

— דערלעבט? הא?

אָבער בעגעגענדיג מיין קאַלטען בליק, האָט ער אויף א רגע אַנגעשטעלט אויף מיר זיינע פערוואונדערטע, מיט טרעהרען אָנגע־פילטע אויגען, און איז אוועק ווייטער.

אָט געהען אראָב פון די טרעפּ א פּאָר מיר בעקאַנטע בונדיס־טען. זיי זענען געווען אויף דער גאַלעריע, וואָס פאר דעם פּובלי־קום. וואָס איז ד אָ ס? אויך אין זייערע אויגען שטעהען טרעהרען

איך געה צו זיי צו.

— בונדיסטען! א קלאָג צו אונזערע שונאים׳ס קעפּ! אויף וועמעס חורבן וויינט א י ה ר?

איינער האָט אָבגעווישט די טרעהרען און דערביי שעמעוודיג געשמייכעלט:

— געשטאָרבען א שעהנער חלום...

— א ו נ ז צו לאַנגע יאָהר, — ענטפער איך איהם און געה צוריק אריין אין זאַל.

געשטאָרבען אַן אַ ל ט ע ר חלום! און ביי מיר אין האר־

צען האָט געגומען אויפבליהען א נייער חלום, א יונגער, דער אור־גאַנדאַ־חלום.

אין א ווײלע ארום האָט מען מיך אריינגערופען צו דר. הערצל'ען אין זיין צימער.

דאָס מאָל איז ער געווען א סך רוהיגער, אויפגעלעגטער און צופריעדענער, ער האָט תיכף ווידער אָנגעהויבען זיין געשפּרעך וועגען ארץ ישראל. ער קען ניט פערשטעהן, פאר וואָס מיר, אי־דישע רעוואָלוציאָנערען, שטעהען נאָך גלייכגילטיג און אפשר אפילו פיינדליך צו דער ציוניסטישער בעוועגונג. וואָלטען מיר נאָר א ברע־קעל השגה געהאט, וואָס פאר א שעהן לאַנד דאָס איז, ארץ ישראל! איך קען דאָך מסתמא די שווייץ. אין דעם פּונקט פון אָריגינעלער שעהנקייט און פארבען־רייכטהום קאָן די שווייץ זיך גאָר ניט אָנ־הויבען צו פערגלייכען מיט איהר.

אין גליהענדע, פערליעבטע ווערטער האָט ער גענומען שיל־דערן איין בילדעל נאָך דעם אנדערען פון די, וואָס ער האָט גע־זעהען.

— און וואָס איז מכח די ע ק אָ נ אָ מ י ש ע אויסזיכטען פאר אונזער פאָלק? — האָב איך איהם אוועקגעשטעלט די קאלטע שאלה.

— עקאָנאָמיש? אומבעגרעניצטע פּערספּעקטיוועז? — האָט ער ארויסגערעדט מיט ענטהוזיאזם. נעהמט די האָטעל אינדוסטריע! איהר דאָ, אין שווייצאריע, ווייסט דאָך, וואָס פאר א וויכטיגער צווייג פון פאָלקס־ווירטשאפט דאָס איז. די האָטעל אינדוסטריע אליין, מיט אלץ וואָס זי נויטיגט זיך, קען שפּייזען א דריטעל פון דער צוקונפטיגער בעפעלקערונג אין ארץ־ישראל. שטעלט אייך פאָר ווילעס און האָטעלען אויף דעם גאנצען ברעג ים, פון פּאָרט־סאיד ביז ביירוט, — ווינטער־רעזאָרטס פאר גאָר דער וועלט...

א לאנגע צייט האָב איך איהם רוהיג אויסגעהערט. איך האָב געזעהען, אז ער איז פול מיט ענטהוזיאסטישע פערליעבטקייט צו ארץ ישראל, און אז דער פּראָפּאַגאנדיסט אין איהם וויל א פּאָר טראָפּען פון זיין בעגייסטערונג אריין טריעפען אויך אין מיין אפּיקורסישער ברוסט.

איך האָב אַלץ געוואָרט, טאָמער וועט ער אַליין אַרויסקומען אויף אַ מעהר ממשות'דיגען ענין. לסוף האָב איך איהם געזאָגט:

— שווערליך צו גלויבען, אז ארץ־ישראל זאָל אפילו מיט די פערספעקטיווען וואָס איהר מאָלט, ווען עס איז פון אונז ערנסט פעראינטערעסירען. א גאַנץ אנדער זאַך איז אוגאַנדאַ. אויב דאָ איז פאַרהאַן אַ וואַסער עס איז אויסזיכט, וואָלטען אפשר אַ סך פון אונז גריילעך...

אָבער דאָ האָט הערצל האַסטיג איבערגעשלאָגען מיינע רעד.

— אוגאַנדאַ? אָבער אוגאַנדאַ איז ג אָ ר נ י ש ט, הערר דאָקטאָר! אבסאָלוט גאָרנישט!

— ווי הייסט? און וואָס בעטייט די אָבשטימונג פאַר וועלכער איהר האָט אַזוי פיעל געקעמפט?

— איך האָב געקעמפט פאַר דער עקספּעדיציע און איך בין זיכער צופריעדען מיט דעם, וואָס איך האָב אויסגעקעמפט דעם בעשלוס. אָבער — הערט מיך אויס, הערר דאָקטאָר! קיינער פון אונז, וואָס האָבען געקעמפט פאַר אוגאַנדאַ, גלויבט ניט אַ מינוט אין דער אויספיהרבאַרקייט פון דעם פּראָיעקט. אונזער קאַמף פאַר אוגאַנדאַ איז ניט מעהר ווי אַ דיפּלאָמאַטישער שריט אין אונזער קאַמף פאַר ארץ ישראל. די לאַגע איז אַזאַ: צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק, שלאָגט אונז פאַר אַזאַ רעגיערונג ווי ענגלאַנד אַן אייגען לאַנד אויף אויטאָנאָמע יסודות. מאַכען אַזאַ פאָרשלאַג בעטייט ניט קיין קלענערע זאַך, ווי די אָפיציעלע אַנערקענונג פון דעם ציוניסטישען פּרינציפּ און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און דערצו נאָך פון אַזאַ אויטאָריטאַטיווער זייט, ווי ענגלאַנד. מיר טאָרען דעריבער ענגלאַנד ניט אַרויסלאָזען פון האַנד. מיר וועלען שיקען אַן עקספּעדיציע. זי וועט, פערשטעהט זיך, קומען צוריק מיט אַ נעגאַטיווען רעזולטאַט, וועלען מיר זיך נאָך אַמאָל ווענדען צו ענגלאַנד, עס זאָל אונז אָנווייזען אַן אַנדער לאַנד. דאָס וועט ווידער פיהרען צו דעם זעלביגען נעגאַטיווען רעזולטאַט.

— און דערנאָך?

— און דערנאָך וועלען מיר אַרויס מיט קלאָרע רעד: „דו זעהסט, ניטאָ פאַר אונז קיין פּאַסענדע לענדער, אַ חוץ פּאַלעסטי־

נא. העלף אונז, אז דו ביזט שוין דערין, אין אונזערע אונטער־רעדונגען מיט דער טערקיי״...

זיין פנים איז וויעדער בעדעקט געווארען מיט טונקעלע וואל־קענס.

— אין מיינע פערהאנדלונגען מיט דער רוסישער דעלעגאציע האב איך, פערשטעהט זיך, דאס אלץ ניט געקאנט ארויסזאגען, ווי קען מען דאס? אבער פאר וואס האבען זיי דאס ניט פערשטאַ־נען? און דא האט מען מיך שיער ניט בעשולדיגט, אז... ניין, ליע־בער הערר דאקטאר, אוגאנדא איז ניט אונזער צוקונפטס־לאנד! פאלעסטינא און נאר פאלעסטינא!

5.

דר. הערצל׳ס שטעלונג צו דעם אוגאנדא־פראיעקט איז נאך עד היום ניט גענוג אויפגעקלעהרט אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. אויף דעם סמך פון זיינע אייגענע רעד, אז ער בעטראכט די פערהאנדלונגען מיט ענגלאנד מכוח אוגאנדא ניט מעהר, ווי א דיפלאמאטישען שריט, כדי צו פעראינטערעסירען די ענגלישע רעגיערונג מיט דער אידישער פראגע און דערנאך אויס־נוצען זי פאר ריין ציוניסטישע צוועקען, — אט די קאטעגארישע פערזיכערונגען זיינע, וועלכע ער האט מיר אליין געמאכט, איז פאר מיר אלע מאל געווען א בעוויז, אז דר. הערצל האט וועגען דעם ענין קיינמאל אנדערש ניט געטראכט.

אבער גראד דעם פאר־יאַ־יאהריגען זומער, ווען איך בין געווען „פון יענער זייט ים״, האט מיך דער שיקזאל צונויפגעפיהרט מיט א מענשען, וואס איז אין זיין לעבען זעהר נאהענט געשטאנען צו דר. הערצל׳ען און וואס האט מיר מיטגעטיילט דאטען, וועלכע ווארפען אביסעל אן אנדער בעלייכטונג אויף דער שטעלונג צו דעם אוגאנדא־פארשלאג פאי מצד דר. הערצל, סאי מצד דעם גאנצען אקציאנס־קאמיטעט פון דער ציוניסטישער פארטיי.

ער האט מיר געשילדערט א כאראקטערפולע קליינע סצענע, וואס האט זיך אבגעשפיעלט אויף דער זיצונג פון דעם אקציאנס־קאמיטעט אין יענעם מאמענט, ווען דר. הערצל האט צום ערשטען מאל געמאכט זיין מיטטיילונג וועגען אוגאנדא.

דר. הערצל האָט אָבגעגעבען א בעריכט וועגען זיינע אונטעררע־דונגען מיט דער ענגלישער רעגיערונג און האָט זיך אריינגעלאָזען אין די פּרטים פון ענגלאנד׳ם פּאָרשלאַג. אַלע זענען געזעסען שטום און געשלונגען יעדעס וואָרט. פּלוצלונג רייסט איהם איבער זיינע רעד איינער, זעהר א בעקאנטער רוסישער מיטגליעד פון׳ם קאָמי־טעט:

— ענטשולדיגט, הערר דאָקטאָר! די ענגלישע רעגיערונג האָט זיך געווענדט צו אונז אָפיציעל אָדער נ י ט־אָפיציעל?

— אָפיציעל, — ענטפערט דר. הערצל קורץ און לייענט ווייטער זיין בעריכט. אין א ווײַלע ארום שפּרינגט יענער ווידער ארוים:

— ענטשולדיגט, הערר דאָקטאָר! — האָט זי זיך געווענדעט צו אונז מינדליך אָדער שריפטליך?

— שריפטליך, — לאָזט ווידער דר. הערצל א קאַלט וואָרט און טהוט זיך זיינס.

נאָך אין א ווײַלע ארום:

— ענטשולדיגט, הערר דאָקטאָר! קאָן מען אפשר זעהען דעם דאָקומענט?

— הערר זאָ־און־זאָ, ווענדעט זיך דר. הערצל צו זיין סעקרע־טאר: זייט אזוי גוט און גיט אהער די מאַפּע מיט די דאָקומענטען.

דער סעקרעטאר האָט דערלאַנגט די מאַפּע, דר. הערצל האָט ארויסגענומען דעם דאָקומענט, האָט איהם איבערגעגעבען צו דעם רוסישען קאָמיטעט־מיטגליעד און האָט ווייטער פּאָרטגעזעצט זיין מיטטיילונג.

דער קאָמיטעט־מיטגליעד האָט אריינגעבליקט אין דעם דאָקו־מענט און האָט זיך ווידער געווענדעט צו דר. הערצל׳ען:

— ציהט אויף א ווייל, הערר דאָקטאָר!

ער איז ארויסגעגאַנגען אין דעם נעקסטען צימער, האָט דאָר־טען גענומען זיין הוט, איז אריין צוריק, האָט בעדעקט דעם קאָפּ מיט דעם הוט און האָט הויך אויפ׳ן קול געמאכט „שהחינו וקימנו" טרעהרען פון פרייד האָבען געשטיקט זיין שטים.

דאָ ערשט האָט זיך ארויסגעריסען דער ענטהוזיאזם פון דער פּערזאַמלונג. א לענגערע ווײַלע איז דער גאנצער עולם געווען ווי

שכור פון גליק, אַקוראַט ווי אוגאַנדאַ וואָלט געווען די דערגרייכונג פון דעם ציוניסטישען ענד־ציעל.

ערשט שפּעטער האָט מען זיך אַ כאַפּ געטהאָן: און וואָס ווערט זיין מיט ארץ־ישראל? אויב אָננעהמען אוגאַנדאַ, איז דאָך אויס מיט פּאַלעסטינאַ! — און די גאַנצע שמחה איז פערפלויגען.

איך האָב קיין ברעקעל אורזאַך ניט צו בעצווייפלען די דאָזיגע דערצעהלונג. זי אילוסטרירט יענעם אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט תמיד געהערשט אין די ציוניסטישע קרייזען, — בפרט פאַר דעם אוגאַנדאַ־קאָנגרעס, דער אַנטאַגאָניזם צווישען דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישען און פּאָליטישען געדאַנק פון אַן אייגען אידיש לאַנד און דעם נאַציאָנאַל־פּאָעטישען חלום, — רופט דאָס: „האָפּענונג“, — וועגען ארץ־ישראל.

דער אַנטאַגאָניזם האָט געלעבט ניט נאָר פערטיילט אויף פערשיידענע אָנהענגער פון דעם ציוניסטישען אידעאַל. ער האָט געווירקט אין דער ברוסט פון אַ סך איינצעלנע און דוקא זעהר פּראָמינענטע ציוניסטען. און מיר דוכט, אַז מעהר פאַר אַלעמען האָט געפיהלט דעם „ויתרוצצו“ אין דער אייגענער ברוסט דער פיהרער און פאָרם־געבער פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, דר. הערצל אַליין. האָבען דער „אוגאַנדאַ“־קאָנגרעס, די אָבשפּליטערונג פון דעם „אחד העם'איזם“ אין גאַנצען דערוואָרגען דעם טערריטאָריאַליסטישען גרונד־געדאַנק פון דעם ציוניזם? אויף אייביג דערוואָרגען? — ווער ווייס!

אָבער — וועגען דעם אַנטאַגאָניזם וועל איך נאָך רעדען, ווען איך וועל קומען צו די „מוסר־השכל'ס“ פון מיינע עראינערונגען. על־כל־פנים, אין דעם מאָמענט, ווען דר. הערצל האָט געפונען פאַר מעגליך אויסצוגיעסען פאַר מיר זיין הארץ און אויפצודעקען זיינע פּלענער בנוגע אוגאַנדאַ אין ארץ־ישראל, האָבען זיינע רעד ניט געקאָנט איבערלאָזען קיין ברעקעל ספק אין מיר, אַז ער איז מיט יעדען אטאָם פון זיין נשמה אַ „ציוני“־ציוניסט, — ווי מען האָט דאָס שפּעטער גערופען, — וואָס ווערט זיך אָבזאָגען, ניט פיעל געטראַכט,

פון יעדען טעררימאָריאַליסטישען גן־עדן אויף דער וועלט, אויב דער גן־עדן וועט ניט ליעגען אין ארץ־ישראל: אזוי הייס און שעהן האָט ער גערעדט וועגען יענעם לאנד, אזוי שאַרף אָבגעשניטען האָט ער יעדען געדאנק פון אַ וועלכען עס איז אנדער לאַנד.

פאַר מיר האָט דאָס בעטייט, אז איך האָב פון אונזער געשפּרעך ניט צו דערוואַרטען אפילו ניט קיין שאָטען פון אַ וועלכען עס איז פּראַקטישען נוצען. איך האָב איהם צוגעהערט מיט דעם גרעסטען אינטערעס, האָב פון צייט צו צייט געשטעלט קורצע פראגען, ניט צו פּאָלעמיזירען אנטקעגען איהם, נאָר כדי ער זאָל קלאָרער ארויס־ברענגען זיין געדאנק, אוים ריינער נייגיער — צו זעהען, ווי אזוי פערשיידענע פּראָבלעמען מאָלען זיך אוים אין זיין קאָפּ.

איך האָב גלייך געמערקט, אז מיט אלע זיינע דערצעהלונגען און בעטראַכטונגען טרייבט ער צו איין איינציגען ציעל: צו בע־ווייזען אזוי בולט, ווי נאָר אַ ק י נ ס ט ל ע ר קאָן, פאַר וואָס די אידישע סאָציאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען, זאָלען א י ן ד י א י נ ט ע ר ע ס ע ן פ ו ן ד ע ם ס אָ צ י אַ ל י ז ם צור־שטעהען צו דער ציוניסטישער בעוועגונג.

ליידער איז ער אין זיינע ארגומענטען געווען מעהר קינסטלער, איידער דענקער און זיינע בעטראַכטונגען זענען אַ סך מעהר בע־שטאַנען פון שעהנע פּאַראַדאָקסען פון טיעפע פסיכאָלאָגישע איינ־צעל־בעמערקונגען, איידער פון ערנסט דורכגעטראַכטע לאָגישע טעמים.

— גלויבט איהר דען באמת, — האָט ער מיך געפרעגט: אז אין איירָאָפּא קאָן ווען עס איז מקוים ווערען דער סאָציאַליזם?

און ניט לאָזענדיג מיך ענטפערען אויף דער שאלה, האָט ער שוין אַליין געגעבען זיין תשובה אויף איהר:

— זייט זיכער, אין א י ר אָ פּ א בשום אופן ניט. איי־ראָפּא וועט אפשר צושטעהן צו דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל שוין גאָר־גאָר צולעצט, ווען די גאנצע וועלט וועט זיין סאָציאַליסטיש. און ווייסט איהר, פאַר וואָס? ווייל עס קאָן ניט זיין קיין סאָציאַליזם ראָרטען, וואו עס האָט נאָך אזוי ניט לאנג געהערשט דער פעאָדאַ־לער רעזשים. ביי די פעלקער און לענדער, וואָס האָבען דורכגע־מאַכט דעם פעאָדאַלען רעזשים, וואָס האָבען ארויסגעבראַכט די

אריסטאָקראַטישע פּסיכאָלאָגיע אין זייער לעבען און געלעפּט מיט איהר אַזוי לאַנג, איז די נשמה פערגיפטעט אויף הונדערטער און הונדערטער פון יאָהרען, אויב ניט אויף אייביג. זיי פעהלט דער פּסיכאָלאָגישער פונדאַמענט פון דעם סאָציאַליזם: דער געפיהל פון גלייכקייט און ברידערליכקייט. אין אייראָפּאַ איז די נשמה פון יעדען איינעם נאָך עד קיום אָדער אַ האַררען־נשמה אָדער אַ שקלאַ־ווען־נשמה און אַזוי מוז דאָס בלייבען.

— פאַרהאַן נאָר איין פאָלק אויף דער וועלט, — האָט ער ווייטער גערעדט: וואָס האָט אין זיין נשמה די יסודות פון גלייכ־קייט און ברידערליכקייט און וואָס קאָן דערפאַר דורכפיהרען דעם סאָציאַליזם. דאָס איז דאָס אידישע פאָלק. און דורכפיהרען קאָן עס נאָר יעמאָלט, ווען עס וועט זיין ביי זיך אין דערהיים, אין ארץ־ישראל, אין דער אַטמאָספערע, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט די סאָ־ציאַלע טראַדיציעס פון אונזערע נביאים.

— איך בין אַליין אויך אַ סאָציאַליסט, — האָט ער מיר פער־זיכערט: אָדער אויב איהר ווילט פּינקטליכער פאָרמולירען, וועל איך זאָגען, אַז איך שטעה אויף אַ שטאַנדפּונקט, וואָס שיידט זיך זעהר ווייניג אָב פון דעם סאָציאַליסטישען און, גלויבט מיר, ניט קיין קליינעם חלק אין מיין קאַמף פערנעהמט מיין שטרעבען צו בעסערע און גערעכטערע פאָרמען פון דעם סאָציאַלען לעבען, וואָס האָבען קיין ברעקעל אויסזיכט ניט, ווען עס איז מקוים צו ווערען אין איי־ראָפּאַ.

— דאָס הויבען שוין אָן איצטער צו פערשטעהן אַ סך אידישע סאָציאַליסטען און זיי שטעהען צו מיר צו. זעהט: דר. פאַרבשטיין, דר. סירקין, דר. אָפּענהיימער, — זיי אַלע ארבייטען מיט מיר און פערבינדען זייערע סאָציאַליסטישע האָפנונגען מיט דעם גלויבען אין דעם אידישען פאָלק אין ארץ־ישראל.

אַז ביי די דריי אויבען דערמאָהנטע אידישע סאָציאַליסטען איז זייער ציוניזם געווען ענג צונויפגעבונדען מיט זייער סאָציאַליסטי־שען אידעאַל, האָב איך גאַנץ גוט געוואוסט אָבער אַז זיי אַלע דריי זאָלען האָבען אויפגעגעבען זייערע האָפנונגען אויף דעם סאָציאַליזם אין אייראָפּאַ, איז פאַר מיר געווען אַ נייעס, וועלכע איך האָב אויפ־גענומען ניט נאָר מיט דעם גרעסטען סקעפּטיציזם, נאָר — אָפען

גערעדט — ווי אַ נאַאיווע קאָנסטרוקציע פון דר. הערצל׳ען, וועלכע האָט מיר בעוויעזען, ווי וועניג ער איז בעקאַנט מיט זיינע אייגענע מיט־ארבייטער, ווי וועניג ער האָט זיך געאינטערעסירט מיט זייערע א י ד י ש ־סאָציאַליסטישע אַנשויאונגען.

דר. פארבשטיין איז שוין צו יענער צייט געווען אַן אויסגע־שפּראָכענער א י י ר אָ פּ ע א י ש ע ר סאָציאַל־דעמאָקראַט, מיט אַ שטאַרקער מאַרקסיסטישער אָדער. איך ווייס ניט, צי ער איז געווען גאַנץ שוה בשוה מיט אַלע פּונקטען פון קאַרל מאַרקס׳עס וועלט־אַנשויאונג, אָבער אויף דעם עקאָנאָמישען אויסטייטש פון דער פּאָליטישער און סאָציאַלער געשיכטע פון דער מענשהייט האָט ער שוין יעמאָלט געלעגט די גרעסטע טעאָרעטישע וואָג. עס איז פּשוט אויסגעשלאָסען, ער זאָל האָבען געזעהן וועלכע עס איז מניעות פאַר דעם סאָציאַליזם אין איירָאָפּא, אין די פּסיכאָלאָגישע שיריים פון דעם אַריסטאָקראַטישען פּעריאָד. ער האָט צו גוט געוואוסט, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסען ווערען צום גרעסטען טייל דיקטירט פון די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אומשטענדען, אין וועלכע זיי לע־בען, און אַז דער איבערבייט אין דעם סאָציאַלען בנין פון אַ געזעל־שאַפט שפּרינגט אַרויס קודם כל פון דעם איבערבייט אין די עקאָ־נאָמישע נויטווענדיגקייטען, וואָס פּאַסען שוין דערנאָך צו זיך צו די געדאַנקען און די געפיהלען פון די מאַסען.

דר. נ. סירקין איז, אויף וויפיעל מיר געדענקט זיך, גראָד אַלע מאָל געווען געבאַפּט אין אַנטי־מאַרקסיסטישע אפיקורסות. ער האָט קיין מאָל ניט אַרויסגעלאָזען פון אויג די אידעאַליסטישע פאַקטאָרען פון דער געשיכטע, דערהויפּט דעם עטישען פאַקטאָר, דאָס שטרע־בען פון די מענשען און דער מענשליכער געזעלשאַפט צו רעכט און גערעכטיגקייט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, — און אפשר גאָר דער ערשטער, — וואָס האָט צונויפגעבונדען דעם ציוניזם מיט דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל, און — אויב איך האָב ניט קיין טעות, — איז דווקא די עטיק, — דער הייסער גלויבען אין דעם מענשליכען יושר, — געווען דער צעמענט, וואָס האָט צונויפגע־האַלטען ביי איהם דעם אַלגעמיין מענשליכען אידעאַל מיט דעם אי־דיש־נאַציאָנאַלען. אויף פאַר איהם האָט די אַריסטאָקראַטישע פּסי־כאָלאָגיע, ווי שטאַרק זי זאָל נאָך ניט לעבען אין די מאַסען, ניט

געקאַנט זיין קיין שטעהר אין אייראָפּאַ פאַר דעם שטרעבען צו סאָ־ציאַליסטישע גערעכטיגקייט.

מיט דר. פראַנץ אָפּפּענהיימערן בין איך יעמאָלט שוין אויך געווען בעקאַנט פּערזענליך. מיט אַ פּאָר יאָהר, איידער מיין הערצל־אונטערערדונג, האָב איך ארויסגעגעבען זיין בוך וועגען מאַלטוס'עס טעאָריע, — די גלענצענדסטע קריטיק פון יענעם בורזשואַזען דענ־קער, — אין דעם „אַקאַדעמישען פערלאַג פיר סאָציאַלע וויסענ־שאַפט“, (דר. דזשאַהן עדעלהיים עט קאָ.) פון וועלכען איך בין אגב, געווען דער איינציגער שותּף און דער איינציגער רעדאַק־טאָר. איך האָב געהאַט די געלעגענהייט טיעפער אריינצוטראַכטען זיך אין דעם געדאַנקענגאַנג פון יענעם אָריגינעלען סאָציאַליסטי־שען, — עס וואָלט אפשר ריכטיגער געווען צו זאָגען: אַ נ אַ ר־כ י ס ט י ש ע ן דענקער, אַ דאַנק דעם שטודיום פון זיינע ווערק און אַ דאַנק אַ פּערזענליכען געשפּרעך, וואָס איך האָב מיט איהם געהאַט. ניט קיין שאָטען פון אַ שפּור האָב איך נעקאָנט געפינען אין זיינע געדאַנקען, וואָס זאָל דערמאָהנען אָן דר. הערצל'ס סאָ־ציאַלען פעסימיזם בנוגע צו אייראפּאַ.

זיי אַלע דריי, — ווי פערשיידען זייערע וועלט־אנשויאונגען און זייער סאָציאַליזם זאָל ניט זיין, — זענען אַ י י ר אָ פּ ע אַ י־ש ע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען אין דער פּלאַנץ־ערד פון דעם אייראפּעאישען סאָציאַליזם אריינגעוואָרצעלט זייער אידיש־נאַציאָ־נאַלען אידעאַל.

בלייבט נאָר איין איינציגער אידישער סאָציאַליסט, מיט וועמעם אנשויאונגען דר. הערצל האָט געמוזט זיין בעקאַנט. — איי־נער, וואָס איז נאָך אַ סך פריהער איידער הערצל'ס אגיטאַציע, ארויסגעטראָטען אָפען ווי אַ ציוניסט און אַ סאָציאַליסט, און דוקא ווי אַ נביאים'שער סאָציאַליסט, ווי אַ ישעיהו־סאָציאַליסט: דר. נתן בירנבוים.

אָבער גראַד זיין נאָמען האָט דר. הערצל קיין מאָל ניט דער־מאָהנט אין דעם געשפּרעך.

6.

דאס בילד פון דר. הערצל, ווי ער מאלט זיך אויס אין מיינע עראינערונגען, איז, — איך מוז דאס מודה זיין, — זעהר ניט קיין שמייכעלהאפטער פאר יענעם מאן, וואס איז בלי ספק געוועזן די שטארקסטע און אריגינעלסטע פיגור אין דער ציוניסטישער בעוועגונג.

עס קאן זיין, אז דער אדער יענער פון זיינע אנהענגער וועט זיך פיהלען מעהר אדער ווייניגער געקרענקט און אפשר בעליידיגט פון דעם ניט גאר סימפאטישען טאן, אין וועלכען איך רעד וועגען איינעם פון די בעדייטענדסטע העלדען אין דער מאדערנער אידישער געשיכטע, און מען וועט אפשר ארויפווארפען די שולד, סאי פאר דעם טאן, סאי פאר דאס בילד, אויף דעם מחבר פון די עראינערונגען, אויף זיין פארטייאישקייט און אומגערעכטיגקייט צו א פאליטישען געגנער.

איך מוז אבער דא דערמאהנען, אז מיינע זכרונות האבען ניט און קענען ניט האבען די פרעטענזיע אויסצומאלען דר. הערצל׳ען אין זיין גאנצער גרויס, אדער איבערהויפט צו געבען א פארשטעלונג וועגען זיין מענשליכען מהות און וועגען זיין בעדייטונג און ווערטה, ווי אן עפענטליכער טהוער.

וואלט איך געשריעבען דר. הערצל׳ס ביאגראפיע, אדער געפרובט מאכען א כאראקטעריסטיק פון זיין שטרעבען און שאפען, יעמאלט וואלט איך געמוזט אנווענדען גאנץ אנדערע פארבען און ליניען, כדי ארויסצוברייגגען זיין געשטאלט און אוועקשטעלען זי אין דער ריכטיגער בעלייכטונג.

מיינע עראינערונגען זענען אבער, — דאס בעט איך צו געדענקען, — ניט מעהר ווי א מאמענט־פאטאגראפיע, אראבגענומען אפשר פון ניט גאר קיין שארפען „אפאראט“, א מאמענט־פאטאגראפיע, וואס ווייזט אונז דר. הערצל׳ען אין אזא בעלייכטונג, וועלכע זענען געוועזן זעהר ניט גינסטיג פאר איהם. אבער די פאזע און די בעלויכטונג, — ניט איך האב זי אויסגעקליבען: מיין „קאמערא אבסקורא“ האט געקענט אויפנעהמען נאר יענעם בילד, וואס איז געשטאנען פאר׳ן „אביעקטיוו“, און מיר דוכט, קיינער וועט ניט

לייקענען, אז מיין מאָמענט־בילד איז א וויכטיגער מאַטעריאַל פאַר דעם ביאָגראַפישען אויפבוי פון דר. הערצל׳ס געשטאַלט.

ס׳איז אמת, א מענשענס אויג און פאַרשענדער בליק זענען ניט אין גאַנצען צו פערגלייכען מיט א פאָטאָגראַפישען אפּאַראַט: דאָ האָבען מיר צו טהאָן ניט אזוי מיט אן „אָביעקטיוו״, ווי גיכער מיט א „סוביעקטיוו״. ס׳איז געוויס מעגליך, אז איך האָב אויף דר. הערצל׳ען געקוקט מיט אויגען פון חשד, אַנטיפּאַטיע און שוין גאָר ניט קיין גרויסען גראַד פון רעספּעקט, ווייל איך האָב יעמאָלט צו דעם גאַנצען ציוניזם ניט געהאַט קיין אַנדערע געפיהלען, ווי חשד, אַנטיפּאַטיע און קליינעם רעספּעקט.

מען קען דעריבער זיך פרעגען: וואָס שפּיעגלען מיינע עראַי־נערונגען מעהר אָב: דר. הערצל׳ען, ווי ער איז אין יענעם טאָג גע־ווען, אָדער דר. הערצל׳ען, ווי ער האָט אויסגעזעהן אין די פיינדלי־כע אויגען פון א אידישען רעוואָלוציאָנער? אָבער דערויף וועל איך ענטפערען צוריק מיט א פראַגע: און וואָס וועט איהר טהאָן מיט די פאַקטען? זיינע רעד האָבען מיינע אויערען געהערט. ניט אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, האָב איך איבערגעגעבען ווערטליך, אָבער איך בין אַלע מאָל געבליבען געטריי צו זייער זין, און אייניגע גאָר וויכטיגע שטעלען, ווי די מיטטיילונג וועגען פלעהווע׳ס פאָרשלאָג, זענען איבערגעגעבען וואָרט פאַר וואָרט. דר. הערצל׳ס אייגענע רעד האָבען בעשאַפען יענע פּאָזע און יענע בעלייכטונג, וואָס זענען אַרויס אויף מיין בילד.

וואָס וועט איהר טהאָן אויך מיט דעם פאַקט, וואָס איך גערה אייך איצטער דערצעהלען? ווידער דר. הערצל׳ס אן אויסערונג, וואָס איך גיב ווידער איבער וואָרט פאַר וואָרט, ווייל איך געדענק גאַנץ גוט דעם רושם, וואָס די ווערטער האָבען אויף מיר געמאַכט, ווייל איך געדענק גאַנץ גוט, ווי די הענד האָבען זיך ביי מיר אראָבגעלאָזען, ווען איך האָב אויסגעהערט יענע רעד.

שמועסענדיג וועגען דעם סאָציאַליזם, וועגען די אורזאַכען, פאַר וואָס ער קען ניט מקוים ווערען אין אייראָפּאַ, וועגען די אידי־שע סאָציאַליסטען, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו איהם, דר. הערצל׳ען, האָט ער מיר געזאָגט:

— און זיי פערשטעהען נאָך א זאַך.

ער האָט זיך אַ ביסעל פערטראַכט, ווי זוכענדיג די פּאַסענדסטע ווערטער, כדי פּינקטליך איבערצוגעבען זיין געדאַנק, און דערנאָך לאַנגזאַם אַרויסגערעדט:

— ד אָ ס פ אָ ל ק ג ל ו י ב ט, א ז א י ך ב י ן מ ש י ח. א י ך ו ו י י ס ד אָ ס נ י ט, א י ך ב י ן נ י ט ק י י ן ט ה ע אָ ל אָ ג. אָבער איינס איז זיכער: אין דער ערשטער צייט וועל איך שפּיעלען די ערשטע פּיעדעל. דערנאָך וועט מען מיך מסתמא אַראָבוואַרפען. אָבער גראָד אין אָנהויב, אין די וויכטיגסטע מאָמענטען וועט די מאַכט ליגען אין מיינע הענד. און זיי ווייסען דאָס, און זיי זענען זיכער, אַז ביי מיר וועלען זיי געפינען די שטאַרקסטע און איבערגעגעבענסטע הילף.

איך בעט אייך: וואָס דאַרף פיהלען איינער, ווען ער זעהט פאַר זיך אַ מ אָ ד ע ר נ ע ם מענשען, אַ געבילדעטען און קלוּ־גען, און הערט פון איהם אַזעלכע גרענצלאָז נאַאיווע דבורים? וואָס דאַרף פיהלען איינער, ווען ער זעהט פאַר זיך אַ פאָלקאָמענעם אייראָפּעער, אַ פיהרער פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, ווי ער זיצט און קוקט מיט גרויסע, שעהנע, פערטראַכטע אויגען אין דער ווייט און בעשעפטיגט זיך בעשיינפּערליך מיט דער פראַגע: „בין איך משיח אָדער ניט?“ און קען ניט געפינען קיין ענטפער אויף איהר, און לאָזט זי איבער צו די „טהעאָלאָגען“? וואָלט איך געווען זיינער אַן אינטימער גוטער פריינד, מיט אַ סך וואַרעמע ליעבע אין הארצען צו איהם, וואָלט איך געדאַרפט גלעטענדיג די האָר פון זיין קאָפּ, צערטליך־טרויעריג אַרויסזאָגען: „אֵי, דו קינד!“....

איך בין אָבער געווען אַ ווילד־פרעמדער מענש, מיט אַ ווילד־פרעמדען הארצען, און איך האָב געשפּירט, ווי מיינע הענד לאָזען זיך ביי מיר אַראָב, ווי דער לעצטער פונק פון אַן ערנסטער בעציהונג צו איהם און צו דער בעוועגונג, וועלכע ער פיהרט אָן, ווערט אין גאַנצען פערלאָשען אין מיר.

איצטער, ווען איך בין פון דער ליטעראַטור בעקאַנט געוואָרען מיט דר. הערצל׳ס לעבען, ליידען און שאַפען, קוק איך אויף דעם „משיח“, עפּיזאָד אַנדערש, אַ סך טיעפער און, ווי מיר דוכט, גערעכטער.

דר. הערצל האָט גאַנץ געוויס געהערט צו די מענשען פון דעם

הערָאישען ווילען, צו דעמזעלביגען טיפ, וואָס האָט זיך אַזוי גלענ־צענד פערווירקליכט אין די געשטאַלטען פון אַן אַלעקסאַנדער מוק־דון, פון אַ נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען, פון אַ פערדינאַנד לאַסאַל. ער איז געווים ניט געווען אַזוי גרוים, ווי יענע גיגאַנטען, ער האָט אָבער בעלאַנגט צו דעמזעלביגען מין.

ביי אַ סך פון יענע מענשען בעמערקען מיר אָבער, אַז די קאָ־לאָסאַלע מאָסען פון דער אויפגאַבע, וועלכע זיי שטעלען זיך אַליין אוועק, די איבערמענשליכע ענערגיע, וואָס ברויזט אין זייערע אָדע־רען, טהוט זיי אַ הויב אין אַ פסיכישער אַטמאָספערע, וואָס איז ניט גלייך צו דער געוועהנליכער, ריין מענשליכער, ס'איז אַקוראַט ווי ביי זיי וואָלט, צו דעם גאַנג געוועהנליכע נערוועו, וואָס אַ מענש פערמאָגט, געווען נאָך אַן אַנדער גאַנג נערוועו, פון אַ זונדערליכען געבוי, וואָס בעשאַפט אין זיי שפּירונגען און שטימונגען, וועלכע לאָ־זען זיך ניט אריינשטעלען אפילו אין דער געהויבענסטער מענשלי־כער ערפאַהרונג.

זיי האָבען אַ טונקעלע שפּירונג, אַקוראַט ווי די אונענדליכקייט פון זייער ציעל און די אונענדליכע אַנשטרענגונג פון זייער קראַפט, וואָלט, דורך דעם גאַנג נייע נערוועו זייערע, געווען אריינגעוויב־רירט אין זייער נשמה דירעקט פון דעם מיסטישען אָבגרונט פון דער וועלט, פון דעם פאַר אַלע מענשען פערבאָרגענעם אין־סוף, און אַז זייער גאַנצער לעבען שטעהט אונטער זיין ספּעציעלער השגחה און שליטה.

אַלעקסאַנדער מוקדון, דער תּלמיד פון אַריסטאָטעלעס, — דעם גרעסטען נאַטוראַליסט פון יענער צייט, וואָס האָט געמאַכט אַ תּל פון דער גריכישער געטער־וועלט, — האָט געגלויבט, אַז ער איז דער זוהן פון דעם הויפּט־גאָט, זעווס, און האָט פערלאַנגט, מען זאָל איהם פערעהרען, ווי גאָט'ס אַ זוהן.

נאַפּאָלעאָן דער ערשטער, דער רעאַלסטער קאָפּ און דאָס ניכטערסטע הארץ פון זיין דור, האָט ערנסט געגלויבט אין זיין „שטערן", און אויך פערדינאַנד לאַסאַל, וואָס האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער שרייבט יעדע שורה, וואָס ער שרייבט, בעוואָפענט מיט דער גאַנצער וויסענשאַפט פון זיין יאָהר־הונדערט, האָט זיך ניט געקענט

פערהיטען פון דעמזעלביגען גלויבען אין אן אייגענעם שטערן אויפ'ן הימעל.

אויסערגעוועהנליכע, ביז צו איבערנאַטירליכקייט זעלטזאַמע איבערלעבונגען רופען אין אלע אַזעלכע מענשען ארוים מיסטישע שפּירונגען, מיט וועלכע קיין קלאָרער שכל קען ניט פאַרטיג ווערען. אין די עלטערע צייטען פלעגען דערפון ארויסוואַקסען נביאים, משיחים, און גאָט'ס־זיהן. איצטער — שטאַמען דערפון האַלבע און גאַנצע מיסטיקער און, — ווען שוואַכערע נאַטורען, — פשוט'ע משוגעים.

עס איז פאַר מיר קיין ספק ניט, אַז דר. הערצל האָט געהאַט מיסטישע איבערלעבונגען, וועלכע ער האָט ניט געקאָנט דערקלעהרען אויף א געוועהנליכען אופן. זיין אידישקייט און דער געדאַנק פון אן אייגענער אידישער מדינה זענען געקומען אויף איהם, דעם ערץ־אַסימילאַטאָר, אַזוי פּלוצלונג און אומגעריכט, מיט אַזאַ איבער־שטורמערישער געוואַלט, אַז ער איז, — ווי מיר ווייסען דאָס איצ־טער, — ניט געווען זיכער מיט זיין קלאָרען פערשטאַנד און איז גע־נאַנגען זיך לאָזען אונטערזוכען פון א פּסיכיאַטאָר.

דאָס שנעלע אויפפלאַקערען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, וועלכע ע ר האָט פאַנאַנדערגעבלאָזען; דער ענטהוזיאַזם און די התלהבות פון זיינע אָנהענגער; איינינע דיפּלאָמאַטישע ערפאָלגען, וואָס האָבען איהם, דעם פשוט'ן פעליעטאָניסט, אַוועקגעשטעלט פנים לפנים מיט שרים און מלכים; ענגלאַנדס פאָרשלאַג; די אוי־דיענץ מיט ווילהעלם דעם צווייטען אין ארץ־ישראל; די קלאַנגען, אַז דאָס פאָלק גלויבט, ער איז משיח, — דאָס אַלץ האָט געמוזט נאָך מעהר אויפרודערען זיין געמיטה, און די זונדערליכע „איבער־נערוועז" האָבען געמוזט אָנהויבען פּראָדוצירען נאָך מעהר מיסטישע שטימונגען אין זיין נשמה.

נאָר צו עהרליך צו זיך אַליין און אפשר צו נאָרמאַל גע־בויט, זיין קלאָרער פערשטאַנד זאָל אין גאַנצען ארומגענומען ווערען מיט אַ מיסטישען נעפּעל, האָט ער אַ מאָל געטהאָן מיט'ן האַנד אויף דעם טונקעלען גערודער אין זיין נשמה און האָט איבערגעלאָזען די שאלה... צו די טהעאָלאָגען. אין דעם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען

האָבען מיר אפשר פאר זיך די טראַגעדיע פון לעצטען אידישען משיח...

יעמאָלט אָבער, ווען איך בין געזעסען אַנטקעגען איהם, האָט מיר אין זינען אפילו ניט געקאָנט ארויפקומען, צו בעטראַכטען דר. הערצל'ען פון אזא שטאַנדפונקט. א געפיהל פון פאַנאַנדערגע־שרויפטקייט און מיעדקייט איז אַנגעפאַלען אויף מיר. איך האָב קוים געהערט, וואָס ער רעדט, איך האָב מיך דעריבער באמת דער־פרעהט, ווען עס האָט אָנגעהויבען טונקעל ווערען אין צימער, און איך האָב מיך געקאָנט פאַנאַנדערזעגענען מיט איהם.

אין א ווײַלע ארום, בין איך שוין מיט אַנ־סקי'ן געזעסען אין וואַגאָן און האָב איהם איבערגעגעבען די וויכטיגסטע שטעלען פון אונזער געשפרעך. אויך אַנ־סקי האָט מסכים געווען, אז איך האָב ניט געטאָרט „אויסליפערען" דר. הערצל אין די הענד פון דעם „בונד".

א לאַנגע צייט זיינען מיר ביידע געזעסען פערטראַכט און גע־קוקט דורכ'ן פענסטער אין דעם נאַכטליכען פייזאַזש.

— אַן אוואַנטוריסט? — האָט זיך פּלוצלונג אַנ־סקי גע־ווענדט צו מיר.

— ניין, א קינד, — האָב איך פאָרמולירט דעם סך־הכל פון מיין איינדרוק. א נאַאיווו קינד אין פּאָליטיק, אין נאַציאָנאַל־עקאָ־נאָמיע, אין זיין בליק אויף זיך אליין.

31טען יאַנואַר ביז 20טען פעברואַר, 1915.

הערצל־קולט.

איידער איך וועל פערלאָזען דאָס טהעמא: „דר. הערצל“, וויל איך נאָך ארויסברייננען אייניגע „מוסר השכל׳ס“, וואָס ליעגען אין די עראינערונגען וועגען איהם, וועלכע איך האָב מיטגעטיילט.

קודם, פערשטעהט זיך, אינטערעסיר׳ט אונז די פערזאָן אליין פון יענעם העלד פון דער אינגסטער אידישער געשיכטע. וועגען דעם האָב איך שוין גערעדט אין מיינע עראינערונגען גופא. איך האָב דערמאָנט דעם לעזער, אז זיי, — די עראינערונגען מיינע, — קאָנען בשום אופן ניט בעטראכט ווערען ווי א מאטעריאל פון אן אויסשעפּענדע כאראקטעריסטיק.

עס איז דר. הערצל׳ען געוועזן בעשערט, אז אן אומפריינדליך אויג זאָל איהם דערזעהן אין אזא פּאָזע און אין אזא בעלייכטונג, אין וועלכער עס איז פערשוואונדען יעדער שטריך פון אמת׳ער גרויס. געוויס קאָן אזא בילד ניט איבערגעבען דאָס גאנצע גע־שטאלט פון דעם מאן. וואָלט דר. הערצל פערמאָגט נאָר דאָס, וואָס ער האָט געהאט צו געבען מיר אין יענעם טאָג, וואָלט ער ניט געוועזן קיין דר. הערצל. נאָר צונויפגעשטעלט מיט אלע אנדערע בילדער פון דעמזעלבינען מאן סאי די, וואָס מאָלען זיך אויס אין פערזענליכע עראינערונגען פון אנדערע מענשען, וועלכע האָבען איהם געקאָנט זעהן אין אלערליי מאָמענטען פון זיין לעבען, און סאי די, וואָס דארפען אויסגעארבייט ווערען אויף דעם סמך פון זיינע שריפטען, זיינע טהאטען און זיין קאָרעספּאָנדענץ, — נאָר אין צו־נויפשטעלונג מיט די אלע בילדער, זאָג איך, קאָן אויך מיין בילד העלפען ארויסברייננען די ריכטיגע אָבשאצונג פון זיין מהות.

וואָלט איך שפּעטער ניט בעקאנט געוואָרען מיט דר. הערצל׳ען אויס אנדערע קוועלען, — דאָס רוב ליטערארישע, — וואָלט מיר אסור וועון אריינגעפאלען אין זין צו־צורעכענען איהם צו די אידישע

גדולים פון אונזער דור. דאָס, וואָס ער איז געווען דער פיהרער פון די ציוניסטען, וואָלט אזוי וועניג גערעדט וועגען זיין מענשליכער גרויס, ווי וועניג מען קען אָבשעצען דעם מענשליכען ווערטה פון אַ חסידישען רבי'ן, לויט די התלהבות'דיגע שבחים פון זיינע חסידים. צווישען אזעלכע חסידים געפינט איהר אָפט אַ סך עהרליכע און קלוגע מענשען, וואָס שטעהען אין אַלע פּרטים העכער מיט אַ קאָפּ פאַר זייער אייגענעם רבי'ן, אָבער וואָס זיינען אויך אַזוי פערבלענדט פון דעם מאַגישען צויבער, ווי די גאַנצע איבעריגע מאַסע.

ערשט די ליטעראַרישע קוועלען האָבען ענטפּלעקט פאַר מיר אונצווייפעלהאַפטע סימנים פון דר. הערצל'ס גרויס און אויף דעם סמך פון יענע סימנים בין איך געקומען צו דעם בעשלוס, אַז ער געהערט צו יענעם מין העלדען פון דער מענשהייט, וועמעס גרויס עס בעשטעהט אין דעם הערָאאישען ווילען, אין דעם ווילען צו בעשאַפען עפּעס גרויסעס, פאַר וואָס עס זאָל זיך לוינען אריינצושטעלען דאָס לעבען אין קאָן. דאָס איז דער שעהנסטער און גלענצענדסטער טיפּ צווישען די העלדען פון דער מענשהייט.

מעהר קאָן איך דערווייל וועגען הערצל'ס פּערזאָן גאָר נישט זאָגען. איך וואָלט איבערהויפּט ניט אויפגעמישט נאָך אַ מאָל די סוגיא, ווען ניט אַ נאָטיץ אין דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון דעם היגען ציוניזם, „דאָס אידישע פאָלק“, וואָס שטעלט זיך אָב אויף מיינע עראינערונגען און אויף דער בעדייטונג פון דר. הערצל.

די נאָטיץ איז צו כאַראַקטעריסטיש פאַר געוויסע קרייזען פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, מען זאָל זי קאָנען דורכלאָזען אָהן אַ קריטישען קאָמענטאַר.

דער רעדאַקטאָר פון „דאָס אידישע פאָלק“ אין זיינע נאָטיצען „אויפ'ן שפּיץ פּעדער“, פון'ם 12טען פעברואַר, איז שטאַרק אויפגע'ברוגז'ט אויף מיר פאַר מיין וועניג רעספּעקטפולען טאָן, אין וועלכען איך רעד וועגען זיין ליעבלינגס-העלד.

„פּאָמילויטע, דאָקטאָר“, — ווענדט ער זיך צו מיר „אויף רום“, — „אַ ביסעלע עניוות שאַדט דאָך קיינעם ניט. איהר שרייבט דאָך דאָ סוף-כל-סוף וועגען איינעם, וואָס דאָס פאָלק בעקרוינט שוין איצט מיט לעגענדען-קרוינען, וואָס די עראינערונגען פון זיין נאָמען

אליין ברענגט אן ענטציקונגס־טרעהר אין די אויגען פון טויזענדער איבערגעבענע קינדער פון אונזער פאלק. היינט ווארום דער פאני־בראטישער טאן און די מגושם'דיגע שילדערונג וועגען ליפען, וואס זייערע ווערטער זיינען היינט די ביבעל פון דעם אויפגעלעבטען אי־דענטום" ?

מיין ענטפער איז : וועגען וועלכען אויפגעלעבטען אידענטום רעדט איהר דא ? אויב וועגען דעם רעליגיעזען, איז דר. הערצל פאר איהר עד היום אן אפיקורס, וועמעס ווערטער עס קאנען נים ווערען קיין „ביבעל", און די ארטאדאקסישע וועלט האט דערצו נאך ערגעץ ניט ערנסטליך אויפגעלעבט. פאר דעם רעפארמירטען אידענטום ווידער, אויף וועמען עס פאסט אויך ניט די בעצייכנונג „אויפגעלעבט", איז דר. הערצל עד היום א טרוימער און א פאנ־טאסט, אבער בשום אופן ניט קיין נביא, צו וועמעס רייד מען דארף זיך צוהערען מיט „יראת הרוממות". בלייבט דער באמת אויפגע־לעבטער אידענטום פון אן אחד־העם, א דר. נתן בירנבוים, א סטאלפנער. איך ווייס ניט, וואס הערר סטאלפנער דענקט וועגען דר. הערצל'ען. איך ראטה אבער דעם הערר'ן רעדאקטאר פון „דאס אידישע פאלק", ער זאל זיך ווענדען צו דר. בירנבוים און אחד־העם'ן נאך אן אבשאצונג פון זיין אבגאט, און ער וועט געפינען, אז מיין שטעלונג צו דר. הערצל'ען, ווי צו איינעם פון אונזערע גדולים, איז נאך אפשר לפנים משורת הדין.

נאר אפשר מיינט ער מיט דעם „אויפגעלעבטען אידענטום" די נ א צ י א נ א ל אויפגעלעבטע אידישע אינטעליגענץ און די אידישע מאסען ? איז — טאקע פאראן נישט מעהר ווי א פאר טויזענט, ביי וועמען „די עראינערונגען פון זיין נאמען אליין ברייננט" א. א. וו. די איבעריגע גרויסע, נ י ט ־ציוניסטישע נא־ציאנאל־אויפגעלעבטע מאסע ווייס פון דר. הערצל'ען נאר דעם נא־מען, און דער נאמען רופט ניט ארויס ביי זיי קיין ברעקעל התלהבות, ווי אויך די אידעע, וועלכער ער האט געדיענט, לאזט זיי אינגאנצען קאלט. מיט וואס פאר א רעכט אידענטיפיצירט „דאס אידישע פאלק" יענע ציוניסטישע פאר טויזענטער מיט דעם גאנצען „אויפ־געלעבטען אידענטום" ?

איך פרעג ווייטער : קאנט איהר מיר אפשר ציטירען א פאר

ווערטער פון דר. הערצל'ס ליפּען, וואָס זיינען היינט געוואָרען אַ ביבעל פאַר יענע טויזענטער? איך מיין, פערשטעהט זיך, ד ר. ה ע ר צ ל־ ס ווערטער און ניט די ווערטער זיינע, וואָס ער האָט גע־האָט בשותפות מיט אַלע ציוניסטען און נאַציאָנאַליסטען פון זיין דור. דער טשאַרטער? די נויטיגקייט ניט נאָר פון אַ אידישען לאַנד, נאָר אויך פון אַ אידישען שטאַאט? די לאָיאַליטעט צו די הער־שענדע מלכיות? — ווי וויכטיג די דאָזיגע פּרינציפּען זאָלען אפשר ניט זיין, וועט קיינער ניט, אפילו אַ ציוניסט, ניט צורעכענען זיי צו די הייליגע געבאָטען, וואָס דאַרפען איינעם זיין אַקוראַט אַזוי טייער, ווי די ביבעל.

מיר געדענקט זיך נאָר איין איינציגער אַפאָריזם דר. הערצל'ס, וואָס קאָן אפשר בעטראַכט ווערען ווי זיינער אַ הייליגער געבאָט און זיינע אַ צואה. און אויך אין איהם איז ריין הערצליאַניש נאָר די שעהנע פּרעציזע פאָרם: דער אינהאַלט איז זעהר אַ צווייפעלהאַפ־טער און דערצו דריקט ער אויס אַ שטרעבען, פון וועלכען ניט הערצל איז געווען דער איניציאַטאָר. איך מיין דאָ דעם בעריהמט געוואָ־רענע סאַפּאָריזם, אַז „דער ציוניזם איז דער צוריקקעהר צום יודענ־טום, פאַר'ן צוריקקעהרען אין דאָס אידישע לאַנד". דער זין פון דעם אַפאָריזם איז אַ צווייפעלהאַפטער דערפאַר, ווייל מיר האָבען גאַנץ זיכער געהאַט אַ ציוניזם, וואָס האָט ניט געוואָלט האָבען „קיין ברעקעל מגע ומשא מיט דער טהעאָלאָגיע" (דר. מאַקס נאָרדוי), און אפשר זיינען עד היום פערבליבען קלאָרע קעפּ אין איהם, וואָס זיינען נאָך ניט שיכור געוואָרען פונ'ם „יודאַאיזם".

על־כל־פּנים, איז דער ג י י ס ט י ג ע ר ב אַ ג אַ ז ש, מיט וועלכען דר. הערצל איז געקומען צו דעם אידישען פאָלק אַ צו אָרעמער, מען זאָל קאָנען אין אונזער ביבעל אריינשטעלען נאָך אַ בוך: „דברי הערצל".

און ווייטער!

קאָן אונז אפשר „דאָס אידישע פאָלק" דערצעהלען, לאָז זיין א י י נ ע פון יענע לעגענדען, מיט וועלכער „דאָס פאָלק" האָט „שוין איצט בעקרוינט" הערצל'ס קאָפּ? (אַ חוץ, נאַטירליך, יע־נעם נאַאיווען גלויבען, אַז ער איז געווען משיח, — אַ גלויבען, וואָס איז, ווי מיר דוכט, אינגאַנצען פערשוואונדען מיט זיין טויט).

איך ווייס נאָר איין לעגענדע אזא, מיט וועלכער „דאָס אידישע פאָלק" (איך מיין דאָס ב ל א ט) וויל „שוין איצט בעקרוינען" דר. הערצל׳ען און דאָס איז די ל ע ג ע נ ד ע, אז הערצל איז געוואָרען א לעגענדארישער העלד ביי אונזער פאָלק...

און ווען אפילו די אלע גוזמאות, מיט וועלכע „דאָס אידישע פאָלק" „בעקרוינט" דר. הערצלען, וואָלטען געווען א האָר ניט אויס־געטראַכט, וואָלט אויך דעמאָלט געווען א פשוט׳ע קינדעריי, — אויב ניט נאָך עפּעס ערגערעס, — צו פערלאַנגען פון וועמען עס איז, ער זאָל צוגעהן מיט עניוות צו דער אָבשעצונג פון הערצל׳ס בעדייטונג און גרויס. עס איז בכלל א קינדערשער, ישיבה־בחור׳שער געדאַנק, אז נאָר א גדול האָט א רעכט צו קריטיקירען א גדול און אז אנדערע מענשען דארפען שטעהן פאר איהם מיט אן איינגעבויגענעם קאָפּ, אָדער קוקען אויף איהם פון אונטען ארויף, שטעהענדיג אויף די קניע.

און נאָך א קליינע בעמערקונג צום סוף:

אויב עס זיינען פאראן ביי אונז מענשען, וואָס גלויבען באמונה שלמה, אז דר. הערצל פערדיענט א בעזאָנדערם בכבוד׳ען פּלאַץ אין דעם פּאַנטהעאָן פון דער אידישער געשיכטע, — איך וויל אָננעהמען, אז דער רעדאַקטאָר פון „דאָס אידישע פאָלק" געהערט צו זיי, — דארפען זיי געדענקען, אז ניט מיט חוצפה און מארק־שרייערישע רעקלאַמע קאָן מען דערצווינגען רעספּעקט צו דעם העלד פון זייער קולט.

דערצו איז נאָר דאָ איין מיטעל: בעקאַנט מאַכען דעם עולם מיט די געדאַנקען און די מעשים פון דעם העלד, פאר וועמעס כבוד זיי שטעלען זיך איין. די גרויסגאַבע פון הערצל׳ס ביאָגראַפיע און פון זיין ווערק „אלט־ניילאַנד" איז ניט גענוג. ניט מיט דעם „אלט־ניילאַנד" האָט הערצל צוגעצויגען צו זיך די נשמות פון דעם יונגען ציוניסטישען דור, און ניט מיט דער אוטאָפּיע האָט ער זיך אונ־שטערבליך געמאַכט. אויך די ביאָגראַפיע דר. הערצל׳ס קאָן נאָך ניט גערעכטפערטיגען א הערצל־קולט.

אויב די מענער פון יענעם קולט ווילען, אז די פערעהרונג, וואָס זיי פאָדערען פאר זייער העלד, זאָל ניט זיין קיין בלינדע, דאר־פען זיי קודם כל זעהן, אז דער אידישער עולם זאָל קאָנען בעקאַנט

ווערען מיט אַלע דאָקומענטען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דר. הערצל'ס לעבען און שאַפען: אין דער ערשטער ליניע דאַרפען זיי אַרויס־געבען אין אידיש זיינע רעדען און שריפטען, — דערנאָך אויך די וויכטיגסטע עראיגנערונגען, וואָס זענען פּערזענליך געוואָרען וועגען איהם.

ערשט דעמאָלט, ווען מיר וועלען דאָס אַלץ האָבען אין אונזער שפּראַך, וועלען מיר קאָנען ריכטיג אָבשעצען זיין ווערטה און זיין בעדייטונג און אויסטיילען איהם יענעם כבוד, וואָס איהם קומט.

4טען פעברואַר, 1914.

סבוני כדבורים!...

אן ענטפער צו מיינע קריטיקער.

סבוני כדבורים, זיי האָבען מיך געטהאָן טהאָן ארומרינגלען, ווי די ביענען... איך מיין דאָ, נאַטירליך, מיינע קריטיקער.

דער לעזער פערשטעהט געווים אליין, אז ניט אלע יענע הערען, וואָס האָבען מיך בעעהרט מיט זייער קריטיק אויף מיינע עראינערונגען, פערדיענען דעם נאָמען „ביענען". איינינע פון זיי האָבען, לויט זייער טבע, געביסען אויף א גאַנץ אַנדער אַרט...

אָבער צווישען די, וואָס זענען שאַרף אַרויסגעטראָטען אַנטקעגען מיר פאַר מיינע „הערצל עראינערונגען", געפינען זיך הערר דר. ש. לעווין, און הערר באָרוכאָוו, און הערר א. ליובארסקי, וואָס ביי דעם לייענען פון זייערע ביטערע בעמערקונגען האָב איך געמוזט א פּאַר מאָל אָבזיפצען: „נאמנים פצעי אוהם!"...

ניט אויף אַלע איינצעלהייטען פון זייער קריטיק וועל איך מיך אָבשטעלען. דער עיקר, וואָס איך וויל זיי זאָגען, איז אָט וואָס:

— מיינע ליעבע פריינד און פערעהרטע געגנער! זאָרגט ניט וועגען מיין רעפּוטאַציע און לעגט אייך ניט קיין פּויגעלעך אין בוזעם: מיינע עראינערונגען זענען א ה י ס ט א ר י ש ע ר ד א ק ו מ ע נ ט. יעדער ציוניסטישער היסטאָריקער, וואָס וועט פערדיענען ערנסט דעם נאָמען היסטאָריקער, וועט, ביי דער בעאורטיילונג פון דר. הערצל'ס פּערזאָן און טהעטיגקייט, זיך מוזען רעכענען מיט די פאָלגענדע פאַקטען, וועלכע איך האָב מיטגעטיילט:

ע ר ש ט ע נ ס, אז דר. הערצל האָט אין דעם נאָמען פון פאָן פּלעהווע געוואָלט פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט דעם „בונד", כדי אָבצושטעלען אויף א משך פון מאַקסימום פופצעהן יאָהר די אידישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג, אין וועלכער צייט פאָן פּלעהווע נעהמט זיך אונטער צו קריגען פאַר די אידען א טשאַרטער אויף פּאַלעסטינא.

צוויטענס, אז דר. הערצל האָט די אונטערערדונג וועגען אוגאַנדאַ געפיהרט נאָר מיט דעם איינציגען אויסקוק, אַריינצוציהען די ענגלישע רעגיערונג אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק.

דריטענס, אז דר. הערצל האָט זיך בעטראַכט, ווי אַ מענש, וואָס שטעהט נאָהענט צום סאָציאַליזם און האָט צוגעזאָגט צו שטיצען די סאָציאַליסטישע פּלענער אין פּאַלעסטינאַ, ווען ער וועט האָבען די אויבערמאַכט אין די הענד.

פערטענס, אז דר. הערצל איז ניט געווען זיכער, צי ער איז דער אידישער משיח, ווייל ער האָט זיך ניט בעטראַכט פאַר אַ מומחה אין טהעאָלאָגישע פראַגען.

(איך נעהם, פערשטעהט זיך, אָן, אז אַלץ, וואָס דר. הערצל האָט מיטגעטיילט, איז געווען אמת).

אויף וואָס זעהענדיג וועט דער צוקונפטיגער היסטאָריקער זיין זיכער אין די דאָזיגע פאַקטען? ביי דער אונטערערדונג צווישען דר. זשיטלאָווסקי און דר. הערצל איז דאָך קיינער אין צימער ניט געווען?

ער וועט זיך שטיצען, מיינע פערעהרטע הערען, אויף די כללים פון דער געשיכטס־פאָרשונג, און ספּעציעל אויף יענע, וואָס ווערען געלערענט אין דער „קוועלען־קונדע".

עס איז ניט קיין נייעס פאַר דעם היסטאָריקער און דעם ביאָגראַף זיך צו בעגעגענען מיט דאָקומענטען, מיט ערציילונגען וועגען פערשיעדענע פּערזאָנען, וואו אַלץ הענגט אָב פון יענעם גראַד צוטרוי, וועלכע די מיטליידענדע פּערזאָן פּערדיענט. ער מוז יעמאָלט זאַמלען מאַטעריאַל, כדי צו קומען צו אַ גאַנץ קלאָרען בעשייד, אויף וויפיעל ער קאָן זיך פערלאָזען אויף יענער פּערזאָנ'ס מיטטיילונג.

ער וועט דאָס מוזען טהאָן אויך בנוגע צו מיר, אוז — דערמיט איז די פראַגע פּערענטפערט.

אויף הערן ליובאַרסקי'ס בריעף אין „טאָג" וועל איך מיך אָבטשעלען אַ ביסעל לענגער.

איך גלויב באמונה שלמה, אז הערר ליובאַרסקי איז מיך ניט חושד אין קיין שום שלעכטס. ער זעהט נאָר, אז איך האָב בעגאַנגען אַן עולה, ווילט זיך איהם ניט גלויבען, אז איך זאָל דאָס האָבען גע־

טהאָן אָהן שום היתר פון א וועלכען עס איז מאָראַלישען דין. פרעגט ער די שאלה: „ילמדינו רבינו, ווי אזוי האָט איהר דאָ געהאַנדעלט? אדרבה, זאָגט, תורה היא וללמוד אני צריך!"

די עולה, וואָס איך האָב בעגאַנגען, בעשטעהט אין דעם, וואָס איך האָב צוגעזאָגט דר. הערצל'ען, אז אונזערע רעד זאָלען בלייבען א סוד צווישען אונז, און לסוף נעהם איך און דערצעהל די גאַנצע מעשה נאָך אין יענעם טאָג מיין פריינד אַנ־סקי און אין א משך פון א צייט אַרום געפין איך פאַר מעגליך צו פערעפענטליכען דעם „סוד" אין דער פרעסע.

די שאלה ווערט פערענטפערט דורך דעם פשוט'ען דין, וועלכע אַלע מענשען ווייסען פון לאַנג. דער דין איז: ד ע ר ו ו אָ ס ג י ט א וואָרט, איז געבונדען צו האַלטען זיין וואָרט אין די גרעניצען פון זיינע רייד און לויט דעם זין פון דעם אָב־מאַך. די צוויי בעדינגונגען מוזען אָבגעהיט ווערען. אָבער נאָך וויכטיגער, איידער די אויסערע גרעניצען פון דעם וואָרט, איז דער אינוועניגסטער זין פון דעם אָבמאַך.

א קליין ביישפיעל וועט אינגאַנצען קלאָר מאַכען דעם ענין. אין דזשעק לאָנדאָנ'ס ראָמאַן דער „ים־וואָלף" גיט קאַפּיטאַן לאַר־סען איינעם א תקיעת כף, אז ער וועט זיך מיט א פינגער ניט צו־ריהרען צו די צוויי מאַטראָסען, וואָס האָבען מורד געווען אין איהם. ער האָט זיך טאַקי מיט א פינגער ניט אָנגעריהרט, האָט אָבער דער־לאָזען, זיי זאָלען דערטרונקען ווערען אין ים. ער האָט זיך גע־האַלטען בלויז אין די גרעניצען פון זיין וואָרט, האָט אָבער גע־האַנדעלט להיפך צו דעם זין פון זיין אָבמאַך.

לאָמיר איצטער זעהן, וואָס איך האָב דר. הערצל'ען צוגעזאָגט און אין וועלכען זין האָבען מיר ביידע דעם צוזאָג פערשטאַנען.

הערר ליובאַרסקי מאַכט א פאַקטישען טעות, ווען ער מיינט, אז דר. הערצל האָט פערלאַנגט פון מיר, נאָך א י י ד ע ר ער האָט מיר דערצעהלט זיין „סוד", אז איך זאָל צוזאָגען וויי טער קיינעם עס ניט צו דערצעהלען. לאָז הערר ליובאַרסקי נאָך אַמאָל איבערלייענען דעם ערשטען קאַפּיטעל פון מיינע עראינערונגען, וועט ער געפינען, אז דר. הערצל האָט מיר דערצעהלט דעם סוד

בפירוש כדי איך זאָל דאָס דערצעהלען וויטער: ער האָט געוואָלט איך זאָל איהם צונויפפיהרען מיט דעם „בונד“. ערשט אז איך האָב איהם בעוויזען, אז דאָס וועט איהם ניט לוינען, האָט ער פערלאַנגט, אז דאָס זאָל בלייבען צווישען אונז, און איך האָב איהם דערויף צוגעזאָגט, אז „דאָס וועט ניט אריינדרינגען אין דער עפענטליכקייט“.

הערצל האָט ניט געקאָנט פאָדערען פון מיר און קיין פּאָליטי־קער וואָלט ניט געקאָנט פערלאַנגען פון מיר, איך זאָל דאָס „קיי־נעם ניט דערצעהלען.“ דער פאַקט, אז פּלעהווע וויל פיהרען אונטעררעדונגען מיט די אידישע רעוואָלוציאָנערען, איז א צו־בעדייטענדער פאַקט, אז די רעוואָלוציאָנערען זאָלען איהם ניט אויסנוצען, אויב זיי געפינען דאָס פאַר נויטיג. און אויך פּלעהווע האָט געוואוסט, אז די רעוואָלוציאָנערען וועלען זיין אין דעם בעזיץ פון דעם פאַקט, און ער האָט אפשר געהאָפּט, אז זיין פאָרשלאָג וועט אריינדרינגען אין וואָס טיעפערע קרייזען פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער וועלט, כדי זי דורך דעם צו פערטומלען.

הערצל האָט דעריבער פון מיין עטנפער געמוזט פערשטעהן, אז פּריוואַט און קאָנדיציאָנעל וועלען מיר, רעוואָלוציאָנערען, אויסנוצען זיין מיטטיילונג, ווי דאָס וועט אונז אָם בעסטען פּאַסען. ער האָט אָבער געוואָלט האָבען די זיכער־קייט, אז די עפענטליכקייט זאָל דערפון גאָר נישט וויסען, מחמת טעמים, וואָס איך וועל באַלד ערקלעהרען.

דיזעלבינע זאַך איז מיט זיין מיטטיילונג וועגען זיין שטעלונג צו אוגאַנדאַ און צו דעם סאָציאַליזם. עס איז, אדרבא, געלעגען אין זיינע אינטערעסען, אז די אידישע סאָציאַליסטען זאָלען פּריוואַט און קאָנפידענציעל וויסען, ווי אזוי ער שטעלט זיך צו דיביידע ענינים. דורך מיר האָט ער גערעדט צו די אידישע סאָציאַליסטען, זיי זאָלען איינזעהן, אז דער סאָ־ציאַליזם קאָן מקוים ווערען נאָר אין ארץ ישראל און אז אויף זיין הילף דערצו קאָנען מיר רעכענען.

וואָס איך האָב דערנאָך ניט געוואָלט איבערנעהמען אויף זיך, צו זיין דער אפּאָסטאָל אָט פון נעם נייעם בליק אויף דעם סאָציאַ־ליזם, — דאָס איז שוין מיין זאַך.

דערפון איז קלאָר, אז איך האָב, לויט די גרעניצען און דעם זין פון מיין געגעבענעם וואָרט, געהאַט א רעכט צו דער־צעהלען הערצל׳ס „סודות“ ניט נאָר אַנ־סקי׳ן, נאָר אויך אַלע אַנ־דערע חברים מיינע, וואָס האָבען זיך געקאָנט אינטערעסירען דער־מיט, בתנאי, עס זאָל אָבגעהיט ווערען דער אָבמאַך און דערפון זאָל גאָר נישט ניט אריינדרינגען אין דער עפענטליכקייט.

פאַרוואָס האָט דאָס אָבער ניט געטאָרט אריינדרינגען אין דער עפענטליכקייט?

דר. הערצל האָט געוואָלט, דאָס זאָל בלייבען „אנטר־נו“. פאַרשטעהט זיך ניט דערפאַר, ווייל ער האָט גערעכענט, אז דאָס קאָן שאַדען איהם, ווי א פּערזאָן, אין וועמעס עס איז אויגען, ווייל איך דערצעהל זאַכען, פאַר וועלכע ער זאָל זיך דאַרפען פאַר וועמען עס איז שעהמען. ער איז געוועזען איבערציינגט אין זיין רעכט צו האַנדלען, ווי ער האָט געהאַנדעלט, און האָט געוויס ניט גערעכענט, אז ער ערשיינט דאָ אין א ניט־גינסטיגער בעלייכטונג פאַר זיך. ער האָט אָבער געמיינט, אז מיר זענען די נאַאיווע קינדער, וואָס פערשטעהען ניט ווי אויסצונוצען א גינ־סטיגען מאָמענט פאַר די אינטערעסען פון אונזער פאָלק.

וואָס הערצל׳ען האָט געאַרט איז נאָר, אז די מיטגעטיילטע פאַקטען זאָלען ניט אָנטהאָן שאַדען זיין פּאָליטיק. און א שאָדען וואָלטען זיי געקאָנט אָנטהאָן א גוואַלדיגען!

זיי וואָלטען אויפגעדעקט די אויגען פון דער אַלטער טערקי־שער רעגיערונג אויף די אינטריגעס, וואָס די ציוניסטען פיהרען מיט דער רוסישער דיפּלאָמאַטיע, כדי ארויסצוצווינגען אויף דעם סולטאַן דעם ווילען פון די ציוניסטען.

זיי וואָלטען פערשטימט די ענגלישע רעגיערונג, ווען זי וואָלט זיך דערוואוסט, אז מען וויל זי דורך דעם אוגאַנדא־פּראָיעקט אריינ־ציהען אין די ציוניסטישע פּלענער.

זיי וואָלטען אויפגעהויבען דעם פּראָטעסט פון דער רוסי־שער ליבעראַלער געזעלשאַפט, אַנטקעגען די ציוניסטען און אַנטקעגען דער רוסישער רעגיערונג, וואָס ווילען פערוויקלען רוסלאַנד אין א פּאָליטישען פּלאָנטער מיט דער טערקיי

צוליעב אידיש-נאַציאָנאַלע און ביוראָקראַטיש-רעאַקציאָנערע צוועקען.

און נאָך אַ סך אַנדערע ניט געשמאַקע זאַכען וואָלטען פון דעם עפּיזאָד געקאָנט ארויסוואַקסען פאַר דער ציוניסטישער בעוועגונג פון יענער זייט, ווען איך וואָלט, צ"ב, אין דער „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָסיאַ“, דעם צענטראַל אָרגאַן פון מיין פּאַרטיי, ארויסגעטראָטען מיט דער פערעפענטליכונג פון דר. הערצל'ס אונטעררעדונג מיט מיר.

דר. הערצל האָט דעריבער געוואָלט האָבען אַ גאַראַנטיע, אַז אונזער אונטעררעדונג זאָל בלייבען קאָנפידענציעל. פּ אָ ד ע ר ן די גאַראַנטיע האָט ער ניט געהאַט קיין ר ע כ ט, וויל איך האָב געקאָנט זאָגען:

איך געפין פאַר נויטיג, הערר דאָקטאָר, איבערצוגעבען אייער מיטטיילונג דעם „בונד“ און איבערלאָזען אויף זיינע אחריות, צי ער וויל מיט אייך פיהרען אונטערהאַנדלונגען, אָדער ניט.

אויס ר ח מ נ ו ת צו דר. הערצל'ען און צו דעם ציוניזם האָב איך דאָס ניט געטהאָן, און עס בלייבט מיר איצטער נאָר פּאַטעטיש אויסצושרייען:

— אָ, ציוניסטישע קריטיק! אונדאַרקבאַרקייט איז דיין נאָמען!...

עס פערשטעהט זיך, אַז ווען איך האָב דר. הערצל'ען צוגעזאָגט, אַז זיינע מיטטיילונגען וועלען ניט אריינדרינגען אין דער עפענטליכקייט, האָט ער געקאָנט זיין זיכער, אַז פון מיין זייט וועט פאַר איהם ניט ארויסוואַקסען קיין ברעקעל שאָדען.

דאָס איז געווען דער ז י ן פון אונזער אָבמאַך, און כל זמן דער אָבמאַך האָט געהאַט אַ זין, האָב איך געהאַלטען פאַר מיין זעלבסטפערשטענדליכען חוב עפענטליך אפילו ניט צו רעדען וועגען דעם. ערשט ווען די אַלטע טערקישע רעגיערונג איז געפאַלען, ווען דער אוגאַנדאַ-פּראָיעקט איז בעגראָבען געוואָרען, ווען דער רוסישער אַבסאָלוטיזם איז ווענינסטענס לפנים אראָב פון מארק, ווען דער ד י פּ ל אָ מ אַ ט י ש ע ר טשאַרטעריזם האָט באַנקראָטירט, — ערשט יעמאָלט בין איך געוואָרען פריי פון דעם וואָרט, וואָס איך האָב געגעבען צו דר. הערצל'ען.

סבוני כדבורים !...

איך וויל, צום סוף, בעריהרען נאָך איין פראגע: איז איצטער געווען די פאסענדע צייט ארויסצוטרעטען מיט אזעלכע עראינערונגען?

דערויף מוז איך ענטפערען, אז איך קאָן לײדער קײענם ניט איבערלאָזען קײן ברעקעל רעכט צו בעשטימען פאר מיר וואָס, ווען און וואו איך זאָל פערעפענטליכען פון מײנע עראינערונגען.

5טען מערץ, 1915.

דער דריטער חורבן.

די „טיימז“ האָט געבראַכט אין אַ דעפּעשע פון אַלעקסאַנדריע, פון דעם 18טען יאַנואַר, די איוב־בשורה, וועגען דעם חורבן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

„די אראַבער האָבען בעקומען דעם בעפעהל צו פערנעהמען די אידישע לענדערייען; טשערקעסען ווערען בעזעצט אין יעדער קאָלאָניע; דזשעמאַל פּאַשאַ האָט בעפוילען, אַז אַלע אידישע קאָ־לאָניזאַציאָנס־דאָקומענטען זאָלען, אונטער טויט שטראָף, פערניכ־טעט ווערען אין פערצעהן טעג“.

לאַקאָניש, שאַרף און צום פּונקט, ווי די בשורה, וועלכע איוב האָט בעקומען וועגען דעם גורל פון זיינע זיהן און טעכטער: „דאָס פיה האָט געאַקערט און די אייזעלינס האָבען זיך געפּיטערט ביי זייער זייט, איז אַנגעפאַלען סעבאַ און האָט זיי צוגענומען, און די יונגען דער׳הרג׳ט מיט׳ן שווערד“: „דיינע זיהן און טעכטער האָבען געגעסען און געטרונקען ווייַן, איז אַ גרויסער ווינד געקומען פון דער מדבר־זייט, האָט אַ ריהר־געטהאָן די פיער ווינקלען פון הויז, איז עס איינגעפאַלען אויף די יונגען און זיי זיינען גע־שטאָרבען“.

מיר קאָנען אָבער ניט אויפנעהמען די בשורה מיט דעם זעלבען פרומען מוטה, ווי דער אַלטער פרומער איוב. מיר קאָנען ניט מצדיק זיין דעם דין אויף אונזערע זיהן און טעכטער, וועמעס גאַנצע זינד איז דאָס רוב בעשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס פיה האָט גע־אַקערט און די אייזעלינס האָבען זיך געפּיטערט ביי זייער זייט און דערפון האָבען זיי געגעסען און געטרונקען.

ציוניסט אָדער ניט ציוניסט, — און אפילו דער פערביטער־סטער געגנער פון דעם ציוניסטישען געדאַנק, — אַלע מוזען דער־פיהלען דעם טיעפען צער איבער דעם בראָך, וואָס האָט פּלוצלונג געטראָפען אומשולדיגע מענשען, איבער דעם אומגליק, וואָס האָט

זיך פּלוצלונג אַריינגעריסען אין דעם לעבען פון אונזערע זיהן און טעכטער.

אָבער איך בין שטאַרק מסופק, אויב ביי איינעם קאָן דער צער זיין אַזוי טיעף און אַזוי ברענענד, ווי ביי דעם, וועלכער איז אַליין, לאָז זיין אויף אַ ווײַלע, געווען אין ארץ ישראל, ארומגע־גאַנגען איבער די קאָלאָניעס, זיך געלאָזט אַרומוועהען פון די שטילע ווינטען, וואָס האָבען כשופ׳דיג גע׳סוד׳עט אין אויער וועגען מער פון גרויסער טרייסט און גרויסער האָפענונג; וועלכער האָט געהאַט דאָס גליק בעקאַנט צו ווערען מיט די אמת׳ע טרייע בויער פון דעם ציוניסטישען אידעאַל, — איך מיין די אידישע אַרבייטער און די אינטעליגענץ, — און איינינע פון זיי ליעב געווינען מיט׳ן גאַנצען הארצען.

וואָס פאַר שטראָמען פון פרייד, פון מענשליכע ענטציקונג מיט דעם מ ע נ ש ע ן, פלעגען אַרומנעהמען אייך, בעת פאַר אייך פלעגט זיך פּלוצלונג אויפעפענען זייער גאַנצע נשמה, וואָס איז געוואָרען אַזוי גרויס און אַזוי ליכטיג, אַ דאַנק דער גרויסער טרייסט אין דער ליכטיגער האָפנונג, וואָס האָבען גענומען לעבען אין איהר!

נאָר לעבענדיג מיט די אידישע אַרבייטער אין ארץ ישראל, — בפרט אין גליל, — קאָן איינער, לאָז זיין מאָמענטען־ווייז, דורכגעציטערט ווערען פון די כוואַליעס פרייד. וואָס ער בעמערקט ביי די, וועלכע זעהען, ווי זייער אידעאַל, דער העכסטער טרוים פון זייער לעבען, ווערט פאַר זייערע אויגען אויפגעבויט, אַ שטיין נאָך אַ שטיין, און ניט נאָר פאַר זייערע אויגען, נאָר אויך מיט דער הילף פון זייערע אייגענע הענד.

יעדער בויער פון אַ גרויסער צוקונפט לעבט איבער ניט נאָר יסורים, נאָר אויך מאָמענטען פון אמת׳ער פרייד. עס איז אַ שמחה אויף אונז סאָציאַליסטען, צ. ב., ווען מיר דערוויסען זיך, אַז אַט אין ד ע ם פּונקט איז שוואַכער געוואָרען די פּאָזיציע פון אונזער געגנער, אַט דאָ האָבען מיר פערשטאַרקט אונזער אָרט און קיינער וועט אונז ניט קאָנען פערטרייבען פון איהם; אַט דאָ איז געפאַלען אַ וואַנד, וואָס האָט אונז אָבגעטיילט פון פאָלק: מיר וועלען קאָנען איצטער רעדען צו איהם, רופען איהם צו אונז; און אַז

ער וועט אונז דערהערען און וועט אריינטרעטען אין אונזערע באַטאַליאָנען, וועלען מיר מיט געאייניגטע כחות א וואָרף טהאָן זיך אויף דער צענטראַל־פעסטונג פון דעם פיינד. און אז מיר וועלען איינגעהמען די פעסטונג און פערטרייבען דעם שונא, וועט זיך ערשט יעמאָלט עפענען א ו ו ע ג אין דאָס אידעאַלע לאַנד פון אונזער צוקונפט.

אָבער — ווי קאָן מען פערגלייכען די דאָזיגע פרייד, וואָס זעהט ניט קיין שטיינדעלע פון דעם צוקונפטס־בנין אין דעם חושך'ען היינט; וואָס דאַרף אָנשטרענגען דעם כח הדמיון, כדי מיט גייסטיגע אויגען צו דערבליקען ניט מעהר ווי דעם אָנהויב פון דעם ו ו ע ג, וואָס דאַרף פיהרען צו דער פערווירקליכונג פון דעם אידעאַל, — ווי קאָן מען, זאָג איך, פערגלייכען זי מיט יענער גדולה, מיט יענער רחבת הלב, וואָס ווערט געבוירען, ווען איך זעה, אז מיין אידעאַל הויבט שוין אָן צו ווערען ממשות'דיגע ווירקליכקייט פאַר מיינע אויגען; אז ער וואַקסט, ווי אַן איינגעפלאַנצט בוימעלע, וואָס האָט שוין געלאָזען וואָרצלען אין דער קרקע, און ווען איך פיהל, אז איך אליין, מיט מיין גאַנצען לעבען און טהאָן, בין א בלעטעל אין יענעם בוימעלע, אַן אטאָם פון דעם אידעאַל, וואָס ווערט פערווירקליכט אין לעבען.

אָט דאָס איז דער געפיהל־באַזים פון יענער געהויבענער און לויטערער שטימונג, וועלכע איך האָב אומעטום אָנגעטראָפען ביי דעם איבערגעבענעם אידעאַליסט אין ארץ־ישראל.

מאָמענטען־וויז פלעגט אויף מיין נשמה, — גאָט זאָל זי ניט שטראָפען פאַר דער צולאָזענקייט! — אריינשפרינגען אין דעם דערקוויקענדען ים פון יענער שטימונג און פלעגט זיך לוסטיג ארומפלעטשערן אין זיינע וואלען, ביז... ביז דער שוואַרצער דעמאָן פון ספיקות פלעגט זי ווידער ארויסשלעפען און א וואָרף טהאָן זי אויף דעם טרוקענעם זאמד.

און דערפאַר ווייס איך, ווי גוט עס איז זיך צו פלעטשערן אין יענעם ים, ווי וועה עס טהוט, ווען מען ווערט ארויסגעריסען פון איהם. און דערפאַר פלעג איך, אפילו אין די מאָמענטען פון דעם שניידענד־קאַלטען פעסימיזם, וואָס איך האָב דורכגעלעבט אין ארץ־ישראל, — ווען מיין נשמה האָט ממש זיך געטרייסעלט פאַר

קעלט און ניט געקאָנט קומען צו זיך אויף דעם טרוקענעם זאמד,— ניט אַראָבלאָזען מיין אויג פון דעם זוניגען שיין וואָס האָט גע־לויכטען און געוואַרעמט אין די נשמות פון מיינע פריינד.

און פּלוצלונג — „זעה, אַ גרויסער ווינד איז געקומען פון מדבר־זייט, האָט אָנגעריהרט די פיער ווענט פון דעם הויז, און ער איז איינגעפאַלען אויף די יונגען״...

ווי טראָגען זיי איבער דעם צער פון דעם נייעם חורבן? וואָס טהוט זיך אין די הערצער פון יענע ליעבע און טייערע? דאָס האַרץ ווערט פערקלעמט, ווי מיט צוואַנגען, און ס'איז שווער איינ־צוהאַלטען די טרעהרען, ווען מען טראַכט וועגען דעם.

און איינינגע בילדלעך שווימען אַרויף אויפ'ן זכרון, וואָס האָ־בען אַ שייכות צו דעם איצטיגען חורבן אין ארץ ישראל.

אַ הייסער זומערדיגער פריה מאָרגען. איך שטעה מיט אַ חבר, אַ יונגען אַרבייטער, אויף דער סטאַנציע „אפולע״, וואָס איז לעבען מרחביה. מיר וואַרטען אויף אַ צוג. די קליינינקע, שטע־כיגע גליל־פליעגעלעך, וואָס האָבען מיך מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַזוי אומברחמנות'דיג געפּלאָגט אויף דעמזעלביגען פּלאַץ, זיינען ערגעץ־וואו פערשוואונדען, און מיין אויג קאָן זיך ניט אָברייסען פון דעם עמק יזרעאל, פון די ווייטע בלאָהע בערג, צווישען וועלכע עס ליעגט נצרת. ווי אַלע מאָל, ווען איך פלעג שטעהן אויף אַ היסטאָרישען פּלאַץ אין ארץ־ישראל, איז אויך איצטער מיין נשמה אויפגערודערט: עס קלינגען אין איהר בענקענדע שטימען, — דער רוף פון די אבות. איך האַמפּער מיך מיט זיי. זיי האָבען טענות צו מיר, די אבות, און איך האָב טענות צו זיי. שטאַרק פערטהאָן אין דעם דאָזיגען עסק. הער איך ניט דעם געשפּרעך פון אַ גרופּע אידען, וואָס שטעהט נאָהענט לעבען אונז, ביז דער בע־זונדערס לוסטיגער טאָן פון אַ יונגען אידעל וועקט מיך אויף פון מיין פערטראַכטקייט.

— געגומען, געגומען די מיהל! — שרייט לוסטיג אַרויס אין אַ אידיש־פּוילישער אויסשפּראַך אַ יונג געל אידעל, אָנגעטהאָן אין אַ לאַנגער גראָהער קאַפּאָטע, מיט אַן אָפענער ברוסט, און זיין גאַנצער אויסזעהן, זיין טאָן און דער עסק, וועגען וועלכען ער רעדט,

פערטרייבען פלוצלונג די גייסטער פון די אבות און פערזעצען מיך ערגעץ־וואו אין א קליין שטעדטעל אין דער היים.

— גענומען די מיהל און ניט טייער אויך, — בעריהמט זיך דאָס אידעל מיט נצחון. און בעזעצען וועל איך מיך טאקי אין מרחביה. עס וועט ביי אונז אוועקגעהן גאָר אַן אַנדער סדר! איך האָב געהערט זאָגענדיג, אז חברה רויכערט דאָרטען פאַפּיראָסלעך אום שבת. איך האָב דאָס נ י ט געזעהן און חושד זיין אומ־זיסט אידישע קינדער וויל איך ניט. אָבער — וואַרט!... איין ספר־תורה׳לע איז שוין דאָרטען דאָ, איך קום מיט מ י י ן ספר־תורה׳לע: מיר וועלען עפענען א מנין, און עס וועט זיין חי — געלעבט!... וואָס דען? — פרעגט ער און טהוט א בליק מיט זיינע גוטע בלאָהע אויגען אויף מיר מיט מיין חבר, און אין דעם בליק זיינען אויסגעמישט פריינדליכקייט, קינדערשע שטיפעריי און טיעפער פרומער ערנסט. וואָס דען? ארויסטרייבען פון לאַנד? צום ד ר י ט ע ן מאָל ארויסטרייבען פון לאַנד? ניין, דאָס וועט ניט געהן! זיינען מיר שוין דאָ, וועלען מיר זיך ניט לאָזען!

— דוס וועט ניט גאַין! — חזר׳ט ער איבער נאָך א מאָל און לאַכט זיך פרעהליך פאַנאַנדער.

און פאַר וואָס זאָל ער ניט זיין פרעהליך? די מיהל האָט ער געדונגען ניט טייער און פאַר׳ן ארויסטרייבען פון לאַנד איז ער אויך בעוואָרענט: ער האָט „ספר־תורה׳לעך“. חברה מיט די פאַ־פּיראָסלעך זאָל נאָר ניט שטערען זיין סטראַטעגישען פּלאַן, איז דער ישוב געזיכערט. האָפט ער אָבער, אז מיט זיין קומען קיין מרחביה וועט „אוועקגעהן א נייער סדר“... איך האָב ליעב גע־קראָגען דעם יונגען פרומען מילנער.

ווער האָט זיך יעמאָלט געקאָנט ריכטען, אז דער דריטער חורבן וועט קומען אזוי גיך?

און נאָך אַן ערינערונג.

איך זיץ אין חיפה אין האָטעל. עס שטיקט די שלעכטע שטאָדט־לופט, כאָטש איך בין אויף דער וועראַנדאַ ניט ווייט פון ים, און מיין בליק טראָגט זיך איבער זיין אָפענער, בלאָהער ווייט. לעבען מיר זיצט א יונגער־מאַן, א גאַסט פון האָטעל. אָנגעשרויפט פון דער קלינגענדער רעקלאַמע, וואָס די אידישע צייטונגען אין

רוסלאַנד האָבען אין דער לעצטער צייט געמאַכט פאַר ארץ־ישראל, איז ער געקומען אַהער מיט אַ פּאָר טויזענט רובעל, — זיין גאַנצען פערמעגען, — מיט דער האָפנונג, אַז ער וועט דאָ ווי עס איז זיך קאָנען איינאָרדענען. עס האָט זיך אויסגעלאָזט „אַ בוידעם". מיט אַ פּאָר טויזענט קערבלעך קאָן מען ניט איינבייסען ארץ־ישראל. ער פאָהרט אַהיים, אַ פערביטערטער; שיט פעך און שוועבעל אויף אַלץ, וואָס ער האָט געזעהן אין לאַנד.

— לאָם איך נאָר קומען אַ היים! — שרעקט ער עמיצען. איך וועל זיי שוין דערצעהלען, וואָס דאָ טהוט זיך! זיי וועלען וויסען, ווי צו גלויבען די צייטונגען און די קינעמאַטאָגראַפען!...

איך בין מיעד. איינגעמאַטערט קערפּערליך און נאָך מעהר גייסטיג. די גאַנצע צייט אין ארץ־ישראל ווערט מיט מיין נשמה געשפּיעלט גומי־באָל. אַ מלאך און אַ שד וואַרפען זיך מיט איהר דורך. באַלד איז זי ביי דעם מלאך אין זיינע גלעטענדע, סאַמעטענע הענד און — ווי לייכט איז איהר, ווי ליכטיג! און באַלד ווידער אַ פליה — און שוין האַלט זי דער שד אין זיינע שוואַרצע פינגער און לאָזט אין איהר אריין די נעגעל ביז בלוט.

איך שפּיהר, אַז איך בין ווידער ביי דעם שד אין די נעגעל. איך הער זיך צו צו דעם בייזען שטראָם פון תרעומות, וואָס טראָגט זיך פון שכן'ס מויל, אָבער איך קאָן זיי ניט הערען לאַנג: בין צו מיעד. מיין נשמה זוכט אַלע ווייל רוה אין דער אָפענער, בלאָהער ווייט פון דעם ים, און יעמאָלט פערשטומט פאַר מיר דעם שכן'ס בייזער קול. אָבער דער שד פערגינט מיר ניט די רגע'ס רוה. מיט שרעק בעמערק איך ווידער, אַז מיין שכן רעדט, און הער זיך איין אין זיינע רייד.

— ...זאָגט דער שוואָגער צו מיר: „אַז דו וואָלסט פערשטאַנען, וואָס זיי האָבען געזאָגט!"

— ווער? — פרעג איך.

— אָט די יונגע אַראַבער, וואָס זענען געגאַנגען פאַר אונז.

איך האָב מיך דערמאָהנט, אַז ער דערצעהלט און קריטיקירט די „חגיגה" אין תל־אָביב און הערר סאָקאָלאָוו'ס רעדע אויף יענער „חגיגה". איך האָב מיך דערמאָהנט, אַז ער האַלט שוין אין געהן צוריק אַהיים מיט זיין שוואָגער, וואָס וואוינט פון לאַנג אָן אין יפו.

פון וואַנען די יונגע אַראַבער האָבען זיך פּלוצים גענומען, האָב איך פערהערט.

— איינער פרעגט: „סט׳געהערט וואָס סאָקאָלאָוו האָט געזאָגט? דאָרטען, אין גלות, לויפען מיר לערנען זיך ביי זיי, און דאָ קומען זיי לערנען זיך צו אונז״. ענטפערט איהם דער צווייטער: „דיר אַ דאגה! לאָזען זיי זיך פרעהען... ד ע ר ו ו י י ל ע!״ מיין שוואָגער איז דוקא אַ מענש, וואָס...

זיין קול ווערט שוין ווידער פערפאַלען פאַר מיר. וואָס ער האָט מיר דערצעהלט וועגען זיין שוואָגער׳ס בליק אויף די אַראַבער, איז פאַר מיר קיין נייעס ניט געווען, און איך האָב מיך דערביי פערטראַכט וועגען דער אַראַבער־פראַגע און ארץ־ישראל בכלל.

איצטער, נאָכ׳ן דריטען חורבן, האָב איך מיך ווידער דער־מאָהנט אָן דעם: „לאָזען זיי זיך פרעהען... ד ע ר ו ו י י ל ע!״ משמעות, די אַראַבער האָבען שוין יעמאָלט גוט געוואוסט, אַז די אידישע שמחה איז נאָר אויף אַ קורצער צייט. און — ווער ווייס? אפשר איז שוין ביי זיי יעמאָלט געווען קלאָר אויסגעאַרבייט, וואָס זיי האָבען צו טהאָן ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט? על־כל־פנים, האָבען זיך די אַראַבער שוין צו גיך דערוואַרט אויף דער געלעגענהייט, און עס איז געקומען דער גרויסער ווינט פון מדבר־זייט...

און נאָך אַן עראינערונג רינגעלט זיך ביי מיר־אָן אָן דעם דריטען חורבן.

שוין דאָ, אין ניו־יאָרק. אַ גרויסע ציוניסטישע פערזאַמלונג. אויף דער פּלאַטפאָרמע שטעהט אַ בעוואוסטער ציוניסטישער טהוער, איינער פון די בעסטע זיהן פון אונזער פאָלק בכלל, איינער פון די סימפּאַטישסטע פיהרער פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם בפרט. עס קומט אַרויף די רעד אויף אַ טהעמע, וואָס איז שוין בעריהרט געוואָרען יענעם אָוועגד: „דער קריעג און דער ציוניזם״.

טרויעריג קלינגט דער טאָן פון דעם רעדנער. ער ווערט ניט בעגייסטערט פון די נייע פּערספּעקטיוועז, וואָס אַ פריהערדיגער רעדנער, אַ „פּראָ־טריפּעלדיגער״, האָט אויסגעמאָהלט. און וואָס װעלען, לויט זיין צוזאָג, גאַנץ זיכער אַריינטרעטען אין לעבען, אויב נאָר ארץ־ישראל וועט נאָכ׳ן קריעג געהערען, איך געדענק שוין

ניט וועמען: ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך. איהם, דעם איצטיגען רעדנער, וואָלט זיך געוואָלט, עס זאָל אַלץ בלייבען ווי געווען.

— מיין געבעט צו דעם רבונו־של־עולם איז, וואָס אברהם אבינו האָט שוין אמאָל געבעטען ביי איהם: לו ישמעאל בני יחיה לפניך! לאָז כאָטש אונזער ברודער ישמעאל בלייבען לעבען ווי פריהער!...

גלויבט ער נאָך עד היום אין „אונזער ברודער ישמעאל"? אויך איצטער, נאָך דעם דריטען חורבן?

איך קאָן מיך דאָ ניט אריינלאָזען אין דער ערקלעהרונג פון יענער בעדייטונג, וואָס דער דריטער חורבן האָט פאַר דעם ציוניזם בכלל. דער ציוניזם איז אַ צו טיעפער, צו פערפלאָנטערטער פראָבלעם. וועניגסטענס איז ער צו פערפלאָנטערט פון אונזער פ ר אָ ג ר ע ס י ו ו - נאַציאָנאַלען שטאַנדפונקט, ער זאָל זיך לאָזען בעהאַנדלען אין קורצע צייטונגס־ארטיקלען.

אָבער איינס קאָנען מיר דאָ זאָגען: וואָס עס זאָל ניט זיין דער גורל פון דעם ציוניזם אין דער צוקונפט, דער דריטער חורבן איז דער טראַגישער אָבשלוס פון יענעם פעריאָד זיינעם, וועלכען ער לעבט דורך, זייט הערצל'ס טויט.

דאָס איז דער קאָמפּלעטער צוזאַמענבּרוך פון יענער, לאָזט מיך זאָגען, ניט גאָר שעהנער האָפנונג, אַז מיר קאָנען זיך בשתיקא אריינ'גנב'ענען אין לאַנד און פּאַמעלעך ארויסציהען דאָס בעטעל פון אונטער דעם אראַבער'ס גוף.

ער האָט זיך נאָר געמאַכט שלאָפענדיג, דער אראַבער. ער האָט אונז פערגונען די שמחה... אויף דערוויילע!

— נו, — און אַז ארץ־ישראל זאָל, למשל, געהערען ענגלאַנד, זענען אונזערע אויסזיכטען געזיכערטער? און אַז מיר זאָלען, לאָז זיין, דורך סאַזאָנאָף'ס הילף, בעקומען אַ טשאַרטער, ווערט די אידישע פראַגע פערענטפערט? ווערט, לפחות, פערענטפערט דאָס ציוניסטישע פּראָבלעם?

דאָס זענען שוין פראַגען, וואָס געהערען ניט צו אונזער היינ־טיגען ענין. ווי איהר ווילט, אַזוי דענקט וועגען זיי. איין זאַך דאַרף מען אָבער האָבען אין זין, וואָס האָט אַ שיכות צו אונזער ענין.

ד״ר. ח. זשיטלאָווסקי

דער דריטער חורבן איז ניט גלאַט א טראַגישער עפּיזאָד,— איינער פון יענע חורבנות, מיט וועלכע דער איצטיגער קריעג איז אזוי רייך. אויך ניט גלאַט א טרויעריג בלעטעל אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק, פאר וועלכען עס האָבען זיך ווידער געעפענט די שליוזען פון טרעהרען און בלוט.

דער דריטער חורבן איז א צו שרעקליכע טראַגעדיע, ביי איינעם זאָל זיך הויבען די האַנד צו בויען א פּערטען.

24טען—25טען יאַנואַר, 1915.

פאַקטען און געפיהלען.

הערר דר. לעווין האָט בעעהרט מיינע צוויי ארטיקלען: „דער דריטער חורבן", מיט א שאַרפער קריטיק.

אויב די לעזער געדענקען נאָך דעם אינהאַלט פון יענע צוויי ארטיקלען, קאָן זייער תוך איבערגעגעבען ווערען אין די פאָלגענדע בעהויפּטונגען:

א) די ידיעה פון אלעקסאנדריע שילדערט א פאָלשטענדיגען חורבן פון דעם נייעם אידישען ישוב אין ארץ ישראל.

ב) דער חורבן דאַרף בעטרויערט ווערען ניט נאָר פון די ציוניסטען, נאָר אפילו אויך פון די געגנער פונ'ם ציוניסטישען אידעאַל.

ג) דער וויטערער שיקזאַל פון דעם ציוניזם קאָן דורך דעם דריטען חורבן אליין ניט אין גאַנצען בעשטימט ווערען, און נביאות וועגען זיין דורכפיהרבארקייט בכלל קענען אויף דעם סמך נאָך ניט ארויסגעזאָגט ווערען: דער ציוניזם איז א צו פערוויקעל־טער פּראָבלעם.

ד) איינס קאָן מען אָבער זאָגען מיט זיכערקייט, אז דער איצ־טיגער פּעריאָד אין דער ציוניסטישער בעוועגונג, וואָס בויט זיינע האָפענונגען אויף דער קליין־קאָלאָניזאציע, אָהן וועלכע עס איז עפענטליך־רעכטליכע גאַראַנטיעס, איז פאָלשטענדיג באַנקראָט.

ה) אויב עס זענען נאָך דאָ וועלכע עס איז אויסזיכטען אויף דעם ציוניזם, קענען זיי ליעגען נאָר אין דעם פּאָליטישען טשאַרטע־ריזם. דערפון איז ממילא מובן, אז

ו) אויב עס זענען ניטאָ קיין אויסזיכטען אויף א פּאָליטישען טשאַרטער, דאַרף מען זיך בכלל אָבזאָגען פון יעדער ציוניסטישער האָפענונג.

איך וויל דאָ גלייך אויפ'ן אָרט דערמאָהנען דעם לעזער, אז

ווען איך רעד איצטער וועגען דעם ציוניזם, האָב איך אין זין דעם אמת'ען, אומפערפאַלשטען ציוניסטישען אידעאַל, וואָס בעשטרעבט צו בעשאַפען אין ארץ־ישראל אַ גזעיכערטע היים פאַר דאָס אידישע פאָלק און אויף אַזאַ אופן פערענטפערען אונזער אַנגעוועהטיגטע נאַציאָנאַלע פראַגע. אַלע אַנדערע פּסעוודאָ־ציוניסטישע אויסביל־דונגען פון דער לעצטער צייט, ווי צום ביישפּיעל, דעם „אחד־העם'יזם", געהען דאָס מאָל ניט אריין אין דעם חשבון.

מיינע אויבען אויסגערעכענטע בעהויפּטונגען גרייפט הערר דר. לעווין אָן אין דריי ארטיקלען אין דער „ווארהייט": „צו אונזערע נייע מקוננים" (פונ'ם 26טען יאנואר); „די שבועה וואָס איז אריין אין אונזער פלייש און בלוט" (פונ'ם 27טען) און „דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל פון אידישען פאָלק; די פריינד וואָס ליעבען און די „פריינד" וואָס ווארטען אויף אַ לויה" (פונ'ם 28טען).

דער תוך פון אַט די דריי ארטיקלען קען אויך איבערגעגעבען ווערען בקיצור אין די פאָלגענדע בעהויפּטונגען:

א) דער טרויער אויף דעם „דריטען חורבן" איז צוגעאיילט, ווייל די דעפּעש פון אַלעקסאַנדריע איז נאָך ניט בעשטעטיגט גע־וואָרען.

ב) אויב די דעפּעש איז ריכטיג, האָבען מיר דאָ פאַר אונז אַ בעדויערליכען מלחמה־אינצידענט, וואָס האָט ניט צו טהאָן מיט דעם גורל פון דעם ציוניזם.

ג) זאָל זיך אַרויסשטעלען, אַז דאָס איז אַ ציוניסטישע קאַ־טאַסטראָפע, האָבען יעמאָלט נאָר די ציוניסטען אַ רעכט זי צו בע־קלאָגען. ערשט ווען זיי וועלען זיך גוט אויסוויינען, קענען אויך די ניט־ציוניסטען אַרויסלאָזען אַ טרעהרע, ווען מען וועט זיי דערצו איינלאַדען. אומגעבעטענע טרעהרען ווערען מיט פאַסענדער העפ־ליכקייט אָבגעשיקט צוריק.

ד) די קליין־קאָלאָניזאציע האָט אפילו „נאָכ'ן חורבן" ניט באַנ־קראָטירט.

ה) באַנקראָטירט האָט דער אַלטער פּאָליטישער טשארטעריזם, און די געשעהעניסען פון דעם איצטיגען וועלט־קריעג בעווייזען זיין אונהאַלטבארקייט.

ו) דער אידעאַל פון דעם ציוניזם קאָן און וועט אויף קיין פאָל־

ניט אויפגעגעבען ווערען, ווייל ער איז בעגרינדעט אויף א שבועה וואס איז אריין אין אונזער פלייש און בלוט.

אט די בעהויפטונגען וועלען מיר דורכנעהמען כסדר, פונקט פאר פונקט, און אבשעצען די קראפט פון יענע ארגומענטען, מיט וועלכע דר. לעווין וויל זיי בעגרינדען.

דער טרויער אויף דעם „דריטען חורבן" איז געווען צוגעאיילט, מיינט הערר דר. לעווין, דערפאר, ווייל יענע ידיעות פון ארץ־ישראל האבען ניט פערדיענט קיין פולען צוטרוי. „זיי זענען אבגעשטעמפעלט געווארען, איידער זיי האבען אונז דערגרייכט מיט שווארצער ענגלישער חתימה". „עס איז א פארברעכען", שרייבט ער, „ווען מען געהט ארוים מיט פארטיגע קינות, איידער מען האט נאך קאנטראלירט די ריכטיגקייט פון די אנגעקומענע ידיעות און נאך בפרט ווען מען ווייס, פון וואנען די ידיעות שטאמען" („מקוננים").

עס דארף דא דערמאהנט ווערען, אז דר. לעווין גיט אליין צו, אז די לעצטע ידיעות פון ארץ־ישראל זענען ניט קיין פרעהליכע, און אז פון זיי, „ווען מען ווייס אפילו דעם מקור, פון וואנען זיי שטאמען", „ווערט דערציטערט אונזער נשמה; מיר פיהלען", זאגט ער, „אז אן אייזען, קאלט און שארף, מאכט א טיעפען שניט אין אונזערע בעסטע און היילינסטע האפענונגען" (דארטען גופא).

הייסט עס, גלויבען אין יענע ידיעות מעג מען, ווייל אז ניט, וואלט מען ניט געפיהלט דעם טיעפען שניט, וואס דאס קאלטע אייזען מאכט שוין אין די בעסטע האפענונגען. דער „פערברעכען" בעשטעהט נאר אין דעם, וואס מען געהט ארוים מיט „פארטיגע קינות" (ווי מען קאן ארויסגעהן מיט ניט פארטיגע?), איידער מען האט נאך קאנטראלירט די ריכטיגקייט פון די ידיעות.

הערר דר. לעווין האט גאנץ געוויס א רעכט צו בעגעגענען מיט חשד די בעריכטען פון דער אדער יענער קריעג־פיהרענדער פארטיי. אזא רעכט האבען אלע מענשען און אויך איך בתוכם. אויך איך האב, פערשטעהט זיך, שוין לאנג פערלארען דעם נאאיווען בלינדען צוטרוי צו די דעפעשען, וואס שטאמען פון פארשיידענע פאליטישע אגענטורען. בנוגע צו זיי האט זיך ביי מיר, אין דעם משך פון דעם איצטיגען קריעג, אויסגעארבייט אזא מיינונג, וואס איז, ווי איך

גלויב, אמת בדרך כלל: אַלע ידיעות, וואָס שטאַמען פון רוסישע און עסטרייכישע קוועלען, זענען בחזקת שקר, ביז זיי ווערען ניט פער׳אמת׳ט פון אַן אַנדער אָרט, אָבער אַלע ידיעות, וואָס שטאַמען פון דייטשע און ענגלישע קוועלען, דאַרפען געהאַלטען ווערען בחזקת אמת, ביז עס קומט ניט אַ הכחשה, אויף וועלכער מען קען זיך פערלאָזען.

דאָס הייסט, אַז אויף רוסישע און עסטרייכישע ידיעות טאָר מען גאָר נישט בויען, ביז זיי ווערען ניט קאָנטראָלירט. דאָ מוז מען וואַרטען אויף דער קאָנטראָלע. מיט ענגלישע און דייטשע קאָן מען זיך בעגעהן, ווי מיט אַ פערלאָזליכען מאַטעריאַל, און דערנאָך ערשט אַריינטראָגען יענע קאָרעקטורען, וואָס וועלען אפשר ווערען נויטיג, אויב זיי זאָלען אָבגעלייקענט ווערען.

בפרט האָט יענע איוב־דעפּעשע פון אַלעקסאַנדריע פּערדיענט אונזער פולסטען צוטרויען, ווייל זי האָט געבראַכט געוויסע איינצעלהייטען, וואָס עס לייגט זיך ניט אויפ׳ן שכל, עמיצער זאָל זיי האָבען אויסגעזויגען פון פינגער: טשערקעסען האָט מען בעזעצט אין יעדער אידישער קאָלאָניע, — פון וואַנען ווייס דער קאָרעספּאָנדענט אין אַלעקסאַנדריע, אַז עס זענען דאָ טשערקעסען אין ארץ־ישראל? דזשעמאַל פּאַשאַ בעפעהלט די צושטערונג פון די אידישע קאָלאָניזאַציאָנס־דאָקומענטען, — פון וואַנען ווייס דער קאָרעספּאָנדענט, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע דאָקומענטען און דערצו נאָך אַזוינע, וואָס מען קען זיך צובינדען צו זיי לפי דעם טערקישען געזעץ? דער בעפעהל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דעם 8טען יאַנואַר, וואָס עפּעס גראָד אין יענעם דאַטום?

זאָגט, וואָס איהר ווילט, די איינצעלהייטען שמעקען ניט מיט „אויסגעטראַכטקייט“. דאָס שטאַמט פון אַן ענגלישער קוועלע, אָבגעשעמפּעלט מיט אַ „שוואַרצער ענגלישער חתימה“... דאָס מוז זיין אמת, ביז עס וועט ניט קומען די הכחשה.

און איך קאָנסטאַטיר, אַז די אָבלייקענונג איז נאָך עד היום ניט געקומען, נאָך מעהר, איידער זיעבען וואָכען, זינט די „טיימז“ האָט געבראַכט די דעפּעשע פון אַלעקסאַנדריע. די ציוניסטען־פריינדליכע פּרעסע, האָט, אמת, אויפ׳ן שטעל נאָך מיין אַרטיקעל געבראַכט ידיעות, אַז אין ארץ־ישראל זענען ניט געווען קיין פּאַ־

גראַמען. עס האַנדעלט זיך וועגען אַ געזעצליכער פעראָרדנונג, וואָס צושטערט דעם אידישען ישוב.

ביי מיין גאַנצען ווילען מנצח צו זיין הערר̇ן דר. לעווין אויף אַלע פּונקטען פון אונזער פּאָלעמיק, וועל איך מיך דער ערשטער פרעהען, ווען אזא הכחשה וועט נאָר קומען און אַלע וועלען האָבען אַ רעכט צו שרייען אויף מיר: „אַ האַ! אַי טאָלד יו סאָ!" ביז צו יענער צייט אָבער וועט די אַלעקסאַנדריע דעפּעשע שטעהן ביי מיר בחזקת אמת.

1טער מאַרט, 1915.

בעלגיע און ארץ־ישראל.

ווי הערר דר. לעווין מאָלט זיך אוים דעם איצטיגען חורבן אין ארץ ישראל, אפילו ווען די דעפּעשע פון אַלעקסאַנדריא זאָל פער־אמת'ט ווערען, איז דאָס ניט מעהר, ווי א מלחמה־אינצידענט, וואָס האָט פּרינציפּיעל קיין ברעקעל שיכות ניט צו די ציוניסטישע האָפענונגען און אידעאַלען. אָט דער געדאַנק ווערט איבערגע'טענה'ט אין אַלע זיינע ריי אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריעבען אַנטקעגען דעם „דריטען חורבן".

עס איז אַ מלחמה צייט „און דאָ איז געקומען, וואָס עס האָט געמוזט קומען". „אַ מלחמה איז א שעת הירום": „איז חרוב גע־וואָרען בעלגיען, איז חרוב געוואָרען גאַליציען, פּוילען". „עס איז אָנצונעהמען, אז אויך ארץ ישראל בכלל און דער אידישער ישוב בפרט האָט שטאַרק געליטען פון דער מלחמה". און בכלל דאַרף מען ניט פערגעסען, אז „אַלץ, וואָס עקזיסטירט קען חרוב ווערען, ניט נאָר דער נייער ישוב, נאָר אפילו בעלגיען און נאָך גרעסערע מדינות".

אַנטקעגען די דאָזיגע אבסאָלוטע אמת'ען איז זעהר שווער צו געפינען אַן ענטפער. זיי זענען פּשוט ניט אָבצופרעגען. און פונ־דעסטוועגען פערשטעה איך ניט, ווי אַזוי מען קען זיי אַרויסרוקען אַנטקעגען מיינע אַרטיקלען וועגען דעם „דריטען חורבן".

לאָמיר ניט פערגעסען: איצטער האַלטען מיר ביי דער פראַגע: איז די פערוויסטעניס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם אידי־שען ישוב, אַזאַ פאַקט, וואָס בערעכטיגט איינעם „אַרויסצוטרעטען מיט פּאַרטיינע קינות", אויב ביי יענעם אידען איז געריכטליך נאָך ניט אָבגענומען געוואָרען זיין טרעהרען־רעכט בנוגע צו געוויסע ענינים אויף אַ משך פון מען ווייסט ניט וויפיעל צייט?

מעג אַ גלייכבערעכטיגטער, אַ פולבערעכטיגטער איד בעקלאָגען דעם „דריטען חורבן", אפילו ווען דער חורבן איז ניט גרעסער, איי־

דער אין בעלגיען? אפילו אויב דער חורבן האָט קיין ברעקעל שייכות ניט צו די ציוניסטישע האָפנונגען?

מיר דוכט, אז עס איז גענוג אוועקצושטעלען די פראגע, כדי יעדער איינער, וועמעס מוח עס איז, שונאי ישראל, נאָך ניט פער־פינסטערט געוואָרען פון פערפאָלגונגס־וואהן, זאָל ענטפערען אויף איהר קאַטעגאָריש און קלאָהר: יע, ער מעג! און אזוי ווי דער „מקונן" איז א איד און דער אַלגעמיינער מלחמה־חורבן האָט אָנגע־ריהרט א אידישען ישוב, טאָהר מען אויף איהם קיין פאראיבעל ניט האָבען, ווען אין זיין צער רייסען זיך ביי איהם אַרויס טענער, וואָס וואָלטען זיך אפשר ביי איהם ניט בעוויזען, ווען ער וואָלט גע־טרויערט אויף דעם חורבן בעלגיע.

אָבער — האָבען מיר דען באמת א רעכט אַוועקצושטעלען דעם אומגליק אין בעלגיען אויף איין ליניע מיט דער קאַטאַסטראָפע וואָס האָט פאַסירט אין ארץ ישראל? זענען זיי ביידע פרינציפיעל ניט מעהר ווי א טראַגישער עפּיזאָד אין דער איצטיגער מלחמה? האָט דאָס אידישע פאָלק פון דעם נייעם ישוב געטראָפען דעם זעל־ביגען פלאָג, וואָס דאָס בעלגישע אין בעלגיע?

איך רעד דאָ ניט, וועגען דעם סכום צושטערטען אייגענטהום און פערוויסטעטען לעבען. אפילו ניט וועגען דעם ים ריין מענש־ליכע פסיכישע ליידען, וואָס די קרבנות פון דעם חורבן האָבען גע־מוזט אויסשטעהן דאָ און דאָרטען. עס קאָן גריילעך זיין, אז אין דעם פרט זענען די צרות אין בעלגיע, סאי אין כמות, סאי אין איכות, פיעל מאָל גרעסער איידער יענע יסורים, וואָס זענען אויסגעפאַלען אויף דעם גורל פון דעם נייען ישוב אין ארץ־ישראל.

וואָס איך האָב דאָ אין זין, איז די נ א צ י א נ א ל ע בע־דייטונג פון דעם חורבן. קאָן מען זאָגען, אז אויף דעם בעלגיער'ס נשמה דאַרף דערציטערט ווערען פון דעם חורבן פון זיין לאַנד, אז אויך דער בעלגיער דאַרף פיהלען, ווי „אייזען קאַלט און שאַרף מאַכט א טיעפען שניט אין זיינע בעסטע און הייליגסטע האָפענונ־גען", אין דעם זעלביגען זין, ווי דאָס פיהלט העררר דר. לעווין פון די ידיעות וועגען די פאַסירונגען אין ארץ ישראל?

געוויס איז די פערוויסטענים פון בעלגיען אויך א נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע. אָבער לאָמיר קודם ניט פערגעסען: וואָס איז דאָס

ע ר ג ס ט ע, וואָס בעלגיען קאָן פּאַסירען נאָכ'ן קריעג? דאָס ערגסטע, וואָס בעלגיע קאָן ערוואַרטען איז — פערליערען איהר פּאָ ל י ט י ש ע ז ע ל ב ס ש ט ע נ ד י ג ק י י ט. ס'איז אמת, אַז די וואָס בעטראַכטען די נאַציאָנאַלע פראַגע פון יענעם עם־הארץ־ישען שטאַנדפּונקט, וועלכער הערשט אין דער מאָדערנער דיפּלאָמאַ־טיע און ביי די אידישע אסימילאַטאָרען, — אַ שטאַנדפּונקט, פון וועלכען אַ נאַציע איז אַ שטיק לאַנד מיט פּאָליטישער זעלבסט־שטענדיגקייט, — וועלען אפשר זאָגען, אַז מיט דעם פערליערען פון איהר פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט, פערליערט בעלגיע אויך איהר נ א צ י אָ נ א ל ע ע ק ז י ס ט ע נ ץ.

איך רעכען אָבער, אַז הערר דר. ש. לעווין איז ווייט פון יענעם עם־הארץ'ישען בליק אויף דעם מהות פון נאַציאָנאַליטעט. אַ נאַציע איז אַ לעבעדיג וועזען, ווי אַן אָרגאַניזם, און כל זמן דער אָרגאַניזם לעבט, עקזיסטירט די נאַציע, אַלץ איינס, צו דער אָרגאַניזם איז פריי אָדער פערשקלאַפט, צו ער וואוינט אין דער היים, אָדער איז פערוואָגעלט אין דער פרעמד.

בעלגיע, — אויב ס'איז דאָ אַן איינהייטליך בעלגיש פאָלק, — וועט נאָך דער מלחמה ניט נאָר ניט פערליערען איהר נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ: זי וועט אפילו ניט פערטריבען ווערען פון דער איי־גענער היים, אויב די רעאַקציאָנערע באַרבאַריי פון דער איצטיגער צייט זאָל ניט ערלויפען אראָב־א־בארג ביז צו דער קריעגס־פּאָליטיק פון א סנחריב אָדער נבוכדנצר.

דער העכסטער אומגליק, וואָס קאָן דאַריבער פּאַסירען בעלגיע איז — פּאָליטיש אראָבגעזונקען ווערען צו דער מדרגה פון אַן אונטעריאָכטען לאַנד, צו דעם מעמד פון פּוילען.

דאָס איז אַ געגוג ביטערער מעמד. לעבען מיט שטענדיגע קיי־טען אויף די הענד און די פיס, אין שטענידגער ציטערנים פאַר דעם גורל פון דער אייגענער שפּראַך, פון דער אייגענער קולטור, פון יע־דעם פּיצעלע לאַנד, וואָס דאָס הערשענדע פאָלק, וויל אַרויסרייסען פון אונטער די פיס; לעבען מיט דעם שטענדיג אָנגעשטערנגטען געדאַנק, ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון דער פרעמדער הערשאַפט; מיט דעם שטענדיג פערגיפטעטען געפיהל פון האַס צו דעם ברוטאַ־לען אויבער־האַרר; לעבען אין יענער פערהויקערטער שאָוויניסטי־

שער פסיכישער אטמאָספערע, וואָס לאָזט ניט צו קיין אנדערע העכערע אויפגאַבען אין לעבען, ווי נאָר די אויפגאַבע פון דער נאַציאָנאַלער בעפרייאונג, — לאָמיר דאָס ניט ווינשען אפילו דעם איצטיגען ערגסטען שונא אונזערען, דעם פוילישען פאָלק.

ווי שווידערליך די פוילישע פערספעקטיווע זאָל ניט זיין פאַר אזא פריי פאָלק, ווי די בעלגיער, איינס קאָן דאָך ביי זיי ניט אוועקגענומען ווערען: זייער *לאַנד*, זייער *היים*. די *פערבינדונג פון פאָלק און לאַנד*, — דאָס קאָן אפילו דער ברוטאַלסטער קריעג ניט צושטערען אין בעלגיע; דאָס בלייבט ניט איבערגעשניטען אויך נאָך דעם חורבן; דאָס איז אפשר דער איינציגער אוצר, וואָס די בעלגיער וועלען רעטען פון דער שריפה.

אָבער דאָס וואָס פאַר דעם בעלגיער איז די אונטערשטע שורה פון דעם אומגליק, — די געראַטעטע ביסעל נאַציאָנאַלע אָרעמקייט, וואָס בעשטעהט אין דער פערבינדונג פון פאָלק און לאַנד, דאָס איז דאָך פאַר דעם ציוניסט *דער שטאַפעל פון זיינע שטרעבונגען*, יענע „בעסטע און הייליגסטע האָפענונגען", וועגען וועלכע הערר דר. לעווין רעדט!

איך מאַך דערפון קיין פאָרוואורף ניט הערר דר. לעווין און דעם ציוניזם און דערין ליגט ניט קיין ברעקעל קריטיק פון דעם ציוניסטישען אידעאַל. אויך מיין אידעאַל איז די *פערבינדונג פון פאָלק און לאַנד*, די געפינונג און געווינונג פון אן *אייגענער היים* פאַר אונזער פערוואָגעלט פאָלק, צו וועלכער ער זאָל זיין צוגעבונדען ווי דער פויל צו זיין פוילען, ווי דער בעלגיער צו זיין בעלגיע. אויך מיין נאַציאָנאַלער אידעאַל קאָן לעת עתה ניט געהן ווייטער, איידער יענם נאַציאָנאַלע שטיקעל טרוקען ברויט, וואָס דער ערגסטער קבצן צווישען די פעלקער פערמאָגט נאָך: אן אייגען ווינקעל, די אייגענע פיער ווענד, מען זאָל זיך ניט דארפען שלאָגען קאָפּ אָן דער וואַנד אין דער פרעמד.

אָט דער אייגענער ווינקעל קאָן ביי די בעלגיער ניט אוועקגענומען ווערען, בעת דער חורבן אין ארץ־ישראל בעדייט אפשר, אז

די דאָרטיגע אידען וועלען זיך צו אזא אייגען ווינקעל קיינמאָל ניט דערשלאָגען.

האָט הערר דר. ש. לעווין פון ד ע ם שטאַנדפּונקט, פון זיין אייגענעם ציוניסטישען שטאַנדפּונקט, פערגליכען די קאַטאַסטראָפע אין בעלגיע מיט דעם „דריטען חורבן"? — אויב ער האָט דאָס געטהאָן, וואונדערט מיך באמת, ווי אזוי ער קען זיי ביידען צושרייבען איין און די זעלביגע נאַציאָנאַל פּאָליטישע בעדייטונג.

דער „דריטער חורבן" בעדייט ניט קיין אנדער זאַך, ווי די איבערשניידונג פון יענער פערבינדונג צווישען פאָלק און לאַנד, וואָס די בויער פון דעם יונגען ישוב האָבען געוואָלט בעשאַפען צווישען דעם אידישען פאָלק און דעם אידישען לאַנד. וואָס עס זאָל ניט זיין דער גורל פון די וויטערדיגע בעשטרעבונגען אין דערזעלביגער ציוניסטישער ליניע, — מיר וועלען נאָך רעדען וועגען דעם אין פערלויף פון אונזערע „חשבונות" מיט העררן דר. ש. לעווין, — ד ע ר ו ו י י ל ע אָבער האָט דער אידישער ישוב איבערגעלעבט א שניט אין זיינע „בעסטע און הייליגסטע האָפענונגען", ווייל עס איז איבערגעשניטען דער פאַדים, וואָס פערבינדט פאָלק און לאַנד.

דעריבער איז דער „דריטער חורבן" א פיעל שיקזאַל־שווערערע קאַטאַסטראָפע פאַר דעם ציוניזם, איידער די קאַטאַסטראָפע אין בעלגיע פאַר דאָס בעלגישע פאָלק, און אויב הערר דר. ש. לעווין וועט קיין פאַראיבעל ניט האָבען אויף מיר, ווען איך וועל געברויכען די זעלביגע שאַרפע רעד, וועלכע ער ווענדט אָן בנוגע צו מיר, וועל איך מיר נעהמען די העזה צו זאָגען:

— עס איז א פ א ר ב ר ע כ ע ן צו טרייבען אין אַזאַ צייט, ווי אונזערע, די פּאָליטיק פון דעם שטרויס־פויגעל, — אריינצוגראָבען דעם קאָפּ אין זאמד און מיינען, אז קיינער זעהט ניט דאָס, וואָס ווארפט זיך אין די אויגען.

נאָך א מאָל: דער „דריטער חורבן" איז נאָך ניט דער באַנקראָט פון דעם ציוניזם. אָבער ער איז א קאַטאַסטראָפע אין דעם ציוניזם און ניט נאָר גלאַט אזוי זיך א מלחמה־אינצידענט, — א קאַטאַסטראָפע, וואָס איהר בעדייטונג מוז זעהר ערנסט אונטערזוכט ווערען.

7טען מאַרץ, 1915.

דער ציוניזם און דער „נייער ישוב“ אין ארץ־ישראל

די „טיימז“ פון׳ם 9טען מערץ האָט געבראַכט א דעפּעשע פון וואשינגטאָן, וואָס דאַרף בערוהיגען אַלע די, וועלכע זענען געווען פערזאָרגט וועגען דער לאַגע פון די אידען אין ארץ ישראל.

די דעפּעשע גיט איבער אַן אָפיציעלע ערקלעהרונג, וואָס דער דייטשער געזאַנדטער האָט געמאַכט וועגען דעם ענין. די דערקלעהרונג לייקענט ניט אָב יענע טרויעריגע בעריכטען, וואָס זענען פריהער געווען געדרוקט. אויף די דעפּעשע פון אַלעקסאַנדריע וועגען די באַרבאַרישע גזירות, מיט וועלכע דזשעמאַל פּאשא האָט צושטערט דעם גאַנצען נייען ישוב, ווערט ניט דעמענטירט, און לויט דעם אינהאַלט פון דער דערקלעהרונג קאָן מען אָננעהמען, אַז אַלץ, וואָס עס איז געשטאַנען אין יענער דעפּעשע, איז געווען אמת.

די טרייסט ליגט אָבער אין דעם, וואָס יענע גזירות זענען, ווי דער דייטשער געזאַנדטער פערזיכערט, געווען דיקטירט ניט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, נאָר „פון די לאָקאַלע מיליטערישע אויטאָריטעטען“. דער שולדיגער בעאַמטער איז שוין צוריקגערופען געוואָרען, א נייע אַנטי־אידישע אַגיטאַציע אונמעגליך געמאַכט, און מען לאָזט דורכבליקען די האָפנונג, אַז אַלץ, וואָס איז צושטערט געוואָרען, „קאָן ווידער אין גאַנצען פערריכט ווערען“.

אויף אזוי ווייט, קאָן מען אָננעהמען, אַז דער פאַקטישער אינצידענט פון דעם „דריטען חורבן“ איז געענדיגט מיט א זיעג פון עלעמענטאַרער מענשליכער גערעכטיגקייט איבער דער באַרבאַריי און דעם ווילד־ווילען פון די טערקישע בעאַמטע.

דאָס האָט אָבער אַ ברעקעל ניט צו טהאָן מיט יענע פּרינציפּיעלע פראַגען, וואָס זענען אין אונזער פּרעסע אויפגעהויבען געוואָרען אין ענגער שיכות מיט דעם „דריטען חורבן“. זיי בלייבען בעשטעהן, אפילו ווען די אַלעקסאַנדריא־דעפּעשע, וואָס האָט זיי אַרויסגערופען, וואָלט שפּעטער אָבגעלייקענט געוואָרען אויף דעם

קאַטעגאָרישסטען אופן. עס איז דאריבער נאָך איצטער ניט פער־שוואונדען די נויטווענדיגקייט אריינצוברענגען קלאָרקייט אין זיי.

איך וועל מיך דאָ קודם אָבשטעלען אויף יענעם געדאנק, וועל־כען הערר דר. ש. לעווין האָט אויסגעדריקט אין זיינע ארטיקלען אין דער „ווארהייט", אז די ניט־ציוניסטען און די אנטי־ציוניסטען האָבען קיין רעכט ניט געהאט ארויסצוטרעטען מיט „איכה'ס" אויף דעם „דריטען חורבן", ווייל עס זענען דאָ געהענטערע און בילכערע מענשען דארויף, — ער מיינט דערמיט די ציוניסטען.

ספעציעל אין מיין פאַל לאָזט דער הערר דאָקטאָר דורכבלי־קען, אז מיינע „איכה'ס" האָבען ניט געקאָנט זיין ערנסט ג ע־פ י ה ל ט, קשה איז איהם דער פאקט, וואָס איך האָב אזוי לאַנג געוואָרט מיט מיינע התפעלות פון דעם נייעם אידישען ישוב אין ארץ ישראל און האָב געפונען פאר מעגליך אזוי פארבענרייך צו בע־זינגען איהם, ווען ער איז שוין געוואָרען צושטערט.

אָבער אָט דער חשד בנוגע צו מיר פערזענליך איז אויסגע־וואקסען פון א לגמרי פאלשער הנחה. הערר דר. לעווין האָט זיך א ו י ס ג ע ד ו כ ט, אז איך ווער נתפעל פון דעם אידישען ישוב און אז איך בעזינג דעם אידישען ישוב. לאָז ער אָבער נאָך אמאָל אויפמערקזאם איבערלייענען מיינע ארטיקלען, און ער וועט גע־פינען, אז דאָרטען איז ניטאָ קיין איין וואָרט פון לויב פאר דעם נייען ישוב. נתפעל ווער איך דאָרטען ניט פון דעם, וואָס די מענ־שען האָבען אויפגעטהאָן, נאָר פון דעם טיפ מענש, וואָס איז זיך מוסר נפש פאר זיין אידעאַל, —א טיפ מענש, וועלכען איך האָב אָנגעטראָפען ד ע ר ע י ק ר צווישען די סאָציאַליסטישע ארבייטער און דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. זייערע ליידען, דער חורבן אין זייער נ ש מ ה איז געשטאַנען פאר מיינע אויגען, בעת איך האָב געשריבען מיין ארטיקעל.

קאָנען אזעלכע געפיהלען פון צער דערוועקט ווערען אויך אין דעם הארצען פון אן אנטי־ציוניסט?

א קליינער ביישפיעל וועט אפשר לייכטער מאכען צו פער־שטעהן דעם ענין.

שטעלט אייך פאָר א ראדיקאלען אטעאיסט, וואָס גלויבט מיט'ן גאנצען הארצען, אז אלע רעליגיאָנען, מיט זייערע קירכען

און סינאַגאָגעז זאָלען און מוזען ווען עס איז פערשווינדען; שטעלט אייך פאָר, אז א סך פריינד פון דעם אטעאיסט האָבען, ניט קוקענדיג אויף זיין פּראָפּאַגאַנדא, גענומען מיט אַלע אנדערע פרומע אידען מיט גרויס מסירת נפש בויען א שוהל; שטעלט אייך ווייטער פאָר, באַרבאַרען זענען אַנגעפאלען אויף איהר און האָבען זי אונטערגעצונדען.

וואָס דאַרף דער אַטעאיסט פּ י ה ל ע ן, בעת ער זעהט, ווי דער פייער נעהמט ארום פון אַלע זייטען א שוהל, אין וועלכער עס געפינען זיך הייס־גלויבענדע מתפּללים, וואָס האָבען אוועקגעגעבען זייער לעבען פאר איהר אויפבוי?

איך גלויב, אז דעם הערר'ן דאָקטאָר לעווין וועט זיך ניט לעגען אויפ'ן שכל, אז יענער אַטעאיסט וועט זיך פריידיג רייבען די הענד פון דער שמחה, וואָס ער האָט דערלעבט: סטייטש, עס געהט אוועק מיט רויך נאָך א צענטער פון רעאַקציע!

אויב הערר דר. לעווין איז אליין ניט קיין ענגער פאַנאַטיקער אין זיין גלויבען, וועט ער צוגעבען, אז אַזא ענג־פאַנאַטישער אטעאיסט וואָלט געווען א פּשוט'ער שוטה, און אז אַזעלכע פאַנאַטיש־אַטעאיסטישע שוטים זענען שוין מעהר אויף דער וועלט ניטאָ, אויב זיי זענען ווען עס איז געווען.

דער צער, וועלכען אַזא שריפה מוז ארויסרופען, וואָלט אפשר דעם אַטעאיסט דורכגענומען א סך טיעפער, איידער די שוהל־אידען גופא. און ניט דערויף וואָלט ער געקלאָגט, וואָס א שוהל וועט צוּשטערט, נאָר וואָס ווילדע הענד האָבען זי אָהן א ברעקעל רעכט און יושר אונטערגעצונדען און דורכדעם געבראַכט אַזוי פיעל אומפערדיענטע לײדען צו אומשולדיגע מענשען בכלל; בפרט נאָך ווען פאר יענע אונשולדיגע מענשען האָט ער, ביי די גרעסטע חלוקי דעות מיט זיי, דעם גרעסטען רעספּעקט פאר זייער טיעפען און ריינעם גלויבען, דעם גרעסטען רעספּעקט פאר זייער הערָאָאישער איבערגעבענקייט צו דעם אידעאַל.

מען קאָן דעריבער זיין אקוראט אַזא פּרינציפּיעלער געגנער פון ציוניזם, ווי דער אַטעאיסט איז א געגנער פון דעם גאָט־גלויבען, און פונדעסטוועגען זאָל איינעמס נשמה אויפגעציטערט ווערען ביז צו איהרע לעצטע יסודות, ווען זי טראַכט זיך אריין אין דעם חושך,

וועלכען דער חורבן האָט געמוזט אריינטראָגען אין די הערצער פון מענשען, וואָס זיינען איהם באמת ליעב.

און מוזען דען די אנטי־ציוניסטען זיין אקוראט אזעלכע געג־נער פון אַ אידישען ישוב אין ארץ ישראל, ווי דער אטעאיסט איז אַ געגנער פון בויען אַ שוהל? אויך דאָס ניט! ציוניזם און דער נייער ישוב אין ארץ ישראל זיינען צוויי פערשיידענע זאכען, וואָס האָבען זיך נאָר אין דעם מאָדערנעם ציוניסטישען געדאנק צונויפגעגאָסען אין איינעם.

עס זיינען נאָך עד היום דאָ ציוניסטען, — כ׳לעבען, אקוראט אזעלכע ערנסטע, ווי דאָס רוב אנדערע, — וואָס גלויבען ניט אין דעם נייען ישוב און דערווארטען פון איהם גאָרנישט פאר דעם ציוניסטישען אידעאל. דאָס זענען די עקסטרעמע פּאָליטיקער, די עקסטרעמע הערצל׳יאנער. צוריק זענען דאָ א סך אידען אין דעם נייען ישוב, וואָס זענען שארפע געגנער פון דעם ציוניסטישען גע־דאנק, ווייל זיי גלויבען בשום אופן ניט, אז דער ציוניזם זאָל ווען עס איז מקוים ווערען אין אזא מאָס, אז ער זאָל ברענגען אַ וועלכע עס איז ערנסטע הילף דעם גאנצען אידישען פאָלק. זיי וואוינען אין ארץ ישראל און ליעבען ארץ ישראל, ווי מיר וואוינען אין אמע־ריקאַ און ליעבען אמעריקאַ ; אָדער ווייל מיר זענען דאָ געבוירען געוואָרען, אָדער ווייל דער עמיגראציאָנס־שטראָם האָט אונז אהער פערטראָגען.

א גרויסער טייל פון דעם נייען ישוב בעשטעהט (אָדער ריכ־טיגער : איז בעשטאנען) פון יענע טראָפּענס, וועלכע זענען פון דעם עמיגראציאָנס־שטראָם נאָר דערפאר פערשפּריצט געוואָרען קיין ארץ ישראל, וואָס פון אדעס קיין יפו קאָסט ניט מעהר, ווי דרייצעהן רובעל. די ציוניסטען זענען מיט זיי זעהר צופריעדען און ניט איין מאָל איז מיר אין ארץ ישראל אויסגעקומען צו הערען דעם אפּאָ־ריזם, אז דער אידעאל וועט ערשט יעמאָלט מקוים ווערען, ווען די נ י ט־ציוניסטען וועלען אָנהויבען קומען אין מאסען אהין.

על כל פּנים קאָן קיין אנטי־ציוניסט ניט אָבלייקענען דעם פאקט, אז פאלעסטינא איז איינע פון די ג ל ו ת ־ ל ע נ ד ע ר, וואוהין א געוויסע, — דערווייל זעהר קליינע, — צאָהל אידען קאָ־נען פאָהרען זוכען זייער חיונה. און מיר דוכט, אז די וואָס קוקען

אויף ארץ ישראל, ווי אויף א גלות־לאנד, און אויף דעם נייעז ישוב, ווי אויף א געוואוינליכען פאקט פון דער אידישער אימיגראַ־ציע, קאָנען נאָך מעהר זיין פעראינטערעסירט אין די טאָג־טעגליכע אינטערעסען פון דעם דאָרטיגען אידישען לעבען, איידער די, וואָס זעהען אין איהם דעם אָנהויב פון דער גאולה.

פאַר דעם ציוניסט קאָן א מאָל אויסוואקסען דער נסיון, — און הלואי זאָל ער ניט אויסוואקסען, ווי ער וואקסט אויס, — מקריב צו זיין די טאָג־טעגליכע אינטערעסען פון דער אידישער בעפעל־קערונג, — דער עיקר די אינטערעסען פון דער ארבייטערשאפט, — צוליעב דער גרויסער צוקונפט, וואָס מען ערווארט פון דעם ישוב. אזעלכע קרבנות ווערען זעהר אָפט פערלאַנגט פון דער אידישער אר־בייטערשאפט, און פון דעם המון איבערהויפט, סאי אין דעם סאָ־ציאַלען, סאי אין דעם קולטורעלען פרט, ווייל פאַר דעם ציוניסט איז דער איצטיגער ישוב ניט מעהר ווי א מיטעל צו דעם צוקונפ־טיגען צוועק.

פאַר דעם גלות־נאציאָנאַליסט איז אָבער דער ישוב אין ארץ־ישראל א זעלבסט־צוועק,—אין דעמזעלבינגען זין, א זעלבסט־צוועק ווי „דער נייער ישוב" אין קאָפּענהאַגען און אין באזעל. אומעטום וואו אידען זיינען געצוואונגען צו וואוינען, דאַרף דער גלות־נאציאָ־נאַליסט זעהן, אז זיי זאָלען פיהרען א וואָס בעסערען, חשוב'ערען אידיש־מענשליכען לעבען, אז זיי זאָלען וואָס פולער קאָנען בעפריע־דיגען זייערע עקאָנאָמישע, נאציאָנאַלע און קולטורעלע אינטערעסען: אין ירושלים אזוי גוט ווי אין קאָפּענהאַגען, אין יפו אזוי גוט ווי אין ראָטערדאם.

דער פועל־יוצא פון די אַלע רייד איז, אז מיר קאָנען ניט אוועק־גבען ארץ־ישראל אין פריוואַט־אייגענטום צו די ציוניסטען. ארץ ישראל איז אקוראַט אזוי אונזער לאַנד, ווי זייערס, — אין דער אמת'ן, דערווייל‍ע: ניט אונזערס און ניט זייערס, — און אין אונזער שטעלונג צו די שיקזאַלען פון דער אידישער בעפעלקערונג אין ארץ־ישראל זיינען מיר ניט מחויב צו רעכענען זיך מיט זייערע בליקען.

דר. ח. זשיטלאָווסקי

און נאָך ווענינער דארפען מיר ביי וועמען עס איז פרעגען א הסכמה, ווען אונז ווילט זיך אויסדריקען די אָדער יענע געפיהלען אונזערע, בנוגע צו דעם לאַנד אָדער בנוגע צו אונזערע ברידער, וואָס וואוינען דאָרטען.

13טען מארט, 1915.

פאַרשיידענע ציוניזמ'ען.

זינט דר. הערצל'ס טויט און זינט דער טשאַרטער־געדאַנק האָט פערלאָרען יעדע בעדייטונג פאַר דער אונמיטעלבאַרער פּראַקטישער אַרבייט, איז דער ציוניסט זיך טעאָרעטיש פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשיידענע ריכטונגען, וואָס האָבען אַ גאַנץ פערשיידענעם ווערטה אין אונזער עפענטליכען לעבען און וואָס מוזען לפּי דעם אַרויס־רופען אַ גאַנץ פערשיידענע שטעלונג צו זיך.

ניט אַלע יענע ריכטונגען האָבען געפונען זייער קלאָרען אויס־דרוק און טעאָרעטישע בעגרינדונגען אין דער ציוניסטישער לי־טעראַטור. מיט מאַנכע פון זיי קאָן מען בעקאַנט ווערען נאָר אויס פערזענליכע אונטערהאַלטונגען מיט זייערע טרעגער.

עס איז מיר אויסגעקומען צונויפצושטויסען זיך אין לעבען מיט אַ פּאָר פערטרעטער פון אַ ציוניסטישער ריכטונג, וועלכע איך וואָלט אַ נאָמען געגעבען „אינדיווידואַליסטישע חבת ציון".

מיט איינעם אַזאַ אינדיווידואַליסטישען פאַלעסטינאָפיל האָב איך אַ מאָל געהאַט אַ לענגערען געשפּרעך, אין וועלכען איך האָב אַרויסגעזאָגט אַ סך פון יענע אַרגומענטען, וועלכע מיר שטעלען אַרויס אַנטקעגען דעם ציוניזם. נאָר אויף אַלע מיינע אַרגומענטען האָב איך צום סוף בעקומען אַזאַ מין ענטפער, וואָס האָט אַרויסגע־שלאָגען אַלע כלי־זין פון מיינע הענד, ווענינסטענס, אין אונזער פערזענליכען ויכוח.

— עס קאָן זיין, — האָט מיר געזאָגט מיין געגנער, — אַז איהר זענט אין אַלע פונקטען גערעכט. אָבער צו מ י ר האָט דאָס קיין ברעקעל שיכות ניט. איך ליעב ארץ־ישראל און האָב ליעב העברעאיש; וואוין איך אין ירושלים און זעה, איך זאָל קאָנען רעדען אַ שעהנעם העברעאיש.

וואָס קאָן מען האָבען צו אַזאַ „ציוניזם"? ווער קאָן האָבען די חוצפה איינעם אויפצואווייזען, וואָס פאַר אַ לאַנד מען ז אָ ל

ליעבען און אין וואָס פאַר אַ שפּראַך זיין נשמה ז אָ ל זיך פּיה־לען אין דער היים?

דאָס זענען אינדיווידועלע, אינטימע איבערלעבונגען, ריינע פּריוואַט־זאַכען, אין וועלכע קיין מענש פון דער פרעמד האָט קיין רעכט ניט אריינצומישען זיך. אַ קאַמף אַנטקעגען אַזאַ ציוניזם וואָלט ערשטענס געווען אַ פערברעכען, ווייל ער וואָלט אָנגעגריפען די הייליגסטע רעכט פון דעם אינדיווידואום, אַליין אויסצוקלייבען זיך זיין געליעבטע; צווייטענס, וואָלט דער קאַמף געווען פרוכטלאָז, ווייל אַלע אייערע פּיילען וואָלטען זיך אראָבגעגליטשט פון דעם שטאָלענעם פּאַנצער: „איך ליעב!" — און דריטענס, וואָלט ער געווען לחלוטין איבערפליסיג, ווייל ווענען קאָן אַ פּריוואַט־ליעבע צו אַ בעשטימטען לאַנד און צו אַ בעשטימטער שפּראַך אָנטהאָן דעם מינדעסטען שאָדען?

און ווען אַזאַ אינדיווידואַליסטישע „חבת ציון ועברית", פער־בונדען, — ווי דאָס דאַרף על פי שכל זיין ביי איהרע איידעלסטע פערטרעטער, — מיט אַן אמת'ן געפיהל פון טאָלעראַנץ צו די אַנ־דערע, וואָס האָבען געשוואָרען טרייהייט צו אַנדערע „געליעבטע", איז יעמאָלט קאָן מען ניט נאָר גאָרנישט ניט האָבען צו איהר, נאָר זי קאָן איינעם נאָך ערשיינען אין אַ גאַנץ סימפּאַטישען ליכט.

אַן אינדיווידואַליסטישער פּאַלעסטינאָפיל האָט איבערהויפּט ניט קיין פּרעטענזיעס צו פערענטפערען וועלכע עס איז כלל־פראַגען פון דעם אידישען לעבען. ער פערענטפערט זיין אייגענע אידישע פראַגע, לויט די פאָדערונגען פון זיין אייגענעם הארצענס־בעגעהר, און לאָזט איבער פאַר די פּאָליטיקער און כלל־טהוערס, זיי זאָלען זיך זאָרגען, ווי זיי פערשטעהען, פאַר דער טובה פון דעם כלל. זיין אייגענער פּריוואַט־ציוניזם דיקטירט איהם ניט קיין שום שטעלונג צו די גרויסע צוקונפטס־פּראָבלעמען פון יענע אידען, וואָס קאָנען ניט אָדער ווילען ניט לעבען אין ארץ־ישראל, וואָס קאָנען ניט אָדער ווילען ניט בעטראַכטען העברעאיש פאַר זייער שפּראַך. ער קאָן שענקען זיין סימפּאַטיע דעם אסימילאַטאָר אָדער דעם אידישיסטי־שען גלות־נאַציאָנאַליסט, אָדער אפילו דעם טעריטאָריאַליסט.

עס פערשטעהט זיך, אַז אין לעבען איז זעהר זעלטען אָנצו־טרעפען אַזאַ „פּריוואַט ציוניסט" אין זיין גאַנצער עקסטרעמער

אויסגעהאַלטענקייט. ריינער אינדיווידואַליזם, פערבונדען מיט דער קאָנסערוואַטיווער טאָלעראַנץ, איז אַ מדה, וואָס איז אַ יקר המצאות ביי דעם אידישען פאָלק. אונזער כאַראַקטער איז צו פאַנאַטיש און צו סאָציאַל, מיר גלויבען צו טיעף אין דעם אַבסאָלוטען אמת פון אונזערע געדאַנקען, מיר זאָלען זיך קאָנען פאָרשטעלען, אַז דער אַנדערער מעג על פּי שכל און אויך על פּי יושר קומען צו רעזולטאַטען, וואָס זיינען פּונקט קאַפּויר פון אונזערע. און מיר זיינען צו פעראינטערעסירט אין דעם אַנדערען, אין זיין לעבען און אין זיין גלויבען, מיר זאָלען איהם מתיר זיין, צו זוכען זיין ישועה אויף זיין אייגענעם פאַסאָן.

דאָס רוב פון די פּריוואַט-ציוניסטען וועט דעריבער פּ אַ נ ־ ט אַ ז י ר ע ן ווענען דעם, ווי אַזוי אַלע אידען זאָלען ענטדעקען אין זיך דיזעלבינע ליעבע צו ארץ-ישראל און העברעאיש, און ווע‏לען אַקוראַט אַזוי ווי זיי, יעדערער פאַר זיך אָדער אין פּריוואַטע פעראיינען פון גלייך געשטימטע ציונאַ-פילען, זעהן צו בעזעצען זיך אין דעם זיי טייערען לאַנד, און זיך אַרומרינגלען מיט דערזעלבינער קולטור-אַטמאָספּערע אין העברעאיש, און דערפון וועט ממילא אויסוואַקסען די ישועה פאַר'ן גאַנצען פאָלק.

דער פּריוואַט-ציוניסט וועט אָבער, ביי אַלע זיינע פאַרבענ־רייכסטע פאַנטאַזיעס, ניט אוועקשטעלען דעם ציוניזם, ווי אַן עפענטליכע אידישע אַנגעלעגענהייט, ווי אַ חוב פאַר יעדען אידען, אָדער לפחות פאַר יעדען נאַציאָנאַל-געזינטען אידען, וואָס זוכט אַן אויסוועג פאַר דער גאַנצער אומה. העכסטענס, וועט ער זיך צו די גלות-אידען און זייערע פּראָבלעמען פערהאַלטען אינדיפערענט אָדער פיינדליך נייטראַל.

— ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? — האָט געזאָגט צו מיר אַ יונגער אַרבייטער אין ארץ-ישראל, אין אַ געשפּרעך וועגען די פּראָבלעמען פון אונזער גלות-לעבען: פון מיינטוועגען מ ע ג ע ן ז י י א ל ע ד א ָ ר ט ע ן פ ע ר ב ר ע נ ט ווע־ ר ע ן. אָט די אַלע, וואָס ווילען ניט קומען אַהער.

און אָט דער אַרבייטער איז בעוואוסטערהייד געווען אַ „פּריוואַט-ציוניסט“, וואָס האָט אויך, ווי יענער בעקאַנטער מיינער פון ירושלים, אויף אַלע אַנטי-ציוניסטישע טענות געהאַט איין ענטפער:

דאָס קעהר זיך ניט אָן מיט מיר. איך פערענטפער פאַר מיר פער־זענליך מיין אייגענע „יודען־פראגע“, און זאָלען זיך די אנדערע שלאָגען קאָפּ־אָן־דער־וואַנד.

עס איז אַן אונגעהויער גרויסער מהלך צווישען אָט דעם „פּרי־וואַט־ציוניזם“, ווי מען קאָן איהם אָנרופען, ביז צו יענעם „אמת׳ן“ ציוניזם, וואָס שטעלט אַוועק זיין אידעאַל אין דעם צענטער פון אַלע אונזערע קהל׳שע ענינים, וואָס וויל פערנעהמען דעם אָרט פון אַלע אַנדערע ענטפערס אויף אונזער נאַציאָנאַלען פּראָבלעם, אָדער, צום ווענינסטען, פערנעהמען צווישען זיי דעם אויבען אָן. דער גרויסער מהלך ווערט אויסגעפילט פון אַלערליי ארטען ציוניס־טישען געדאַנק, אָנגעהויבען מיט דעם פּריוואַט־ציוניסטישען אמאָ־טאָרען־ספּאָרט פון אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער ביז צו דעם קבוץ־גליות־ציוניזם, וואָס האָפט, אַז אַלע אידען וועלען זיך ווען עס איז פערטייגינען אין זייער אַלטער היסטאָרישער היים.

ווי פערשיידען די אַלע ריכטונגען זאָלען ניט זיין, ווערען זיי אָבער איצטער אַלע ארומגענומען מיט איין איינציגען פּ ר א ק ־ ט י ש ע ן פּראָגראַם, וואָס קאָן אויסגעדריקט ווערען מיט איין וואָרט: „ב ו י ע ן ד ע ם י ש ו ב“, — קאָלאָניזירען ארץ־ישראל, ניט וואַרטענדיג אויף קיין טשאַרטערס און זיך ניט אָב־שרעקען פאַר דער טערקישער הערשאַפט, און קיינער קאָן ניט לייי־קענען, אַז די באמת קאָלאָסאַלע ערפאָלגען, וואָס דער ציוניזם האָט געהאַט אין די לעצטע פאַר יאָהר אין דעם עפענטליכען בעוואוסט־זיין פון אונזער פאָלק, — דער עיקר ביי די קליין־בירגערליכע עלע־מענטען, — האָט ער געהאַט צו פערדאַנקען דעם פאַקט, וואָס דער ישוב אין ארץ־ישראל האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען.

עס מאַכט ניט אויס, וואָס זיין וואַקסען דאַרף געמאָסטען ווע־רען מיט דער מאָס פון א פינגער־ברייט; עס מאַכט ניט אויס, וואָס זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישער שטח איז נאָך עד היום א שפּאַן אויף א שפּאַן; וואָס פיעלעס אין דעם שטח האָט נאָך דעם ווערטה פון אַן ערשטען עקספּערימענט, וועמעס גורל עס קאָן נאָך מיט זיכערקייט ניט בעשטימט ווערען: דער פאַקט אַליין, אַז ס׳איז דאָ א מאָ־דערנער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל, אַז ער ווערט פון יאָהר צו יאָהר ניט קלענער, נאָר גרעסער, האָט בעפריעדיגט אויב ניט אַלע

ריכטונגען אין דעם ציוניזם, איז די מעהרסטע און די וויכטיגסטע פון זיי. מחוץ למחנה פון די אָפּטימיסטען איז געבליבען נאָך אַ קליין־הייפּעלע הערצל׳יאַנער, ריינע פּאָליטיקער, וואָס האָבען בשום אופן ניט געקענט איינזעהן, ווי אַזוי מען קאָן דעם גראַנדיעזען אי־דעאַל פון דער אידישער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויפלעבונג איינ־פונדעווען אויף דעם וואקעלדיגען שטח פון אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן.

אָבער אַ חוץ אַט דעם קליינעם הייפּעלע אומצופריעדענע, האָט דער גאַנצער ציוניסטישער עולם ניט געקאָנט האָבען קיין אַנדערע געפיהלען צו דעם נייעם ישוב, ווי נאָר די געפיהלען פון דעם העכ־סטען ענטוזיאַזם.

פון דעם אינדיווידואַליסטישען פּריוואַט־ציוניסט איז דאָך אָבגערעדט: מיט יעדען ניי־צוגעקומענעם מאָדערנעם אידען קומט פאַר איהם צו אַן „אח לחדוה“, וואָס מאַכט לייכטער דעם אויסלעבען זיך פון דער אידישער נשמה. דער אחד־העם׳יסט, פאַר וועמען עס איז גענוג אַ פּאָר צעהנדליג טויזענד אידישע פּריצים („בועזים“) אין ארץ־ישראל, זיין „קולטור־צענטר“ זאָל האָבען דעם נויטיגען סאָציאַל־עקאָנאָמישען באַזיס אונטער זיך, דאַרף אויך ניט שטאַרק אָנשטרענגען זיין פּאַנטאַזיע, כדי צו דערבליקען אין דער נאָהענטער צוקונפט די פערווירקליכונג פון זיין אידעאַל. און אפילו דער נאַ־ציאָנאַל פּאָליטישער ציוניסט, וואָס וויל גאָר ניט אָנהויבען צו רע־כענען מיט ווענינער, איידער מיט אַ פּאָר מיליאָן אידען אין ארץ־ישראל, — אפילו ער, זאָג איך, קאָן אויך, — לכל הפחות, אין דעם לאַנגישען חשבון, — לייכט אויפבויען אַ בריק צווישען דעם איצ־טיגען שפּאַן־אויף־אַ־שפּאַן ישוב און דעם צוקונפטיגען אידישען מי־ליאָנען־פאָלק אין ארץ־ישראל.

ביז צו דעם קריעג האָט אַט די אַלגעמיינע קליין־קאָלאָניזאַ־ציאָנס־אידיליע פון קיין זייט ניט געקאָנט זיין געשטערט, — סיידען פון דעם געגנער. אָבער ווער איז דאָס באמת מחויב צו צוהערען זיך צו די רעד פון אַ געגנער?

דער איצטיגער קריעג, מיט דזשעמאַל־פּאַשאַ׳ס אַנטי־ציוניס־טישע עקספּערימענטען, — אפילו ווען אַלץ, וואָס ער האָט צו־שטערט, זאָל ווידער גוט געמאַכט ווערען, — וועט אָבער מוזען

ארייַנטראָגען א דיסהאַרמאָניע אין דער שטעלונג פון דעם ציוניס־טישען געדאנק צו דעם וועג פון קליין־קאָלאָניזאציע.

פאר די „פּריוואט־ציוניסטען" און די אחד־העם'יסטען, פאר וועמען א העברעאיש לעבען אין ארץ־ישראל, — עס מאכט ניט אויס פאר וויפיעל אידען, — איז דער עיקר אין די פערענטפערונג פון דער אידען־פראגע — א מהיכא־תיתי־זאך, איז די קאטאסטראָפע פון דעם „דריטען חורבן" ניט מעהר ווי א צייטווייליגער אומגליק. נאָך א ביסעל מעהר מסירת־נפש, און מען וועט ווידער האָבען די פּאָר מנינים אידען, וואָס זיינען נויטיג פאר דער פערווירקליכונג פון דעם אידעאל.

גאנץ אנדערש איז דאָס אָבער מיט די נאציאָנאל־פּאָליטישע ציוניסטען, וואָס טרוימען וועגען א אידישער פּאָר־מיליאָנען בע־פעלקערונג. זיי האָבען איצטער די פּליכט, זיך ערנסט אוועקצו־שטעלען די פראגע, צי איז זייער לאָגישער חשבון ניט אין גאנצען צושטערט געוואָרען, א דאנק די לעצטע פּאסירונגען אין דעם אי־דישען ישוב.

13טען מארט, 1915.

די קליין־קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל און איהר פּאָליטישע בעדייטונג.

ווי דאָס רוב ציוניסטען, גלויבט אויך הערר דר. ש. לעווין, אז די קליין־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל אונטער דער טערקישער אויבערהערשאַפט וועט פיהרען צו דער פערווירקליכונג פון דעם ציוניסטישער אידעאַל.

דאָס הייסט: דר. לעווין זאָגט זיך ניט אָב אין גאַנצען פון דעם טשאַרטער־געדאַנק. ער גיט צו, אז כדי ארץ־ישראל זאָל ווערען אונזער „עפענטליך־רעכטליך" גאַראַנטירטע היים, דאַרף מען דערצו האָבען דעם הסכם פון יענע מדינות, וואָס האָבען א רעכט אַריינצוזאָגען א דעה וועגען דעם. ער פרעגט נאָר: אויף וואָס קוקענדיג וועט מען נעהמען און אוועקגעבען אידען פּאַלעסטינאַ? ווייל דאָס איז אמאָל געווען אונזער לאַנד? אָבער היסטאָרישע רעכטען האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט צו שפּיעלען א ראָליע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

הערר דר. לעווין איז דעריבער זעהר גערעכט, ווען ער פערלאַנגט אז דאָס אידישע פאָלק זאָל אויפווייזען ממשות'דיגערע זכיות, איידער היסטאָרישע מעמוארען, אויב מיר ווילען, אז ארץ־ישראל זאָל אומגעקעהרט ווערען צו אונז. אָט די „ממשות'דיגע זכיות" גיט אונז, מיינט הערר דר. לעווין, די קליין־קאָלאָניזאַציע. און ניט נאָר דאַרף דער נייער ישוב ערשט בעשאַפען זיי: — ער האָט שוין אין דעם פּרט אויפגעטהאָן אַלץ וואָס מען דאַרף.

כדי די מדינות זאָלען קאָנען געבען אונז דעם הסכם מיר זאָלען ווידער ווערען די באַלעבאַטים פון ארץ־ישראל, האָבען מיר גענדאַרפט טהאָן נאָך איין זאַך: אָבגעבען אַן עקזאַמען, בעווייזען, אז מיר קאָנען בויען א לאַנד. דעם עקזאַמען האָט דער נייער אידישער ישוב גלענצענד אויסגעהאַלטען. די אי־

דישע פיאַנערען־ארבייט האָט בעוויזען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז מיר „יכול׳ן", און דעריבער זעהען מיר טאַקע, אַז אין דער איצטי־גער צייט ווערט דער ציוניסטישער געדאַנק אַלץ מעהר און מעהר פּאָפּולער ביי די מדינות.

דאָס איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע טעאָריע וועגען דער פּאָלי־טישער בעדייטונג פון דער קליין־קאָלאָניזאַציע, ליידער אָבער איז זי אוועקגעשטעלט אויף אַ זעהר שוואַכען פונדאַמענט.

עס איז לייכט צו פערשטעהן, ווי אַזוי הערר דר. לעווין איז געקומען צום שלום אַז, כדי צו האָבען אַ רעכט אויף אַן אייגען לאַנד, דאַרפען מיר פריהער אויסהאַלטען אַ פּיאָנערען־עקזאַמען. מיר אַלע זיינען געוואָהנט געוועז צו הערען פון אַלע זייטען, אַז דאָס אידישע פאָלק איז ניט אַ פּיאָנערען־פאָלק, אַז עס קאָן נאָר לעבען פון׳ם גריי־טען, אַז עס מוז תמיד זיצען אויף וועמעס עס איז אָקסלען. אַזאַ פאָלק וועט מען ניט לייכט פערטרויען די אויפגאַבע אויפצובויען אַ לאַנד. מיר מוזען פריהער בעווייזען, אַז מיר זענען מסוגל דאָס צו טהאָן מיט די אייגענע הענט.

דער טעות, וואָס הערר דר. לעווין מאַכט דערביי, בעשטעהט אין דעם, וואָס ער מיינט, אַז אַזוי דענקען אויך די פעלקער וועגען אונז. אין דער אמת׳ען אָבער איז אָט דער געדאַנק ניט מעהר ווי אַ בלבול, אויסגעטראַכט פון אידען אויף אידען, — אַ בלבול, אין וועלכען די אומות העולם זענען אַ ברעקעל ניט שולדיג. אפילו די גיפטיגסטע אַנטיסעמיטען טייטשען דאָ דעם „איני יכול" גאַנץ אַנדערש אויס. „איני יכול", זאָגען זיי, איז דאָ ניט דער טייטש: „ער ק אָ ן ניט", נאָר: „ער ו ו י ל ניט, דער צולאָזענער מענש!" דער איד וואָלט שוין מיט זיין ענערגיע, זיין איינגעהאַל־טענקייט און זיין שכל זיך יע געקאָנט נעהמען פאַר דער אגראַר־ווירטשאַפט, דעם ערשטען בעדינג פאַר קולטיווירען און אויפבויע׳ אַ לאַנד. די צרה איז, וואָס איהם ליעגט נאָר אין זינען דער שאַכער־מאַכער, דער לייכטער ריוח, דאָס שנעל נתעשר ווערען אויף דעם חשבון פון פרעמדע ארבייט.

די ניט אַנטי־סעמיטען פערשטעהען דעריבער גאַנץ גוט, אַ[…] אויב קלוגע, ארבייטזאַמע און ניכטערע אידען נעהמען זיך אונטער[…] צו בעבויען אַ ווילדערנים, קאָן מען זיך אויף זיי אפשר נאָך מעהר

פערלאָזען, איידער אויף די קינדער פון א וועלכען עס איז אנדער פּאָלק, וועמעס גאנצע גבורה עס בעשטעהט ניט מעהר ווי אין די דאָרף־טראַדיציעס פון דער היים און אין די שטאַרקע מוסקולן. זיי פערשטעהען, אַז אין דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, ווען שכל'דיגע וויסענשאַפט און טעכניק דאַרפען פערנעהמען דעם פּלאַץ פון היימישע דאָרף־טראַדיציעס און די מאַשין דאַרף טהאָן די אַר־בייט פון מענשליכע מוסקולן, מ ו ז דער איד זיין א בעסערער פּיאָנער, איידער דער געזינטסטער פויער פון וועלכען פּאָלק איהר ווילט.

על־כל־פּנים קאָן קיינעם ניט אַרויף אויפ'ן זין, צו פערלאַנגען אָן „עקזאַמען“ פון אונז. די בעסטע ראיה דערצו איז דער פּאַקט, וואָס ענגלאַנד האָט אונז פּאָרגעשלאָגען אוגאַנדאַ און שפּאַניען האָט אונז געוואָלט אָבטרעטען אַנגאָלאַ. אוןביידע רעגיערונגען האָבען פון אונז קיין עקזאַמען ניט געפאָדערט.

און וואָלטען די רעגיערונגען געפאָדערט פון אונז אַזאַ עקזאַמען, וואָלטען מיר אויך אין דעם פּרט געקאָנט אויסקומען אָהן יענע גבורות, וואָס דער אידישער ישוב האָט בעוויזען אין ארץ־ישראל. מיר וואָלטען געקאָנט מיט א סך א בעסערען רעכט אָנווייזען אויף אונזער אַגריקולטור־טעטיגקייט אין רוסלאַנד, אַרגענטינע און אַמע־ריקאַ, — וואו מיר האָבען מיט א סך וועניגער הוצאות דערגרייכט א סך וויכטיגערע רעזולטאַטען.

אין יענע דריי לענדער בעשעפטיגען זיך פיעל מעהר אידען מיט לאַנדווירטשאַפט, זיי האָבען דאָרטען א פיעל גרעסערען שטח לאַנד, און — וואָס פון דעם „עקזאַמען־שטאַנדפּונקט“ איז נאָך וויכטיגער פאַר אַלץ: די אַגראַר־ישובים אין יענע גלות־לענדער זענען אויפ־געבויט דאָס רוב מ י ט ד י א י י ג ע נ ע א י ד י ש ע ה ע נ ט, בעת דער אַגראַר־ישוב אין ארץ־ישראל איז אויסגעבוים ד אָ ס ר ו ב מיט די הענט פון די אַראַבער.

עס איז מערקווירדיג, וואָס הערר דר. לעווין האָט אין זיינע בעטראַכטונגען וועגען דער פּאָליטישער בעדייטונג פון דער קליין־קאָלאָניזאַציע אַוועקגעלעגט אַזוי פיעל וואָג אויף דעם אַבסאָלוט פאַלשען, נאָך מעהר: קינדיש־נאַאיווען עקזאַמען־געדאַנק, בעת ער האָט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט יענעם ערנסטען פונקט,

וואָס האָט באמת געשפּיעלט אַ ראָליע אין דער פערטיידיגונג פון דעם נייעם וועג: די קליין־קאָלאָניזאַציע האָט בעדארפט ביסלעך־וויינז אריבערפּעקלען קיין ארץ־ישראל אַ גרויסע אידישע בע־פעלקערונג, וואָס זאָל פריעדליך איינ־נעהמען און בעבויען דאָס לאַנד. וואָלט זיך דאָס דעם אידישען פאָלק איינגעגעבען, וואָלט זיך יעמאָלט אויף אַ גאַנץ פשוט'ען און קלאָרען אופן געקענט פערענטפערען די שאלה וועגען אונזערע „ממשות'דיגע זכיות". מיר וואָלטען יעמאָלט גע־האַט אַ רעכט אויף דאָס לאַנד, ווייל מיר וואוינען דאָרטען, ווייל מיר האָבען עס בעבויט מיט אונזערע הענט, ווייל מיר זיינען דאָרטען די מאַיאָריטעט.

די האָפנונג איז טאַקע בעשטאַנען אין דעם, וואָס אַ דריי־פער־טעל מיליאָן ביז אַ מיליאָן אידען קאָנען שוין פערוואַנדלען די אראבער אין אַ מינאָריטעט און מאַכען אונז פאַר די פאַקטישע באַ־לעבאַטים און בעזיצער פון ארץ ישראל: און קוים זיינען מיר דע־פאַקטאָ די בעזיצער פון דעם לאַנד, וואָלט שוין די ענערגישע פּאָלי־טישע טעטיגקייט געפונען מיטלען, ווי אַזוי רעכטליך צו גאַ־ראַנטירען דאָס, וואָס איז שוין פערווירקליכט געוואָרען אין דעם לע־בען. אָט דער מאָטיוו און ניט קיין אַנדערער האָט געקאָנט געבען דער קליין־קאָלאָניזאַציע אַ וויכטיגע פּאָליטישע בעדייטונג.

איך וועל מיר איצטער ניט אריינלאָזען אין דער פראַגע, צי אַזאַ עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, וואָס זאָל אונז מאַכען פאַר אַ מאַיאָרי־טעט אין דעם לאַנד, וואָלט בכלל געווען מעגליך אפילו ווען אידען זאָלען וועלען פאָהרען אהין. איצטער איז פאַר אונז וויכטיג צו האָבען אין זינען, אַז די קליין־קאָלאָניזאַציע קאָן נאָר יעמאָלט האָבען אַ פּאָליטישע בעדייטונג, ווען אידען וועלען פאָהרען אהין און וועלען זיך דאָרטען בעזעצען: און ניט דוקא אידען־ציוניסטען, אידען־ראָמאַנטיקער, אידען־העלדען, וואָס געהען אויף קידוש השם. די העלדען דאַרפען נאָר זיין דער אַוואַנגאַרד, די „חלוצים", די וואָס ווייזען דעם וועג, די הויפּט־אַרמעע — און דאָס טאָהר מען ניט ארויסלאָזען פון אויג — דאַרף בעשטעהן פון דעם מיטעלערען מענשען, פון וועמען מען קאָן ניט פערלאַנגען קיין מסירות נפש, פון

יענע מאַסען וועלכע פאָהרען, — לאָז זיין, אונטער דער שליטה פון דער ציוניסטישער אידעע, — אָבער דער עיקר, מיט יענעם ציעל אין זינען, אַז זיי וועלען דאָרטען, אמת, קיין גרויסע גליקען ניט כאַפּען, אָבער דערפאַר וועלען זיי זיין פערזאָרגט מיט א רוהיגען, זיכערען, חשוב׳ען לעבען.

אָט אויף די מענשען האָט מען געהאָפט און נאָר אין דער האָפענונג איז בעשטאַנען די פּאָליטישע בעדייטונג פון דער קליין־קאָלאָניזאַציע. אָבער אָט די האָפענונג איז גראָד איבערגעשניטען געוואָרען דורך דעם איצטיגען קריעג, און דורך די עפּיזאָדען, וואָס האָבען זיך אין דער לעצטער צייט אָבגעשפּיעלט אין ארץ־ישראל.

ווער פון די, וואָס זוכען א רוהיגען און זיכערען לעבען אין ארץ־ישראל, וועט זיך קאָנען פערטרויען צו פאָהרען אַהין, אויב דער טערק וועט ווייטער בלייבען דער באַלעבאָס אין דעם לאַנד? וועלכע חניפות׳דיגע מה־יפית־ליעדער די אָפיציעלע ציוניסטען־פיהרער זאָלען ניט זינגען דעם טערק, — די גאַנצע וועלט ווייס גאַנץ גוט, אַז ער איז נאָך א באַרבאַר, און אַז זיין שטאַאַט קאָן נאָך ניט גאַראַנטירען אפילו יענע זיכערקייט פון לעבען און אייגענס. וועלכע מיר געפינען אין רוסלאַנד.

די איינציגע שמירה אנטקעגען דעם טערקישען ווילד־ווילען איז געווען די מאַכט פון דעם אויסלענדערשען קאָנסול. מיט דעם איצטיגען קריעג האָט זיך דאָס איבערגעביטען: די טערקיי האָט אראָבגעוואָרפען פון זיך די קאָנטראָלע פון די פרעמדע מדינות און פערלאַנגט פון די אידען, זיי זאָלען ווערען אָטאָמאַנישע אונטערטאַנען.

דאָס אליין גראָבט אונטער די האָפענונג אויף א לפי־ערך גרעסערע מאַסען־עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל. עס קאָן זיך פּשוט ניט לעגען אויפ׳ן שכל, אַז די, וואָס זוכען זיכערקייט און רוה, וועלען וועלען פערבייטען די אומגעזעצליכקייטען פון דעם אייראָפּעאישען רוסלאַנד אויף דעם ווילד־ווילען פון דער אַזיאַטישער טערקיי. און בפרט ווען טערקיי שטעלט נאָך אוועק די פאָדערונג, מען זאָל נעהמען אויף זיך דעם עול פון דעם טערקישען מיליטער־דיענסט. ווער וועט האָבען די העזה צו פערגלייכען דעם באַרבארישען דיענסט אין דער טערקיי מיט דעם ווי־שווערען דיענסט אין רוסלאַנד?

און אויך דאָס דאַרף מען ניט פערגעסען:

די טערקיי לעבט דורך אַ פּאָליטישען קריזיס: די צייט פון רוה איז נאָך זעהר ווייט פון איהר. זאָל זי איצטער אפילו ארויס אַ לע־בעדיגע פון די שונאים׳ס הענט, וועט זי נאָך אַלץ פערבלייבען יענער אפּעטיט, יענער ביסען, אויף וועלכען די מדינות וועלען שאַרפען זייערע צייהן. די טערקיי וועט שטענדיג שטעהן אין דער קריעגס־געפאַהר, די אידען וועלען שטענדיג שטעהן אין דער סכנה און אין דעם אומרוה פון דער קריעגס־צייט, סיידען פּאַלעסטינא זאָל אפריהער אריבערגעהן אין זיכערערע הענט.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען, זאָג איך, איז אַ פּשוט׳ער אב־סורד צו גלויבען, אַז די אידישע מאַסען וועלען פון דעם רוסישען רעגען לויפען אין דעם טערקישען האָגעל. אָבער אָהן די אידישע מאַסען קאָנט איהר אין ארץ־ישראל בויען גאַנץ שעהנע זאַכעלאַך פאַר דעם פּריוואַט־ציוניסטישען ספּאָרט פון אַ פּאָר רייכע באַלע־באַטים: אפשר אויך אַ העברעאישע ליליפּוטען־קולטור, וואָס איהר פּאָליטישער באַזיס זאָל זיין דער טערקישער באַקשיש. דעם צ י ו נ י ז ם, יענעם ריעזיגען אידעאַל פון בעפרייען דאָס אידישע פאָלק און געבען איהם אַ היים, קאָנט איהר דורך קליין־קאָלאָניזאַציע אונטער דער טערקישער הערשאַפט בשום אופן ניט פערווירקליכען.

אָט פאַר וואָס איך רעכען, אַז דער ציוניסטישער געדאַנק וועט זיך מוזען אומקעהרען צו זיין פּ אָ ל י ט י ש ע ן פּעריאָד און אַראָבטרייסלען פון זיך יענע בערג ליליפּוטען־שפּינוועבס, מיט וועל־כע ער האָט געגומען ארומוואַקסען זינט הערצל׳ס טויט.

וועט דאָס איהם העלפען?

דאָס איז שוין ווידער אַן אַנדער פראַגע.

22טען מאַרט, 1915.

שפּאַלטונגען.

אין דעם פּאָליטישען לעבען פון דער אידישער ארבייטערשאַפט אין ניו יאָרק איז אין די לעצטע טעג פּאָרגעקומען אַן עפּיזאָד, וואָס מוז ארויסרופען די טרויעריגסטע געדאנקען.

גראָד יעמאָלט, ווען דער געשיכטליכער מאָמענט האָט פערלאַנגט פון איהר, אז זי זאָל אָנשטרענגען אלע כחות, כדי ארויסצוטרעטען, ווי א געאייניגטע מאכט אין דעם קאַמף פאַר די עלעמענטארע לעבענס־רעכט פון איהר פאָלק, וואָס ווערען אזוי געטראָטען מיט די פיס, און פאַר זיין עהרע, וואָס ווערט אזוי ציניש בעשמוצט; אז גראָד יעמאָלט, ווען עס איז נאָך אזוי פיעל מיה פאָרט געלונגען צו פעראייניגען די שטרייטענדע ברידער צו א געמיינזאַמען שריט, דארף פאָרקומען א שפּאַלטונג אין איהרע רייהען, דארף זיך אָברייסען יענער פאַדים, וואָס האָט געזאָלט צונויפבינדען אלע איהרע טיילען אין איינעם! אויף דער ארבייטער־קאָנפערענץ וואָס איז אָבגעהאלטען געוואָרען דעם פאָריגען 18טען אפּריל, האָבען צוויי־און זיעבעציג דעלעגאַטען מיט א פּראָטעסט פערלאָזען דעם זאַל.

ניט ווילענדיג שווימט ארויף אין געדאנק דער פערגלייך צווישען דער האלטונג פון דעם אידישען פּראָלעטאריאַט און יענער האלטונג, וועלכע די פּראָלעטאריאַטען פון אלע אנדערע אין קריעג־בעטייליגטע פעלקער האָבען אָנגענומען אין דער איצטיגער בלוטיגער צייט.

אויב די דייטשע און עסטרייכישע ארבייטער האָבען געקענט פּועל'ן ביי זיך צו געהן האנט אין האנט מיט דער דייטשער און עסטרייכישער רעגיערונג — אויף איינצושלינגען סערביען און חרוב מאכען בעלגיען; אויב דער פראנצויזישער פּראָלעטאריאַט האָט געפונען קראַפט אין זיך צו־צושטעהן צו דער פראנצויזישער רעגיערונג צוליעב א פערבינדונג מיט דעם רוסישען צאריזם, — ניט שוין

דאַרף דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אָנווענדען נאָך גרעסערע כחות, כדי אויף אַ ווײַלע צו פערגעסען יענע „אָבגרונד־טיעפע תהום'ען", וואָס ליעגען צווישען זײַנע פערשיידענע ריכטונגען, און כדי געאײַניגט צו קעמפּפען אַ קאַמפּף פאַר גערעכטיגקייט און מענשליכקייט? ניט שוין איז דער פּרינציפּיעלער תהום, וואָס שיידט אָב אַ דייטשען סאָציאַליסט פון אַ ווילהעלם דעם צווייטען, אַ פראַנצויזישען רעוואָלוציאָנער פון אַ פּואַנקאַרע, אַ פערשווינענד קלענערער מרחק איידער דער, וואָס שיידט אָב דעם סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט פון דעם פּועל־ציון, דעם נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל פון דעם „אידישע־שפּרעכענ־דען"?

עס איז דאָ ניט די פראַגע, ווער איז געווען גערעכט אין דעם ככסוך און ווער אומגערעכט. די אַלע איינצעל־פראַגען פון „גערעכט" און „אומרעכט" פערשווינדען לגמרי פאַר דעם איינ־איינציגען פאַקט, וואָס איז בערעדעוודיגער, איידער גאַנצע בענד, אַז אין אַט ד ע ר אַנגעלעגענהייט, אין אַט ד ע ם געשיכטליכען מאָמענט האָט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט געפונען גענוג גבורה אין זיך צו בלײַבען מריי דער אַלטער־אַלטער אידישער טראַדיציע, וואָס שטעקט, הפנים, אין אונזער אידישען בלוט און וואָס זאָגט: ווען עס קומט אַ וויכטיגסטער לעבענס־מאָמענט, וואו אַלץ הענגט אפשר אָב פון יענעם גראַד אחדות, וועלכען מיר קאָנען אַרויסווייזען, איז יעמאָלט אונזער אַלעמענס חוב, וואָס טיעפער צו בעליידיגען איינער דעם אַנדערן, וואָס העפטיגער זיך צו־צופּאַטשען, און וואָס ווייטער זיך צו פאַנאַנדערשפּרינגען.

איך טראַכט אָפּטמאָל: איז דאָס אפשר ניט אַ שלעכטע געוועהנונג פון אַ נאַציאָנאַליסט, אַרויפצוואַרפען אַל־דאָס בייז אויף דעם חשבון פון דעם נאַציאָנאַלען טעמפּעראַמענט? קאָנען מיר אפשר ניט אין אַזעלכע פעלען יעדעס מאָל אויסגעפינען, אַז דאָס, וואָס האָט פּאַסירט, האָט געמוזט פּאַסירען אַ דאַנק געוויסע אומשטענדען אין אַ בעשטימטער לאַגע, וואָס האָבען אַ ברעקעל ניט צו טהאָן מיט אונזער בלוט?

גאַנץ געוויס קאָנען מיר דאָס. די צרה איז נאָר, וואָס מיר דאַרפען דאָס טהאָן שוין צו אָפט, וואָס אַלע מאָל איז דער „דאָס

מאָל", ווי אַלע מאָל: אַן אייבּיגע אילוסטראַציע צו אונזער פּעה־לער: דעם מאַנגעל אין אחדות.

אונזער גאַנצע געשיכטע איז פול־און־פּיעל מיט ביישפּיעלען פון שפּאַלטונגען און אינווענינסטע רייסענישען, גראַד אין יענע מאָמענטען, ווען אחדות איז געווען נויטווענדיג ווי דער לעבענס־אָטעם, און די גרעסטע אומגליקען פון אונזער געשיכטליכען לעבען זענען אַרויסגעוואַקסען צום טייל דערפון, וואָס פּערזאָנען, גרופּען און פּאַרטייען האָבען ניט געקאָנט בויגען זייער קאָפּ אונטער דער פאָדערונג פון אחדות, ווייל קיינער האָט קיינעם ניט געקאָנט נאָכ־געבען.

ווי אָפט ווייזט אונז די אידישע געשיכטע איין־און־דאָסזעל־ביגע בילד: נאָר וואָס די קרעפטען פון דעם פאָלק קאָנסאָלידירען זיך אין איינעם, נאָר וואָס עס הויבּט אָן אַרבּייטען ווי אַ גאַנצעס, פּלוצלונג — אַ קראַך, אַן אינווענינסטע עקספּלאָזיאָן: דאָס גאַנצע ווערט אויפגעריסען און צושפּרונגען אויף פּיצלעך.

אונזער פאָלק וויים און פּיהלט אומבּעוואוסט די צרה פון זיין טעמפּעראַמענט, וויים וואָס איהם קאָסטען אָב די אינווענינסטע מחלקות. „וואָלטען די צדיקים שלום געמאַכט אויף איין טאָג", פלעגען די חסידים זאָגען, „וואָלטען זיי משיח'ן אַראָבגעבּראַכט".

אונזער פאָלק וויים עס, אָבער עס האָט קיין מיטלען ניט, ווי צו האַלטען אין צוים זיין אייגענעם, ווילד אויפבּרויזענדען טעמפּע־ראַמענט. און עס איז טאַקע שווער, זעהר שווער צו געפינען אַ מיטעל אַנטקעגען דעם, ווייל די אונבויגזאַמקיים, די אונבּעצווינגבאַרקייט פון אונזער ווילען איז אַ טייל פון יענער אינווענינסטער קראַפט אינזערער, וואָס ברענגט אַרוים סײַ אונזערע מעלות, סײַ אונזערע חסרונות.

יע, די צופּיצעלונגס־לוסט, וואָס מיר בּעמערקען אין אונזער גע־שיכטע און אין אונזער לעבען, איז אַ חסרון, וואָס איז אינווענינסט צענויפגעבונדען מיט אַ סך פון אונזערע מעלות, און וואַקסט מיט זיי אַרוים פון איין־און־דעמזעלביגען וואָרצעל.

די וואָרצעל איז — דער שאַרפסטער א י נ ד י ו ו י ד ו א־ ל י ז ם, פערבונדען מיט'ן טיעפסטען גלויבען אין דעם אייגענעם

װערטה און דעם פאַנאַטישען האס צו אַלץ און צו אַלע װאָס װילען ניט אנערקענען יענעם װערטה.

אָט דער גרונד־שטריך פון אונזער פאָלקס־כאַראַקטער, — װאָס לאָזט צו, פערשטעהט זיך, פערשיידענע אויסנאַהמען, קאָן אַרויס־טרעטען סײַ אין קדושה, סײַ אין טומאה.

אין קדושה װערט אונזער „איך" צונויפגעגאָסען מיט יענער גרויסער און הייליגער זאַך, װאָס איהר גיעבען מיר אװעק אונזער נשמה, יעמאָלט איז אונזער אייגענער װערטה—דער װערטה פון דער זאַך, און אונזער פאַנאַטישער האס װענדט זיך אויף אַלץ, װאָס געהט להיפך צו איהר. מיר קאָנען יעמאָלט פערגעסען אויף אונזער אייגענעם „איך". מיר טראַכטען ניט װעגען איהם און אונז מאַכט ניט אויס, װאָס מיט אונז זאָל ניט זיין. אָבער אונזער „איך" לעבט אין דער זאַך. זי װאַקסט אויס אין אונזערע אויגען, צו דעם העכסטען, װאָס די װעלט פערמאָגט, און יעדער איינער, װאָס האָט די חוצפה ניט צו גלויבען אין איהר, איז אַן אומװירדיגע בריאה, װעלכע מען האָט אַ רעכט פאַנאַנדערצורייסען װי אַ הערינג.

אין טומאה װערט פון דעם פאַנאַטישען, אין זיך איינגעגלויב־טען אידישען אינדיװידואַליזם, יענער עקעלהאַפטער עגאָאיזם, יענע װיסטע גאוה, יענער פאַנאַנדערגעשװאָלענער „איך", װאָס פילט אויס מיט זיך אַלע װינקעלעך פון דער נשמה, און פרעסט אויף יעדען גע־דאַנק און געפיהל, װאָס װיל זיך שטעלען אַנטקעגען איהם.

נאָר לאָמיר לאָזען די טומאה אַן אַ זייט. מיר רעדען דאָ װעגען דברים שבקדושה.

פון דעם אידישען, אין זיך פאַנאַטיש איינגעגלויבטען אינדי־װידואַליזם שטאַמט איינע פון די שעהנסטע מעלות פון דער מענש־ליכער נשמה: די איבערגעבענקייט צו דער אייגענער איבערצייי־גונג, די טרייקייט צו איהר ביז דעם עקסטרעם, די עקשנות׳דיגע פערטיידיגונג פון דער אייגענער מיינונג, כל זמן איך גלויב אין איהר, און דאָס מבטל זיין די גאַנצע װעלט, אויב זי געהט אַנטקעגען „מיר".

איך װעל קיינמאָל ניט פערגעסען יענעם טיעפען איינדרוק, װאָס אויף מיר האָט געמאַכט אַ לעגענדע אין דעם תלמוד, מיט װעל־כער איך בין בעקאַנט געװאָרען שוין אין די מיטעלע יאָהרען, װאָס

מאַלט אוים אַזוי שרייענד דעם שטאָלצען גלױבען פון דעם אידישען אינדיווידואַליזם אין זיין אייגענעם אמת.

ר׳ יהושוע האָט אַ פּלוגתּ מיט די רבנים. אַלע זענען זיי אַנט־קעגען איהם, נאָר ער אַליין האַלט זיך פעסט ביי זיינס. און ווען אַלע אַרגומענטען פון זיינע געגנער שפּרינגען פון איהם אָב, ווי אַן אַרבעס פון וואַנט, פּרובען זיי איהם גובר זיין מיט איבערנאַטירליכע בעווייזען. „אויב מיר זענען גערעכט“, זאָגען זיי, „זאָל דער בוים, וואָס שטעהט אַנטקעגען פענסטער פערדאַרט ווערן“, און דער בוים ווערט פּלוצלונג פערדאַרט. „זאָל דער טייך זאָגען עדות פאַר אונז“, פאָדערן ווייטער די תנאים, און דער טייך הייבט אָן טרייבען זיינע וואַסערן אויף צוריק. דאָס האָט אָבער קיין ברעקעל ווירקונג ניט אויף ר׳ יהושוע.

„אויב מיר זענען גערעכט“, זאָגען ווייטער די תנאים, „זאָלען די ווענט פון בית־המדרש בעווייזען!“ — און די ווענט הייבען אָן פאַנאַנדערצופאַלען: דאָס ברענגט שוין אַרויס ר׳ יהושוע׳ען פון זיך. ער צובייזערט זיך אויף די ווענט: „וואָס האָט איהר זיך אַריינצומישען אין דעם דיספּוט צווישען די חכמים?“ — בלייבען די ווענט איינגעבויגט. זיי גלייכען זיך ניט אויס, כדי ניט צו בעליידיגען די חכמים, זיי פאַלען ניט איין, אויס כבוד צו רבי יהושוע.

די חכמים פּרובען זיך פאַר׳ן לעצטען מיטעל. זיי אַפּעלירען צו דער העכסטער אינסטאַנץ, צו גאָט אַליין, וואָס ווייס דאָך אודאי, ווער עס איז גערעכט. „זאָל אַ בת־קול פון הימעל עדות זאָגען“, פערלאַנגען זיי, און אַ בת־קול פון הימעל קומט אַראָב...

דעם מאָמענט האָב איך געלייענט מיט אַ פערכאַפּטען אָטהעם, און אַלע מאָל ווען איך דערמאָהן מיך אָן איהם הויבט אָן אַ ביסעל קלאַפּען דאָס האַרץ. דער בת־קול! דער מקור פון דעם ריינעם אמת! וואָס וועט ר׳ יהושוע טהאָן, ווען דער בת־קול וועט זיך אַרויסזאָגען אַנטקעגען איהם?

און דער בת־קול האָט זיך אַרויסגעזאָגט אַנטקעגען איהם. ער האָט געגעבען רעכט די חכמים, נאָר אויך דאָס האָט ניט געקאָנט צוברעכען יהושוע׳ס גלױבען אין זיין אייגענעם אמת. שטאָלץ האָט ער, דער פרייער און אונבויגזאַמער, אַ שליידער געטהאָן צו הימעל די

ווערטער: „לא בשמים היא", ניט אין הימעל איז זי, די תורה; זי געהערט צו אונז, מענשען, און איך, דער מענש־יהושוע, דער אינדי־ווידיאום־יהושוע, האָב ניט קיין אנדער אויטאָריטעט, ווי מיין אייגענעם פערשטאַנד און יושר, און איך טייטש זי אויס ווי א י ך פערשטעה, אפילו ווען די גאַנצע וועלט און גאָט זאָלען זיין אנטקעגען מיר!

די לעגענדע דערצעהלט ווייטער צום סוף, אז גאָט האָט זיך גע־בויגען פאַר יהושע'ן. „נצחוני, בני", — איהר האָט מיך מנצח גע־ווען, מיינע קינדער!" — איז אַרויס געקומען א נייער בת־קול.

דאָס איז א פּרעכטיגע לעגענדע, די שענסטע שירה פאַר דאָס רעכט פון דעם אינדיווידיאום אויף זיין אייגענעם אמת, וואָס אין איהר בלענדענדען שיין ווערט אין גאַנצען פערבלאַסט דער בעריהמ־טער אנעקדאָט מיט גאַלילעאָ'ס „און זי בעוועגט זיך פאָרט!"

אין דער זעלביגער צייט אָבער גיט זי אויך א בולט'ע אילוס־טראַציע צו דעם אין זיך פאַנאַטיש איינגעגלויבטען אידישען אינדי־ווידואַליזם. ווי קאָן אזא פאַנאַטישע איבערגעבענקייט צו דעם איי־גענעם אמת אויף א רגע צולאָזען, אז אפשר איז גאָר דער געגנער גע־רעכט? ווי קאָן איך זיך רעכענען מיט איהם און מיט דעם, וואָס איהם קומט על פּי יושר? וואָס קאָן איהם קומען על פּי יושר, איהם, וואָס פערדרעהט דעם אמת און טייטשט איהם אויס קאַפּויר? עוקר מן השורש זיין! צורייסען ווי א הערינג! לא יהיו לך אלהים אחרים על פּני! שקץ תשקצנו — תעב תתעבנו! ובערת הרע מקרבך! (עס זאָלען ביי דיר ניט זיין קיין אנדערע געטער, א חוץ מיר! פער'מאוס'ען זאָלסטו איהם! פעראומווירדיגען זאָלסטו איהם! און אויסראַמען זאָלסטו דאָס שלעכטס פון דיין מיט!)

דער איד, וואָס גיט זיך איבער אָט צו דעם איינפלוס פון זיין הארצען, קאָן ניט זיין טאָלעראַנט, קאָן זיך ניט רעכענען מיט די רעכט פון דעם געגנער, סיידען דער שכל צווינגט איהם דערצו. אין די צייטען פון פריעדען, ווען אין קאָן שטעהט ניט דאָס העכסטע, ווען מען קאָן מיט קאַלטען בלוט בעטראַכטען די לאַגע, קאָן נאָך דער שכל ווי עס קומען צו זיין רעכט. אָבער גראַד אין די וויכטיגסטע מאָמענטען, ווען עס דערנעהנטערט זיך א יום־הדין אויף אלץ, וואָס איז אונז הייליג, — ווען דאָס אויפגעבראַוזטע בלוט שלאָגט אין קאָפּ,

— גראַד יעמאָלט, ווען דאָס פאָלק נויטיגט זיך אַזוי אין אחדות: ווערט דער קלאָרער פערשטאַנד פערטומעלט, דאָס הארץ געווינט די אויבערהאַנד, און דער פאַנאַטיש־אינדיווידועלער גלויבען עקספּלאָ־דירט און צורייסט אויף פיצלעך די ביסעל אחדות, וואָס איז דאָ.

אזוי איז דאָס די מעשה! אזוי איז זי געווען, אזוי איז זי, און אזוי וועט זי מסתמא ווייטער זיין אין אונזער געשיכטע... זאָלען מיר זיך טרויסטען מיט דעם? גאַנץ געוויס ניט, דאָס איז א דער־קלעהרונג, ניט קיין טרויסט.

טרויסטען זיך קאָנען מיר נאָר מיט דעם, אַז ניט קוקענדיג אויף די חסרונות פון אונזער טעמפּעראַמענט, — וואָס זענען פערבונדען מיט זיינע מעלות און שטאַמען פון זיי אָב, — האָבען מיר אָבגע־לעבט א געשיכטע, א לענגערע, איידער א וועלכער עס איז אַנדער פאָלק פון דער אייראָפּעאישער וועלט, און מיר וועלען ווייטער לע־בען און זי ווייטער פיהרען, באין ברירה, מיט שפּאַלטונגען...

3טען מאַי, 1915.

זייער טעות.

דאָס איז געווען אויף דער בעריהמטער, שוין „היסטאָריש" געװאָרענער זיצונג פון דער אידישער קהלה אין ניו יאָרק. דר. י. א. הורוויטש האָט נאָר וואָס געענדיגט זיין רעדע פאַר דער צונויפרופונג פון אַ אידישען קאָנגרעס. „מיר האָבען גאָרנישט צו פערלירען" — איז געווען דער גרונד־מאָטיוו פון זיינע ארגומענטען, און די קורצע שילדערונג פון אונזער לאַגע אין רוסלאַנד האָט עדות געזאָגט אויף דעם אמת פון זיינע רייד.

אויף דער טריבונע איז ארויף הערר סיירוס סולצבערגער, איינער פון סימפּאַטישסטע אידישע כלל טהוערס, וועלכע די היגע דייטשע אידען האָבען ארויסגערוקט אין דער לעצטער צייט.

דער תמצית פון זיינע רייד קאָן איבערגעגעבען ווערען בקיצור אזוי:

„עס קאָן זיין אז א י ה ר, אריבערגעקומענע אידען פון רוסלאַנד, איהר, וואָס איהר קוקט אזוי פון אויבען אראָב אויף אונזערע „פערלאַטעטע" קאָמף־מעטהאָדען, — עס קאָן זיין, אז איהר האָט מיט אייערע נייע „רעוואָלוציאָנערע" מעטהאָדען בעשאַפען פאַר זיך אזא לאַגע אין אייער אַלטער היים, אז איהר האָט שוין גאָרנישט מעהר וואָס צו פערלירען. אָבער פערגעסט ניט: מיר זענען דאָ אין אמעריקא, און אין אמעריקא זענען אויך דאָ א מ ע ר י־ ק א נ י ש ע אידען. מיר, אמעריקאַנישע אידען, האָבען גראָד מיט די „פעראַלטעטע" מעטהאָדען אויסגעקעמפט פאַר אונז א לאַגע פון פרייע בירגער אין א פרייען לאַנד, פון גלייכבערעכטיגטע קינדער פון אונזער דעמאָקראַטישען שטאַאַט. אַן אַלגעמיינער אידישער קאָנגרעס, וואָס קאָן בעקומען דעם פּנים פון אַ „שטאַאַט אין א שטאַאַט", איז פערבונדען מיט אַ סכנה פאַר אונזער לאַגע, מיר שטעלען דאָ אריין אין קאָן, אויב ניט אונזערע

ערֿאבערונגען, אין דעם צוטרוי פון דעם אמעריקאנער פֿאלק צו אונז, און דערפֿאר קאָנען מיר ניט געהן מיט אייך, דערפֿאר מוזען מיר קעמפֿען אנטקעגען אייך"...

דעם אמת געזאָגט, — ניט אזעלכע רייד האָט איך ערוואַרט פֿון א סיירוס סולצבערגער. געדוכט האָט זיך מיר, בעת ער האָט גענומען דאָס וואָרט, אז ער וועט זיך צו אונז ווענדען אַן ערך מיט אזא לשון:

„ברידער פֿון די קריעגס־לענדער, וואו עס טרינקט זיך אין בלוט אונזער פֿאָלק! אויב איהר קאָנט אונז בעווייזען, אז מיט דעם קאָנגרעס, צו וועלכען איהר שטרעבט, קאָן אויף א האָר פֿער־בעסערט ווערען די לאַגע פֿון אונזער פֿאָלק, וואהי, איהר האָט זיך יעמאָלט ניט וואָס צו רעכענען מיט אונזער גורל. מיר זענען א צו קליינער טהייל פֿון אונזער פֿאָלק איבער דער גאַנצער וועלט, אז אונ־זערע אינטערעסען זאָלען קאָנען ווען עס איז בעטראַכט ווערען פֿאר א מניעה אין יענעם קאַמף, וועלכען מיר אַלע מוזען פֿיהרען, ניט נאָר אין דעם נאָמען פֿון אונזער פֿאָלק, נאָר אויך אין נאָמען פֿון די פּרימיטיווסטע פֿאָדערונגען פֿון דעם פּרימיטיווסטען יושר. וואהי, איהר קאָנט אַלע מאָל רעכענען אויף אונז. מיר וועלען זיין מיט אייך, מיר וועלען קעמפֿען אין איינעם, ווייל אין אזא לאַגע און אין אזא אנגעלעגענהייט איז ניטאָ מעהר קיין „מיר" און קיין „איהר".

„אָבער, ליעבע ברידער, זענט איהר זיכער, אז דער קאָנגרעס קאָן פֿערבעסערען אייער לאַגע? זענט איהר זיכער, אז איהר האָט שוין גאָר ניט וואָס צו פֿערלירען? אז די אכזריות, פֿון וועלכע איהר דערצעהלט, האָט שוין דערגרייכט איהר ענד און קאָן שוין ווייטער ניט געהן? איז דען דאָ אַן ענד צו יענע אכזריות? אונז דוכט, אז מיט דעם קאָנגרעס קענט איהר נאָך ערגער מאַכען די לאַגע, ווי שלעכט זי זאָל שוין ניט זיין. אונז דוכט זיך אז..."

און עס וואָלט אוועק געגאַנגען א לאַנגער נוסח ווענען דער סכנה פֿאַר'ן גאַנצען אידישען פֿאָלק „אין די קריעגס־לענדער" (גע־מיינט ווערט, פֿערשטעהט זיך, רוסלאַנד), ווען אזא קאָנגרעס פֿון אַלע אמעריקאַנער אידען זאָל זיך צונויפֿקומען.

אנשטאַט דעם — גלייך פֿון אָנהויב די איינטיילונג פֿון „מיר"

און "איהר„ ; גלייך פון אָנהויב די ארויסדרוקונג פון „אונזערע" איני־טערעסען אין פערגלייך מיט „אייערע" און די מורא, טאָמער וועלען „מיר" וואָס פערלירען!

באלד נאָך הערד'ן סולצבערגער'ס רעדע האָב איך פערלאָזען דעם זאל. איך האָב געוואוסט, אז אנדערע רעדנער פון דעמזעלבען לאגער וועלען אָבשוואכען דעם שווערען איינדרוק, וואָס זיינע רייד האָבען געמוזט איבערלאָזען אויף אלעמען, און אז די קאָנגרעס־פראגע וועט פערלאָזען די ספערע פון „מיר" און „איהר" און אויפ־געהויבען ווערען צו יענער הויך, אויף וועלכע זי דארף שטעהן: די אינטערעסען פון דעם אידישען פאָלק.

אָבער דאָס וואָרט איז געזאָגט געוואָרען, דער תהום צווישען „אונז" און „זיי" איז אויפגעדעקט געוואָרען, און איך צווייפעל, צי די שפעטערדיגע רעדען האָבען איהם געקענט צודעקען אין גאנצען.

איך האָב מיך געמוזט פרעגען: איז ד אָ ס ווירקליך דער „גרונד פון דעם אָבגרונד", וואָס ליעגט צווישען אונז? ניט שוין איז עס ניט מעהר ווי דער נאַקעטער גרופען־עגאָאיזם פון די איינ־געבאָרענע אידען, וואָס ציטערן, די איינגעוואנדערטע זאָלען, דורך א וועלכען עס איז פאלשען שריט, חלילה ניט שאדען יענער גלענ־צענדער לאגע, אין וועלכער זיי, די איינגעבאָרענע, געפינען זיך דאָ אין לאנד? און — קאָנען זיי באמת וואָס עס איז פערליערען, ווען זיי זאָלען צושטעהן צו אונז און קעמפען מיט אונז?

וואָס מעהר איך האָב געטראכט וועגען די פראגע, אלץ מעהר איז מיר קלאָר געוואָרען, אז דערקלעהרען די שטעלונג פון די אמע־ריקאנער איינגעבאָרענע אידען דורך נאַקעטען גרופען־עגאָאיזם און ציטערן פאר דער אייגענער פעל וואָלט געווען צו איינזייטיג, צו אויבערפלעכליך און ממילא שוין דערפאר אליין צו אומגערעכט.

איין פאקט ווארפט זיך אין די אויגען, וואָס אין זיין שיין מוז דער סכסוך צווישען „אונז" און „זיי" בעקומען א גאנץ אנדער בעלייכטונג. דאָס איז דער פאקט, וואָס אין דער קאָנגרעס־פראגע געהן בדרך כלל פ א ר דעם קאָנגרעס די נאציאָנאל־פרומע און די נאציאָנאל־פראָגרעסיווע האנד־אין־האנד, בעת אנטקעגען זיי און אנטקעגען דער קאָנגרעס־אידעע טרעטען ארויס בדרך כלל די רע־

פאַרמער, די פיהרער און קעמפּער פון דעם אַסימילאַציאָנס־אידעאַל.

בעטראַכט מען דעם סכסוך אין דעם שיין פון אָט ד ע ם פאַקט, ווערט איינעם קלאָר, אַז אויך אויף דער „היסטאָרישער" זי־צונג פון דער קהלה־קאָנווענשאָן, האָבען זיך אַ מאָסט געטהאָן מיט די כחות יענע צוויי אַנטאַגאָניסטישע קרעפטען, וואָס קעמפען אין אַלע גרויסע פּאַסירונגען און אין אַלע וויכטיגע ערשיינונגען פון אונזער געשיכטליכען לעבען אין דער לעצטער צייט: נאַציאָנאַלע ווידער־ערוואַכונג פון איין זייט, די אַסימילאַציע פון דער אַנדערער.

די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אַסימילאַטאָר איז אומעטום, און אויך דאָ אין אַמעריקאַ, אַזאַ, אַז ער מ ו ז אין יעדען זעלבסט־שטענדיג־אידישען ארויסטרעטען זעהען אַ געפאַהר ניט נאָר פאַר זיך און פאַר זיין גרופּע אין אָט דעם געגעבענעם לאַנד, נאָר פאַר אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט, וואָס דאַרפען גערעטעט ווערען דורך אַסימיליאַציע.

מיר קאָנען זיך דאָ פערשפּאָרען די מיה, צו שילדערן די פּסי־כאָלאָגיע פון דעם אַסימיליאַטאָר אין אַלע זיינע איינצעלהייטען. איך וויל נאָר דאָ אויפווייזען אויף איין פעהלער, וואָס ער מאַכט.

ער האָט זיך איינגעשמועסט, אַז מען האָט אונז די גאַנצע צייט פערפאָלגט נאָר דערפאַר, וואָס מיר האָבען געלעבט איזאָלירט צווי־שען די אַנדערע פעלקער, ווי אַ „שטאַאט אין אַ שטאַאט". ער איז איינגעגלויבט, אַז אין'ם גן־עדן פון גלייכע רעכט האָט מען אונז אריינגעלאָזען נאָר אויף דעם תנאי, אַז מיר זאָגען זיך אָב פון אונ־זער אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און פון אַלע האָפנונגען אויף אַ זעלבסטשטענדיגען נאַציאָנאַלען לעבען אין דער צוקונפט. און מיר ווערען מיט לייב און נשמה אַ טייל פון יענעם פאָלק, צווי־שען וועלכען מיר לעבען.

און ער ציטערט, טאָמער וועט אַ זעלבסטשטענדיגע אידישע ארויסטרעטונג ארויסרופען ביי דעם הערשענדען פאָלק אַ חשד, אַז מיר זענען ניט איבערגעגעבען צ איהם מיט'ן גאַנצען הארצען, אַז מיר זענען ניט אַבסאָלוט טריי צו זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסען, אַז מיר ליעבען איהם ניט מיט'ן גאַנצען הארצען.

אָט פאַר וואָס די אַסימילירטע אידען פון דער „רעפאָרם־סי־נאַגאָגע" זענען אומעטום „פּליו ראָיאַליסט קע ליע ראָא", נאָך קע־

ניג'ס-טרייער, איידער דער קעניג אליין. זיי זענען דייטשער איידער די דייטשען, פראנצויזישער, איידער די פראנצויזען און אמעריקאַ־נישער, איידער די אמעריקאנער. און אַט פאר וואָס אויך הערר סולצבערגער איז געווען אזוי אויפגערעגט, ווען ער האָט גערעדט וועגען דעם קאָנגרעס, ווי אַ „שטאַאַט אין אַ שטאַאַט".

די אסימיליאַטאָרען בעמערקען אָבער ניט, אז מיט זייער „צו־פיעל־ליעבע" רופען זיי ניט־ווילענדיג ארוים אַ חשד, אז זייערע פאַטריאָטישע געפיהלען זענען מעהר אויסגע'פלפול'ט מיט'ן הארצען. בפרט רעכען איך, איז דאָס אמת בנוגע צו דער אמעריקאַנער עפענטליכער מיינונג. זי איז גאָר ניט געוועהנט דערצו, אז עמיגראַנטען וואָס קומען אהער, זאָלען אין גאַנצען פערליערען זייער צוגעבונדענקייט צו די פעלקער, צו וועלכע זיי האָבען געהערט.

קיין פערנינפטיגער אמעריקאנער האָט ניט ערווארט און האָט ניט געהאַט רעכט צו ערווארטען, אז די איירישע, צ. ב., וועלען אויפהערען צו זיין איירישע, וויבאַלד זיי זענען אמעריקאנער, און וועלען אויפהערען צו קעמפען פאַר דער פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט פון זייער פאָלק און זייער לאַנד. און דאָס אייגענע איז אויך מיט אַלע אַנדערע פעלקער. קיין אמעריקאנער ווערט דאָ ניט בעליידיגט אין זיינע נאַציאָנאַלע געפיהלען, ווען ער דערוויסט זיך, אז די פינלענדער און די פוילען און די ליטווינער, און די וועלשען, האָבען דאָ אין לאַנד ניט אויפגעגעבען ניט זייער שפּראַך, ניט זייער קולטור, ניט זייער צוגעהעריגקייט צו יענע פ ע ל ־ ק ע ר, פון וועלכע זיי שטאַמען.

עס איז נאָך איבערהויפּט ניט אָבגעמאַכט אויף אייביג, וואָס פאַר אַ טיפּ פּאָליטישע נאַציע די שטאַאַטען וועלען פאָרשטעלען מיט זיך אין דער צוקונפט: אַ נאַציע מיט אַן איינהייטליכער שפּראַך און קולטור ווי פראַנקרייך, איטאַליע, ענגלאַנד אָדער אַ פ ע ל ק ע ר ־ פ ע ר ב א נ ד, ווי שווייצאַריע, בעלגיע און עסטרייך; אַלץ, וואָס דער אמעריקאנער פערלאַנגט איצטער איז נאָר די איבערגעבענקייט און טרייקייט צו די פרייהייטליכע אינסטיטוציעס פון זיין לאַנד.

עס קומט איהם אָבער ניט אַרויף אויפ'ן זין צו פערלאַנגען פון די פעלקער, וואָס געהן אַריין אין זיין פערבאַנד, זיי זאָלען זיך

אָבזאָגען פון זייער אייגענער אינדיווידואַליטעט, און נאָך ווייניגער קען ער קוקען קרום אויף די פעלקער, וואָס נעהמען אַזוי צום הארצען דעם גורל פון זייערע ברידער אויף יענער זייט ים.

אדרבה, ער מוז דאָס בעטראַכטען, ווי די נאַטירליכסטע זאַך אין דער וועלט, וואָס די אירישע נוצען אויס אָדער האָבען אויסגע־נוצט זייער גינסטיגע לאַגע אין אַמעריקא, כדי צו העלפען דעם אירישען פאָלק אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע; וואָס די פינלענדער, פוילען און ליטווינער טהוען דאָס אייגענע אין די אינטערעסען פון זייער נאַציאָנאַלען קאַמף. און ער קאָן אין דעם פּרט ניט מאַכען קיין אויסנאַהם פאַר דעם אידישען פאָלק, ווייל ער, דער אַמעריקאַנער, ווייס ניט פון יענע פאַנטאַזיעס, מיט וועלכע דער אידישער אַסימיליאַטאָר טראָגט זיך ארום און וואָס זאָגען, אז דאָס אידישע פאָלק איז ניט קיין אידיש פאָלק.

ער זעהט פאַר זיך אַ טייל אידען, קינדער פון אַ בעשטימטען פאָלק, וואָס ווילען פון זייער פאָלקס־הויט ארויסשפּרינגען, כדי צו בעווייזען זייער שקלאַפישע פערליעבמקייט אין דעם הערשענדען פאָלק. און אָט דאָס וועלען פון־הויט־ארויסשפּרינגען ווירקט אַ בי־סעל אָבקיהלענד, און דערוועקט ניט־ווילענדיג אַ ביסעל חשד אין דער ערנסטקייט פון אַזאַ ווילען אָדער אין דער חשיבות פון אַזאַ פאָלק.

דער טעות, וואָס די העררן פון דעם „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע" מאַכען, ליעגט, נאָך מיין מיינונג נאָך, אין דעם, ויאָס זיי מיינען, אז די אַמעריקאַנער וועלען פאַראיבעל האָבען, ווען זיי וועלען זיך צו אָפען און צו שטאַרק סאָלידאַריזירען מיט דעם אי־דישען פאָלק, ווי אַ פאָלק. דער אמת אָבער איז, אז נאָר יעמאָלט וועלען די אַמעריקאַנער אידען געוואונען דעם פולען רעספּעקט פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, ווען זיי וועלען אָנהויבען ליעבען אַמעריקא מיט דער זעלביגער נאַטירליכער ליעבע, ווי אַלע אַנדערע איינגע־וואַנדערטע פעלקער; מיט דערזעלביגער און ניט מיט קיין גרע־סערער, ווייל אַ גרעסערע ווערט ניט פערלאַנגט און ווירקט אביסעל צודרינגליך; מיט אַ נאַטירליכער און ניט קיין היסטערישער, ווייל אַ היסטערישע ליעבע ווירקט אביסעל אבשטויסענד....

די אַמעריקאַנער אידען האָבען דעריבער ווירקליך ניט וואָס

ד״ר. ח. זשיטלאָווסקי

מורא צו האָבען פאר א אידישען קאָנגרעס, אפילו ווען אויף איהם זאָל קלאָר ארויסטרעטען אונזער איבערגעבענקייט צו די נאציאָ־נאַלע אינטערעסען פון דעם אידישען פאָלק. זיי קענען גאָר ניט ניט פערליערען דערביי און געווינען קאָנען זיי עפּיס אזוינס, וואָס איז קיין מאָל ניט קיין איבעריגע זאך: דעם פולען רעספּעקט פון יעדען מענשען, וואָס ליעבט פרייהייט און גערעכטיגקייט, און סימ־פּאטיזירט מיט א פאָלק אין צער.

6טען מאי, 1915.

דער קאָנגרעס און די „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע“.

די קאָנגרעס־פראגע איז איצטער געוואָרען א צענטראלע אין דעם עפענטליכען לעבען פון אונזער פאָלק אין אמעריקא. וועט ער צונויפגערופען ווערען? פון וועמען הענגט דאָס אָב? וואָס זאָל זיין זיין אויפגאבע?

די פארשפרייטסטע מיינונג איז, אז דער צונויפרוף פונ׳ם קאָנגרעס הענגט אָב פון דער „אמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע“, און א סך ווארטען מיט אונגעדולדיגער שפאנונג אויף זיין בעשלוס. דאָס איז אָבער א גרויסער טעות. די לעזונג פון דער פראגע הענגט אָב ניט פון איהם, נאָר פון אונזער אייגענעם ווילען.

מיר זענען דאָ פרייע בירגער אין א פרייען לאנד. מיר מעגען טהאָן אלץ וואָס מיר ווילען און וואָס מיר קאָנען, אויב דאָס וואָס מיר טהוען געהט ניט להיפך צו די געזעצען פונ׳ם לאנד און אויך ניט להיפך צו יענע פרינציפען פון פרייהייט און גערעכטיגקייט, וועלכע דער אמעריקאנער פראָגרעס פערווירקליכט ביסלעכווייז אין דעם עפענטליכען לעבען. עס זענען ניטאָ קיין אנדערע אויבער־הארען איבער אונז, א חוץ די, וואָס מיר קלייבען אליין אויס און אין וועמעס האנד מיר לעגען אליין אריין א געוויסע מאכט, וואָס זיי קומט לפי דעם געזעץ אָדער לפי דעם פרייוויליגען אָבמאך מיט אונז.

די "אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע" האָט דורך קיין געזעץ אינ׳ם לאנד אָדער אין דעם שטאַאט ניט בעקומען די מאכט צו בעשטימען פאר אונז, וואָס מיר זאָלען טהאָן אָדער ניט טהאָן. אין קיין עפענטליכער פערזאמלונג האָבען מיר איהם, דורך א פרייווי־ליגען אָבמאך און בעשלוס, קיינמאָל ניט בעפאָלמעכטיגט ארויס־ארויסצוטרעטען אין אונזער נאָמען אָדער צו אָרגאניזירען אונזערע ארויסטרעטונגען.

זאָגען, אז די „אמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע" האָט א וועל־כען עס איז רעכט צו בעשטימען אונזער ווילען, אז אונזערע האנד־לונגען דאַרפען אָבהענגען פון זיין בעשלוס, וואָלט הייסען צוגעבען, אז אין אונזער פרייען לאַנד קאָן איין גרופּע מענשען ארויף שפּרינ־גען פון העלער הויט אויף דעם נאַקען פון אן אנדער גרופּע, אריינ־לעגען איהר א צוים אין מויל, און קירעווען זי, ווי א שקאַפּע, וואוהין איהר וועט זיך פערגלוסטען. דאָס וואָלט געהייסען בעגעהען זיך מעשה־גזלן מיט דעם פּשוט'ען שכל הישר.

דאָס וואָלט געהייסען צוגעבען, אז אין אמעריקא קאָן געשאַ־פען ווערען „א שטאַאט אין א שטאַאט„ — א געדאַנק, פאַר וועל־כען די „אמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע" אליין האָט גענוג גרונד צו ציטערן. און דערצו וואָלט דאָס נאָך געווען א טיראַניש־אליגאַרכי־שער שטאַאט אין א דעמאָקראַטיש־פרייען שטאַאט, — אן אומגע־לומפּערטער ווידערשפּרוך, וואָס קאָן זיך על פּי שכל ניט האַלטען אפילו א רגע.

פּאַרשטעלען די זאַך אַזוי, אַקוראַט ווי מיר וואָלטען דאַרפען קעמפּפען מיט דעם „דזשואיש קאָמיטע" פאַר דער צונויפרופונג פון דעם קאָנגרעס, בעטען זיך ביי איהם אָדער רוגז'ן זיך מיט איהם אָדער דראָהען איהם אָדער וועלען צ ו ו י נ ג ע ן איהם צו טהאָן, אַזוינס וואָס עס וויל ניט, — „קעמפּפען פאַר א קאָנסטיטוציע", ווי דאָס האָט ניט לאַנג פאָרמולירט איינער פון אונזערע שאַרפזי־ניגסטע און קלאָהר־זעהענדסטע פּובליציסטען, — וואָלט געהייסען צושרייבען דער „א. דזש. ק." אַזא ראָליע אין דעם אידישען לעבען, פון וועלכער ער אליין דאַרף זיך אָבטרייסלען מיט הענד און פיס.

די "אמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע" איז א פּרייוויליגע פּריי־וואַטע גרופּע פון אמעריקאַנישע בירגער, וואָס האָט זיך, לויט דעם אייגענעם ווילען, פערשטאַנד און גוט הארץ, אַוועקגעשטעלט די אויפגאַבע צו אַרבייטען לטובת דעם פאָלק ישראל. און כל זמן ער פערשטעהט אליין, אז ער איז א פּריוואַטע, פּרייוויליגע גרופּע און כל זמן ער האַלט זיך אנשטענדיג אין יענע גרעניצען, וואָס א פּריי־וואַטע, פּרייוויליגע גרופּע קאָן האָבען, טאָר קיינער איהם ניט פער־וועהרען צו טהאָן זיין אַרבייט, אָבער קיינער איז אויך ניט מחויב צו רעכנען זיך מיט זיין מיינונג.

די וויכטיגסטע ראָליע, וואָס דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע“ שפּיעלט אין אונזער לעבען, די שטאַרקע מאַכט, וואָס ליגט אין זיינע הענד, איז אויסגעוואַקסען פון יענעם מאָראַלישען רעספּעקט, וואָס ער האָט פערדיענט ביי אונז פאַר אַ גרויסען טייל פון זיין אַרבייט. דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, אַז זיין מאַכט גרייכט ניט ווייטער, איידער אונזער מאָראַלישער רעספּעקט, אונזער שטיל־שווייגענדער הסכם צו דעם וואָס ער טהוט. אָבער אויב מיר זענען מסכים מיט איהם און עהרען איהם און דאַנקען איהם פאַר געוויסע אַרבייטען, וואָס ער האָט געטהאָן פאַר אונז, האָבען מיר דורך דעם נאָך בשום אופן ניט אַרויסגעגעבען איהם קיין שטר־מכירה אויף אונזער ווילען און פרייהייט, אפילו ניט אויף אונזער מאָראַלישען רעספּעקט פאַר זיין ווייטערדיגער אויפיהרונג.

דאָס האָט בעדאַרפט זיין קלאָר פאַר יעדען איינעם פון אונז, ווי דאָס איז האָפענטליך קלאָר פאַר יעדען איינעם פון דעם „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע“.

מיר ווילען גריילעך, גריילעך, מיט'ן גאַנצען הארצען, ער זאָל קומען צו אונז און זיך מיט אונז בעטייליגען אין דער אָרגאַניזירונג פון דעם אידיש־אַמעריקאַנישען קאָנגרעס, און זאָל ער שפּיעלען אין איהם יענע ראָליע, וואָס איהם קומט פאַר זיין אינטעלעקטועלער און עטישער קראַפט, פאַר דעם גראַד פון איבערגעבענקייט, וואָס ער וועט אַרויסווייזען צו די אינטערעסען פון אונזער פאָלק.

אָבער אויב ער זאָגט, אַז ער קאָן אין אַזאַ קאָנגרעס ניט נעה־מען קיין אַנטייל, ווייל ער זעהט אין איהם מעהר שאָדען, איידער נוצען פאַר אונזער פאָלק, קאָנען מיר נאָר בעדויערען זיין פּאָליטישע בלינדקייט, אָבער קיין טענות צו איהם קאָנען מיר ניט האָבען, און מאָהנען פון איהם האָבען מיר גאָר נישט ניט, וואָס צו מאָהנען. ער וויל ניט געהן צו אונז און מיט אונז, זאָל ער זיצען אין דער־היים, און מיר וועלען טהאָן אונזערס.

דאָס געזאָגטע איז, דוכט מיר, אַזוי קלאָר, אַזוי פּשוט, דער אמת דערפון איז אַזוי בולט, אַזוי לייכט אָנצוטאַפּען מיט די פינ־גער, אַז מען מוז זיך ווירקליך וואונדערן, ווי אַזוי פרייע מענשען מיט קלאָרע קעפּ קאָנען קוקען דאַרויף אַנדערש.

ליידער איז עס שוין אָבער אַזוי, אַז דאָס איינפאַכע, פּשוט'ע

און קלאָרע בעוויזט זיך ערשט זעהר שפּעט פאַר אונזערע אויגען. אַ פריהער זעהען מיר דוקא דאָס פערדרעהטע און פערפּלאָנטער־טע. און ווי מיר קוקען, אזוי לעבען מיר (אָדער: „ווי מיר לעבען, אזוי קוקען מיר?"). די איינפאכע, פּשוט'ע און קלאָרע יסודות פון אַ געזונדען, נאָרמאַלען פּאָליטישען און סאָציאַלען לעבען ווע־לען ערשט אריינגעפיהרט ווערען אין דער געזעלשאַפט, נאָך דעם ווי דורות און דורות וועלען זיך האָבען געוואָרגען און געשטיקט אין אומגעלומפּערטע, נאַרישע און פערברעכערישע פאָרמען פון אונזער סאָציאַלען און פּאָליטישען פיהר.

דאָס איז לײדער אויך אֶמת בנוגע צו די בעציהונגען, וואָס הערשען צווישען דער אידישער עפענטליכקייט און דעם "אמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע".

עס איז אַן אומגעלומפּערטער ווידערשפּרוך, אַז עס זאָל איין רגע זיך קאָנען האַלטען אַ טיראַניש־אָליגאַרכישע קהל־ווירטשאַפט אין אַ פרייהייטליך־דעמאָקראַטישען שטאַאַט. אָבער דוקא, ווייל עס איז אַן אומגעלומפּערטער ווידערשפּרוך, האָט דאָס אַ סך שאַנ־סען פאַנאַנדערצוּוויקלען זיך בהרחבה אין אונזער לעבען, ווי אין זיין פּאָטערס ווייגגאָרטען, און ווערגען אונז און דריקען אונז אזוי לאַנג... ביז עס וועט פּלוצלונג פערשוואונדען ווערען דער נעפּעל פון אונזערע אויגען, און מיר וועלען פּלוצלונג איינזעהען, אַז די אומגעלומפּערטע פערזעהעניש האָט נאָך לכתחילה ניט געהאַט קיין רעכט אריבערצוטרעטען דעם שוועל פון אונזער לעבען.

די „אמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע" פיהרט זיך אָפטמאָל אויף בנוגע צו אונז, אַקוראַט ווי מיר וואָלטען דאָ באמת געוועזען „אַ שטאַאַט אין אַ שטאַאַט", און ער איז דער געזאַלבטער הערשער אין איהם. און מיר ווידער מאַכען אָפט מאָל אַזעלכע מיאוסע האוואַיעס פון אונטערטהעניגקייט און הכנעה צו איהם, אַז דער דרויסענשטעהענדער מוז אַן אַנדערש מאָל מיינען, מיר האָבען דאָ אין לאַנד באמת אונזער אייגענע, אַ פערבעהאַלטענע רעגירונג, וואָס האָט אַ רעכט צו פיהרען אַ ממשלה איבער אונז.

די דאָזיגע אומגעלומפּערטע לאַגע, איז ערשטענס אויפגע־בויט אויף אַ קאָלאָסאַלען שקר: מיר זענען פּאָליטיש אַלע פרייע אמעריקאַנער בירגער, און קיינער פון אונז קאָן ניט זיין מעהר

יחסן, איידער דער אַנדערער. און צווייטענס, קאָן זיך חלילה פיה־רען צו מיספערשטענדניסען, — אָדער ווי דער טייטש זאָגט: צו „מאוס'ע פערשטענדניסען" — אויף ביידע צדדים. מיר קאָנען זיך חלילה איינגעוועהנען צו קוקען אויף דער פּריווילינ־פּריוואַ־טער גרופּע פון מענשען, וואָס רופט זיך די „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע", ווי אויף אַן אינסטיטוט, וואָס האָט על פי דין אַ רעכט צו זיין דער אויסדריקער און אויספיהרער פון אונזער עפענטליכען ווילען. און יענע גרופּע מענשען קאָנען זיך חלילה איינשמועסען, אַז אויף איהר איז אַרויפגעוואָרפען געוואָרען דער חוב האַלטען אין איין זאָרגען און טראַכטען, ווי אַזוי צו טהאָן וואָס מעהר גוטס פאר די אַמעריקאַנער אידען און פאר די אידען פון דער גאַנצער וועלט, און אַז דערביי דאַרף זי אַכטונג געבען אויף אונזער יעדען טריט און שריט, מיר זאָלען, חס ושלום, ניט אָנטהאָן קיין שאָדען זיך אליין.

אָבער עס איז דאָך שוין צייט, אַז די נעפּלען זאָלען פערשווינ־דען, אַז די אומגעלומפּערטקייט פון דער לאַגע זאָל זיך אָנהויבען ווארפען יעדען איינעם אין די אויגען, אַז די „מאוס'ע פערשטענ־דעניסען" זאָלען איין מאָל פאר אלע מאָל אָבגעשאפט ווערען פון לעבען.

א ו ן צ ו ל י ע ב ד ע ם א ל י י ן א י ז ש ו י ן נ ו י ט י ג א ק א ָ נ ג ר ע ס.

וואָס עס זאָלען ניט זיין זיינע אויפגאַבען אין דעם איצטיגען שווערען מאָמענט, וואָס עס זאָלען ניט זיין די רעזולטאַטען, צו וועלכע ער וועט קומען, צוליעב איין זאַך איז ער געוועס נויטיג, ווי אין לעבען, און איין רעזולטאַט מוז געוויס אַרויסגעהן פון איהם אַזוי קלאָהר, ווי דער טאָג: אַז ניט מיר האָבען אויף יענער פּריווילינער — פּריוואַטער גרופּע מענשען אַרויפגעוואָרפען דעם שווערען חוב צו זאָרגען פאר אונז און די אונגעהייער ערנסטע אחריות, וואָס איז פערבונדען מיט אַזאַ חוב. און קוים וועט דאָס קלאָהר ווערען פאר אלעמען, וועלען מיר יעמאָלט וויסען, אַז ניט מיר האָבען עפּעס, וואָס צו מאָהנען פון דער „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע" און ניט ער קען האָבען וועלכע עס איז טענות צו אונז. אויב אָבער עס וועט זיך אַרויסשטעלען, אַז מ י ר דאַרפען

האָבען אַ אידיש־אַמעריקאַנישען קאָמיטעט, וואָס זאָל תמיד שטעהן אויף דער וואַך פון אונזערע אינטערעסען אומעטום, — און עס איז גאָר קיין ברעקעל ספק ניט, אַז אַזאַ נויטווענדיגקייט איז דאָ, — וועלען מ י ר, דורך אונזערע פרייוויליג־געוועהלטע פערטרעטער צו דעם קאָנגרעס פרייוויליג אַזאַ קאָמיטעט אויסקלייבען און מיר וועלען דורך אַ פרייוויליגען אָבמאַך און בעשלום אַריינלעגען אין זיינע הענט יענע מאַכט, וועלכע מ י ר וועלען געפינען פאַר נויטיג צו געבען איהם און אונטער אַזעלכע בעדינגונגען, וואָס מ י ר וועלען אויסאַרבייטען, לויט אונזערע אינטערעסען.

אויב די זעהר חשוב'ע ברידער אונזערע, וואָס האָבען געביל־דעט דעם "אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטעט", וועלען נעהמען אויף זיך די גרויסע אחריות צו דיענען אין אַזאַ אויסגעקליבענעם קאָ־מיטעט, — אַ גרויסע אחריות וואָס איז אָבער פערבונדען מיט דעם גרעסטען כבוד, וואָס די אַמעריקאַנער אידענשאַפט קאָן אָנטהאָן צו איהרע מיטגליעדער, — אויב זיי וועלען זיין יענער אָפיציעלער קאָמיטעט, אויסגעקליבען און בעפאָלמעכטיגט פונ'ם קאָנגרעס,— וועט פאַר זיי ניט בלייבען קיין אַנדער וועג, ווי נאָר — אַנטייל נעהמען אין דעם קאָנגרעס און אַרויסשטעלען זייערע קאַנדידאַטען.

עס איז קוים דאָ אַ פּלאַץ פאַר אַ וועלכען עס איז ספק, אַז די גרויסע פערדיענסטען, וואָס יענע ברידער אונזערע האָבען אויפ־צואווייזען אין זייער פערגאַנגענער אַרבייט, וועלען זיין אַ שטאַר־קער מליץ־יושר פאַר זייער אויסוואַהל אין דעם נייען „אידיש־אַמע־ריקאַנישען קאָמיטעט".

על־כל־פּנים איז קלאָר, אַז ניט פון דעם "אַמעריקאַן דזשיאיש קאָמיטעט" דאַרף אָבהענגען די פראַגע, צי עס זאָל צונויפגערופען ווערען אַ קאָנגרעס, אָדער ניט. אין דער אמת'ען הענגט דער ענט־פער אויף דער פראַגע אָב פ ו ן א ו נ ז ע ר א י י ג ע נ ע ם ו ו י ל ע ן. און עס בלייבט נאָר אָבצוּוואַרטען און צוצוזעהען, צי האָט דער יונגער אָרגאַניזם פון דער אַמעריקאַנער אידענשאַפט שוין דערגרייכט יענע יאָהרען, ווען אין אַ געזעלשאַפטליכען אָרגאַ־ניזם וואַקסט אויס אַן אייגענער ווילען.

4טען מאַי, 1915.

דער בעפעהל פון דער צייט.

די געשיכטע האט איהרע וואכעדיגע פעריאדען, ווען דאס לעבען געהט זיך זיין געוועהנליכען גאנג, לויט דעם אלגעמיינעם קלארען „שכל הישר“, וועלכען מען האט אריבערגענומען פון די טאטעס און די זיידעס; ווען אלע פארמען פון דעם לעבען, — די פאליטישע, סאציאלע און נאציאנאלע, — אלע בעציהונגען צווישען מענש און מענש, צווישען פאלק און פאלק זענען פערגליווערט, ווי פעלזענע בערג; ווען די ארבייט פון דעם פראגרעס בעשטעהט אין איין האקען און קראצען דעם פעלזענעם שטיין, כדי אביסעל ברייטער צו מאכען די לעבענס־פארמען, וואס ענגען אונז איין; ווען אויך די ארבייט מוז געפיהרט ווערען אונטער א שטענדיגען קאמף אנטקעגען די, וואס האבען אויפגעבויט זייערע פעסטונגען אויף די פעלזענע בערג און ציטערן, מיר זאלען ניט אונטערגראבען דעם יסוד פון זייער זיין; ווען דאס רוב קאן מעהר ניט, ווי לאכען פון יענע משוגע׳נע אידעאליסטען וואס ווילען מיט זייערע קעפ דורכברעכען די שטיינערנע ווענד אדער אויף פאנטאסטישע פליגלען אריבערפליהען איבער זיי.

די וואכעדיגע פעריאדען זענען די אפטסטע אין דעם לעבען פון דער מענשהייט, אבער פון צייט צו צייט טרייסעלט די גע־שיכטע אראב פון זיך דעם שטויב פון דער טאג־טעגליכקייט; עס טרעטען אריין יום־טוב׳דיגע עפאכען, ווען די פערבארגענע כוחות פון דעם מענשליכען פראגרעס האבען אנגעזאמעלט א וואולקאנישע היץ אין דער טיעף, וואס רייסט אויף דעם פערגליווערטען איבער־דעק פון דעם לעבען און שפארט האסטיג ארויס אין פייער־שטרא־מען פון צושמאלצענע מאסען; ווען דאס, וואס איז פריהער געווען קאלטער, פערגליווערטער, טויטער פעלזען־שטיין ווערט צוגליהט און צופלאסען אין א לעבעדיגען, ברענענדיגען פלוס, וואס קאן אריינגעגאסען ווערען אין נ י י ע פארמען און אומגעריכטער־

חייך פערווירקליכען יענע חלומות פון דעם אידעאַליסט און דעם פאַנאַטיסט, אויך וועלכע דער „שכל הישר“ האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט קוקען, ווי גאָר אויף בעשיינפערליך משוגע׳נע אונמעגליכ־קייטען.

דאָס זענען די פעריאָדען פון גרויסע רעוואָלוציאָנען, וואָס אין זיי ווערען אומגעגאָסען די פאָרמען פון דעם לעבען; די צייטען פון „אומבעגרענצטע מעגליכקייטען“, וואָס האָבען נאָר איצטער אַ שאַנס צו ווערען אַ ווירקליכקייט.

עס ווייזט אויס, אַז דער איצטיגער וועלט־קריעג האָט אַ סך פון יענעם רעוואָלוציאָנערען, וואולקאַנישען פייער אין זיך, וואָס דאַרף צושמעלצען די אַלטע שטיינערנע פעלזען און אַריין גיעסען זיי אין נייע פאָרמען; וואָס בעשאַפט אומבעגרעניצטע מעגליכקייטען אויב ניט פאַר נייע בעציעהונגען צווישען מענש און מענש, איז פאַר נייע לעבענס־פאָרמען צווישען פאָלק און פאָלק; פאַר דער פערווירקליכונג פון יענע בענקשאַפטען, וואָס האָבען געלאָדערט אין זייער טיעף.

עס קאָן זיין, פוילען וועט אויפשטעהן תחית־המתים; עס קאָן זיין, טשעכיע וועט ווערען אַ זעלבסטשטענדיגע מדינה; עס קאָן זיין, איטאַליע וועט ווערען פעראייניגט; עס קאָן זיין, אַז רומעניע וועט האָבען אַלע איהרע פראָווינצען ביי זיך אין דער היים; אַז די ניט־אונגאַרישע פעלקער אין אונגאַרן וועלען אָראָבשלייערען פון זיך דעם פרעמדען מאַדיאַרישען יאָך; אַז טיראָל וועט זיך פעראיי־ניגען מיט דייטשלאַנד; אַז עסטרייך, — דאָס אומגעלומפערטע עסטרייך, — וועט פערשווינדען פון דער ערד.

עס איז קלאָר, אַז צו אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע צייטען פון שטורעמדיגען „ו ו ע ר ע ן“ קאָן מען ניט צוטרעטען מיט דעם וואָכעדיגען מאַסשטאַב פון דעם פריעדליכען זיין. מען מוז דעם אַל־טען „שכל הישר“, מיט זיין לאָגיש אבסאָלוט ריכטיגען חשבון, וואָס עס קאָן זיין און וואָס עס קאָן ניט זיין, פערפאַקען אין שופלאָד; מען מוז זיך צוהערען צו דער נ י י ע ר לאָגיק, וואָס ברויזט אין נייע "אונמעגליכע„ פאַקטען.

דאָס איז אמת פאַר אַלע פעלקער, וואָס זענען ארומגעכאַפט מיט די פלאַמען פון קריעג; דאָס איז אויך אמת בנוגע צו אונזער

איינענעם פאלק, צו דעם פראבלעם פון זיין גאנצער און פולער בע־פרייאונג, פון זיין נאציאנאלער ווידערבעלעבונג אין דעם לאנד פון אונזערע אבות.

דער ציוניזם פ א ר דעם קריעג, דער וואכעדיגער ציוניזם פון דער וואכעדיגער צייט, איז איין זאך, און דער אידישער קאמף פאר ארץ ישראל אין דער צייט פון „אומבעגרעניצטע מעגליכקיי־טען" איז א גאנץ אנדער זאך.

די ציוניסטישע ארבייט, וואס האט זיך טראפענווייז געטהאן אין ארץ־ישראל פאר דעם קריעג, האט ביי יעדען ניכטערען, פראג־רעסיוו־נאציאנאלען פאליטיקער ניט נאר ניט געקאנט ארויסרופען קיין התלהבות צו זיך. זי האט געמוזט, מחמת א סך טעמים, וויר־קען אבשטויסענד, ווי א מעהר שעדליכע, איידער ניצליכע זאך.

דער, וואס האט יענע ארבייט בעטראכט מיט די ניכטערע אויגען פון א רעאל־פאליטיקער, פריי פון פאנטאסטישער ראמאנ־טיק, ניט געגלויבט אין יעדען „יע", אנטקעגען וועלכען מען קאן ארויסשטעלען זיעבען „ניין׳ס" און נאר אבגעוואויגען די ארבייט, וואס ווערט ווירקליך געטהאן, און די שאנסען, וואס זענען ווירקליך פארהאן, — דער האט געמוזט בעקומען פון איהר אזא מין, שוין גאר ניט קיין געהויבענעם בילד:

א לפי ערך קליינע גרופע מענשען האט זיך אוועקגעשטעלט פאר איהר ציעל, אויפצובויען אין אן ארעמען חרוב׳ען לאנד א נייע ארט מענשליכע קולטור, — א ה ע ב ר ע א י ש ע, — אין וועלכער די גרויסע מאסען פון אונזער פאלק נויטיגען זיך ניט, אין וועלכער קיינער קאן ניט זיין פעראינטערעסירט, א חוץ יענער קליינער גרופע מענשען אליין. זי האפט דאס צו דערגרייכען אויף דעם וועג פון א קליינער קאלאניזאציע מיט גרויסע קרבנות. אין שמיענדיגע שטרייטיגקייטען און רויבערייען מיט די דארטיגע איינ־וואוינער, די אראבער. אין א שטענדיג־בעוואפענטען צושטאנד אנטקעגען זיי; אהן א טשארטער, וואס זאל די אידען געבען בע־שטימטע, פערבריעפטע רעכט און וואס זאל פאנאנדערגרעניצען די מאכט־ספערען און די רעכט־ספערען פון די אידען און די אראבער; אונטער דעם שוץ פון די טערקישע געזעצען, פון דער טערקי־שער אויבער־הערשאפט, ווען מען עס קאן לוינען צו האבען א בע־

שטימטע צאָהל אידען אין לאַנד, ווי א בייטש אויף די אונטער־יאָכטע אראבישע שבטים.

אזא אידעאל קאַן מקוים ווערען אין ליליפוטאנישע מאָסען; אידען קאָנען ווערען א בייטש אויף דעם אראבער אין די הענד פון דער טערקישער הערשאפט; די אָפּפער, וואָס ווערען פערלאנגט פון דעם גאנצען אידישען פאָלק, קאָנען געבראכט ווערען. אָבער וואָס וואָלט דערפון געהאט דאָס אידישע פאָלק? דאָס אידישע פאָלק וואָלט דערפון געהאט נאָר דעם זיסען בעוואוסטזיין, אז ערגעץ־וואו אין א טערקישער פּראָווינץ לעבען א האלב־מיליאָן ביז א מיליאָן אידען, וואָס זאָגען „שור“ אנשטאט „אָקס“ און „זנב“ אנשטאט „עק“.

און אַט דער ליליפּוטאנער אידעאל האָט געפונען אין זיך דעם קוראזש אוועקצושטעלען זיך אין דעם צענטר פון דער אידישער נאציאָנאלער פּאָליטיק, פּאָדערן, אלץ זאָל געטהאָן ווערען פון זיינטוועגען, די פּראָבלעמען פון׳ם אידישען לעבען זאָלען זיך בויגען פאר די נויטען פון דעם העברעאישען שאַפען, די מיליאָנען אין גלות זאָלען טאנצען נאָך דער פייפעל פון די טויזענטער אין ארץ ישראל.

ניט נאָר דער „שכל הישר“ איז געווען אנטקעגען דעם אידעאל און אנטקעגען דער ארבייט צוליעב איהם. ער האָט געהאט נאָך אַן ערגערען פיינד אנטקעגען זיך: די נויטען און בעדערפנישען פון די אידישע מיליאָנען, פאר וועלכע עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ אין דער קליין־קאָלאָניזאציע, צווישען די בעוואַפענטע אראבישע בארבארען, אונטער דעם „שוץ“ פון דער בארבארישער טערקיי.

דער ציוניזם וואָלט געקענט זיך אויסגלייכען מיט זיין פיינד, ער וואָלט געקאָנט ווערען דער אידעאל פון׳ם פאָלק, ווען ער וואָלט געהאט די מעגליכקייט, געבויט צו ווערען אויף גאנץ אַנדערע, ברייטערע און זיכערע יסודות: אויף די יסודות פון א פּאָליטישען טשארטער אויף די ווייטע, נאָך ניט בעזעצטע אָדער שוואך בעזעצטע שטרעקעס לאנד אין „פּאַלעסטינא און די נאכבאר־לענדער“ (ארץ ישראל, סיריע און מעסאפּאטאמיע); אויף די יסודות פון א נערענגעלטען אָבמאך מיט די אראבער, וואָס זאָל פאָנאנדערגרעניצען און בעשטימען אונזערע ביידענס מאכט־ספערען און רעכט־

ספערען; אויף די יסודות פון א פולער פאָליטישער זעלבסט־שטענדיגקייט פאר דעם אידישען פאָלק; פון א גרויסער פאָלקס־עמיגראציע, וואָס זאָל שוין געבען בעשעפטיגונג די גרויסע מאסען ביי די ארבייטען פון דער קולטורעלער ווידערבעלעבונג פון דעם לאנד, אָנגעפיהרט אויף א קאָלאָסאלען מאסשטאב מיט די קאָלאָסאלע מיטלען, וואָס דאָס אידישע פאָלק פערמאָגט; אויף די יסודות פון א ריין דעמאָקראטישער פערוואלטונג, וואָס זאָל גאראנטירען די פאָלקס־מאסען די מאכט, צו בויען אזא קולטור, אין אזא שפראך און אזא עפענטליכען לעבען, אין וועלכע זיי, די פאָלקס־מאסען, נויטיגען זיך. סאַי צוליעב דעם לעבען אויפ'ן אָרט, סאַי צוליעב זייער ווירקונג אויף דאָס קולטורעלע לעבען פון אלע אידען אויף דער גאנצער וועלט.

אָבער אזעלכע מעגליכקייטען האָט דער ציוניזם ניט געהאט; דער „שכל הישר" פון דער וואָכעדיגער, פרידליכער צייט האָט זיי ניט געקאָנט איינזעהען, און ער איז געווען גערעכט: די פעלזענע ניט איינצונעהמענדע בערג, וואָס זענען געשטאַנען אין וועג צו דעם אידעאַל, האָט מען ניט געקאָנט דורכשלאָגען מיט די איינענע קעפ, ווי היציג זיי זאָלען ניט זיין, ניט געקאָנט אריבערשפרייזען, סיידען אין דער פאנטאזיע און אין דעם חלום.

— ס'איז א חלום! — פלעגען זיך מודה זיין די בעסטע פון די ציוניסטען. אָבער ווי גרוים איז ער! ווי ערהאבען! מיר קאָנען ניט לעבען אָהן איהם.

— חלום'ט געזונטערהייד! — פלעגען מיר ענטפערן דערויף. אָבער רעדט ניט צו הויך פון שלאָף: איהר שטערט אונז אין אונזער אַרבייט. און זייט מוחל, געהט ניט אום „צום חלום": איהר פלאָנ־טערט זיך אונז אין די פיס.

אזוי האָבען מיר געמוזט יעמאָלט ענטפערן, אונטער דעם בעפעהל פון דעם שכל הישר, אונטער דעם בעפעהל פון די נויטען און ליידען פון אונזער פאָלק, וואָס האָט אונז פערוועהרט, מיר זאָלען קומען פער'חלום'טע צו איהם.

און מיר זענען געווען גערעכט — ביז צו דעם מאָמענט, ווען עס האָט נאָך געהערשט דאָס וואָכעדיגע לעבען, מיט דער וואָכעדי־

גער, פריעדליכער לאָגיק, מיט איהרע אייזערנע געזעצען וועגען דעם, וואָס מען קאָן און וואָס מען קאָן ניט.

איצטער האָט זיך די לאַגע איבערגעביטען. ארץ־ישראל איז אריינגעצויגען אין דעם וואולקאַנישען אויסברוך. דאָס אידישע פאָלק איז ארומגענומען מיט די פלאַמען פון דעם קריעג. די פעלזען־בערג, וואָס זענען געשטאַנען אויף דעם וועג צו דעם אידעאַל, זענען צושמאָלצען. זיי זענען א טייל פון יענער ברענענדיגער לאַווא, וואָס דארף אריינגעגאָסען ווערען אין נייע פאָרמען. אן אומבעגרענצ־טער האָריזאָנט האָט זיך געעפענט. וואָס איז געווען אונמעגליך, איז געוואָרען מעגליך, און שוין הערט מען פון אַלע זייטען אַלץ בעשטימטערע און בעשטימטערע רייד, — רייד, וואָס שטאַמען פון אווטאָריטאַטיווע קוועלען, פון שטאַאַטס־מענער און איינפלוס־רייכע דיפּלאָמאַטען, אז די פראַגע וועגען ארץ ישראל פאר דאָס אידישע פאָלק קאָן ערנסט אוועקגעשטעלט ווערען אויף דעם סדרי־היום אויף מאָרגען נאָך דעם קריעג.

עס וואָלט געווען אן אומדערקלערליכער וואונדער, ווען דאָס אידישע פאָלק וואָלט אינסטינקטיוו ניט דערשפּירט די ניי־געשאַ־פענע מעגליכקייט, יענע מעגליכקייט, וואָס טראָגט אין זיך גופא א בעפעהל פאר איהם, ער זאָל אָנווענדען אַלע זיינע קרעפ־טען כדי זי זאָל ווערען א ווירקליכקייט.

צו דער צאָהל מענשען, וואָס האָבען קלאָרער איידער א סך אַנדערע, און טיעפער, איידער א סך אַנדערע, דערפיהלט אין זיך יענעם בעפעהל פון דער צייט, געהערט דער בעריהמטער רוסיש־אידישער רעוואָלוציאָנער, פּ. רוטענבערג, וועמעס שריפט עס דארף ערשיינען די טעג אונטער דעם נאָמען: „די נאַ־ציאָנאַלע ווידערבעלעבונג פון דעם אידישען פאָלק". פּ. רוטענ־בערג טרעט ארויס דאָרטען מיט דער פאָדערונג, אז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך אָרגאַניזירען, ווי א געאייניגטער נאַציאָנאַלער קערפּער, און שוין איצטער אָנהויבען אָפיציעל צו פיהרען פער־האַנדלונגען מיט די פעראינטערעסירטע צדדים. די פערהאַנדלונ־גען דארפען האָבען צו זייער ציעל די צוויי וויטאַלסטע פּונקטען פון אונזער נאַציאָנאַלער ווידערבעלעבונג: די שאַפונג פון א אידי־שען שטאַאַט אין ארץ־ישראל און די עראָבערונג פון פולע נאַציאָ־

נאלע גלייכבערעכטיגונג פאר אידען אין אלע לענדער, וואו זיי וואוינען.

וועגען אט דעם נייען קעמפער פאר אידישער פרייהייט און וועגען זיין שריפט, וואס קאן מיט רעכט אוועקגעשטעלט ווערען גלייך נאך פינסקער „אויטא־עמאנסיפאציע" און דר. הערצל'ס „אי־דען־שטאאט", וועלען מיר רעדען אין דעם נעקסטען ארטיקעל.

20טען יון, 1915.

אַ נייער קעמפּער פאַר אידישער בעפרייאונג.

„די גרויסע נאַמענלאָזע ליידענספולע מאַסע פון אידישען פאָלק נויטיגט זיך ניט אין מיינע ראיות. מיט פיעל האָבען פיעלע פון אונז געזינדיגט געגען איהר. איך פערזענליך בויג איין טיעף מיין קאָפּ פאַר איהר און טהו תשובה אויף מיינע זינד געגען איהר. זי וויים: „יעדער טאָג האָט זיין פּלאָג“ און זי וועט מוחל זיין. אָבער פאַר די צוייפלענדע, זיך קווינקלענדע פון אונזערע אויבערשע שיכ־טען זאָל איך דיענען פאַר אַ כאַראַקטעריסטישען און בעלעהרענדען ביישפיעל, פאַר אַ זיכערען עדות, וואָס האָט אַלץ אויף זיין רוקען אריבערגעטראָגען, אַלץ מיט זיין אייגענער נשמה אויסגעוועהטיגט“.

אזוי שרייבט הערר פּ. רוטענבערג צו דעם סוף פון זיין שריפט: „די נאַציאָנאַלע ווידערלעבונג פון דעם אידישען פאָלק“, — דער שריפט, וועגען וועלכען איך האָב גערעדט אין מיין פריהעריגען אר־טיקעל: „דער בעפעהל פון דער צייט“.

ווער איז הערר רוטענבערג? מיט וואָס האָט ער זיך פערזינ־דיגט פאַר אונזער פאָלק און אויף וואָס טהוט ער תשובה? וועגען וואָס זאָגט ער עדות און — מיט וואָס קומט ער צו אונז

פאַר די, וואָס זענען נעהענטער בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, קאָן דער נאָמען פּ. רוטענבערג׳ס ניט קלינגען פרעמד.

אין דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור איז ער צום ערשטען מאָל דערמאָהנט געוואָרען אין פערבינדונג מיט דעם „רויטען זונ־טאָג“, יענעם געשיכטליכען טאָג, אין וועלכען די רוסישע ארבייטער־שאַפט האָט, אַזוי צו זאָגען, אָפיציעל פּראָקלאַמירט די רוסישע רע־וואָלוציע. אָנגעפיהרט פון דעם יונגען גלח, ג אַ פּ אָ ן, זענען אין יענעם טאָג, דעם 9־טען יאַנואַר, 1905, טויזענטער פון ארבייטער געגאַנגען מיט אַ פריעדליכער פּעטיציע צו דעם „צאַר־באַטיושקאַ“, „בעטענדיג“ פּאָליטישע פרייהייטען פאַר׳ן גאַנצען פּאָלק. דער

„צאַר" האָט, ווי יעדער געדענקט, געענטפערט אויף דער פריעדליכער דעמאָנסטראַציע מיט אַ שוידערליכער בלוט־באָד, און האָט מיט דעם גופא אַריינגעטריבען די פעטערבורגער אַרבייטערשאַפט און איהר פיהרער, גאַפּאָן, אין די רייהען פון דעם רעוואָלוציאָנערען קעמפענדען פּראָלעטאַריאַט.

פּ. רוטענבערג, יעמאָלט אַן אינזשעניער אויף אַ רוסישער פאַבריק, וואָס האָט געאַרבייט ווי אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער צווישען די אַרבייטער, איז מיט אַ פּאָר טעג פאַר דער דעמאָנסטראַציע בעקאַנט געוואָרען מיט גאַפּאָנען, איז געגאַנגען אין איינעם מיט איהם אין דער שפּיץ פון דער דעמאָנסטראַציע, איז אין איינעם מיט גאַפּאָנען געלעגען אויפ'ן גאַס אונטער די קוילען פון די קאַנאָנען און האָט זיך געראַטעט אין איינעם מיט איהם אין אַ דערבייאיגען הויף. פון דאָרטען האָבען זיי זיך אַריבערגעקליבען אין אַ זיכערען אָרט, וואו רוטענבערג האָט מיט זיין טאַשען־שערעל „פאַנאַנדערגעשאָרען" דעם גלח, פערוואַנדעלט איהם פון אַ „פּראַוואָסלאַוונעם פּאָפּ" אין אַ פריידענקענדען רעוואָלוציאָנערען פיהרער. דער ג י י ס ט י ג ע ר פיהרער אָבער פון גאַפּאָנ'ס רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען איז געווען פּ. רוטענבערג. די ערשטע צוויי פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע האָבען געטראָגען גאַפּאָנ'ס אונטערשריפט, זענען פערפאַסט געוואָרען פון רוטענבערג'ן, ער האָט געהאַט דערצו די פולע מאַכט פון גאַפּאָנען, וואָס האָט איהם איבערגעגעבען בלאַנקען, אונטערגעשריבענע מיט יענעמ'ס נאָמען: „דער פּריסטער געאָרגי גאַפּאָן".

די רעוואָלוציאָנערע אַרבייט האָטביידע פערבונדען אין אַן ענגער ברידערליכער פריינדשאַפט, און מען קאָן זיך גוט פאָרשטעלען, וואָס הערר רוטענבערג האָט געמוזט איבערלעבען, בעת ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין פריינד, זיין חבר, דער סימבאָל פון דער רוסישער פאָלקס־רעוואָלוציע, געפינט זיך אין ענגע, גאָר ניט קיין צווייזייטיגע בעציהונגען צו דער רוסישער זשאַנדאַרמעריע. און דערוואוסט האָט ער זיך וועגען דעם פון אַ גאַנץ זיכערע קוועלע: פון גאַפּאָנען אליין, וואָס האָט, אונטער דער מאַסקע פון טובת הכלל, אויך זיין פריינד געוואָלט אַריינשלעפּען אין דעם זעלבען שמוציגען זומף.

רוטענבערג האָט די גאַנצע אַנגעלעגענהייט איבערגעגעבען דעם

צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנע־רען, פון וועלכען ער האָט בעקומען דעם אויפטראַג, צו בעשטראָפען דעם פעררעטער. אין אַן איינזאַם־געלעגענעם לאַנד־הויז בעהאַלט ער אין אַ צימער אַ צאָהל רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער, פון גאַפּאָנ׳ס איבערגעבענע תלמידים און פערעהרער. אין דעם צימער דערביי פיהרט ער די אונטעררעדונגען מיט גאַפּאָנען וועגען די בעדינגונגען פון דעם פערראַט, און ווען פאַר די פערבאָרגענע עדות האָט שוין קיין ספק ניט געקאָנט זיין, פון דעם גלח׳ס אייגענע רייד, ווי טיעף ער איז געפאַלען און וואָס איז דער אמת׳ער כאַראַקטער פון זיין איצטיגער טהעטיגקייט, האָבען זיי זיך אַרויסגעריסען פון זייער בעהעלטניש און האָבען איהם — געטהאָן זיין רעכט...

מיט דערזעלביגער טאַשען שעריל, מיט וועלכער רוטענבערג האָט אַ מאָל „פאַנאַנדערגעשאָרען" דעם „פּאָפּ", האָט ער דערנאָך געמוזט אָבשניידען פון תליה דעם טויטען גוף פון זיין געוועזענעם פריינד און חבר...

אָט דאָס איז בקצור, וואָס עס איז אָפיציעל בעקאַנט געוואָרען פון העררן פּ. רוטענבערג׳ס טהעטיגקייט און דאָס איז געוויס נאָר איין עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבייט, וואָס ער האָט געטהאָן, ווי אַ מיטגליעד פון דער פּאַרטיי סאָציאַליס־טען־רעוואָלוציאָנערען. אָבער שוין פון דעם עפּיזאָד אַליין קאָן מען זיך לייכט מאַכען אַ בילד פון יענעם טיפּ רעוואָלוציאָנערע קעמפּער, צו וועלכע הערר רוטענבערג געהערט.

ער שטעלט מיט זיך פאָר די פערקערפּערונג פון יענעם גייסט, וואָס האָט געהערשט ביי די גלענצענדסטע פערטרעטער פון דער סאָ־ציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, ביי די גערשוני׳ס, קאַלאַיעוו׳ס און סאַזאָנאָוו׳ס, דעם גייסט פון ענטהוזיאַסטישען פריייהייטס־קאַמף, מיט וועלכען עס איז געוועזען דורכגעדרונגען דער גאַנצער פּראָגראַם פון יענער פּאַרטיי.

לאָמיר זיך דערמאָהנען אָן אַ פּאָר וויכטיגסטע שטריכען פון יענעם גייסט. אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבען גערופען צום פריייהייטס־קאַמף, אָבער נאָר די פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוצי־אָנערען האָט פערשטאַנען דאָס וואָרט „קאַמף" אין זיין ווירקליכער היסטאָרישער און טראַגישער בעדייטונג: אַ קאַמף ניט דורך פּע־

טיציעס, דעמאָנסטראַציעס און רעזאָלוציעס, נאָר אַ בלוטיגען קאַמף מיט כלי־זין אין די הענד. צו דעם קאַמף האָבען זיי געריפען דאָס גאַנצע פאָלק, דעם קאַמף האָט די פּאַרטיי אַליין געפיהרט, אויף וויפיעל זי האָט געקאָנט: און געפאָדערט האָט די פּאַרטיי, אַז דער וואָס געהט אין דעם קאַמף, זאָל דאָס טהאָן אין דעם בעוואוסטזיין פון אַן אומבעדינגטען חוב, וואָס ליעגט אויף איהם, אין דעם בעוואוסטזיין, אַז דעם חוב קאָן ער בעצאָהלען נאָר מיט זיין לעבען, וועלכען ער דאַרף אוועקגעבען פול און גאַנץ, אין מסירת נפש פאַר דער פרייהייט.

אומבעדינגטער חוב, קאַמף מיט כלי־זין אין די הענט, בלוטיגער קאַמף און מסירת נפש, — אָט דאָס זענען די גרונד־שטריכען פון יענעם גייסט, וואָס האָט בעהערשט רוטענבערג'ן און זיינע חברים. ווער עס וויל דעריבער פערשטעהן רוטענבערג'ן, דעם אידען, דאַרף פריהער גוט אריינגעהמען אין זיך אָט די גרונד־שטריכען פון רוטענבערג'ן, דעם רעוואָלוציאָנער.

אין דער צייט פון זיין רעוואָלוציאָנערער טהעטיגקייט האָט רוטענבערג ווייניג־וואָס אָדער גאָר ניט געטראַכט וועגען די יסורים און פּלאָגען פון זיין אייגענעם אידישען פאָלק. ער איז געווען ווייט פון איהם, פערפרעמדט פון איהם. און דאָס בעטראַכט ער, ווי אַ זינד אנטקעגען דעם פאָלק, פאַר וועלכער ער טהוט תשובה פון גאַנצען הארצען. ער ווייס, אַז דאָס פאָלק וועט איהם פערגעבען, ווייל ער, רוטענבערג, איז געווען אַ פּראָדוקט פון יענע אוננאָרמאלע נאַציאָנאלע בעדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק; ווייל ער קעהרט זיך אום צוריק צו דעם פאָלק מיט זיין גאַנצען הארצען און זאָגט מיט דעם גופא עדות, סאַי אויף זיך, סאַי אויף די קינדער פון זיין דור, — אַז דער היסטאָרישער הין־הער־פּלעט, אין וועלכען אונזער פאָלק איז געלעגען, איז שוין אריבער; אַז דאָס אידישע פאָלק הויבט אָן קומען צו זיך, אין דער פערזאָן פון זיינע בעסטע קינדער, וואָס ווילען אויפהויבען די פאָהן פון דער אייגענער נאַציאָנאלער בעפרייאונג מיט דעם בעוואוסטזיין פון דעמזעלביגען אומבעדינגטען חוב, פון דערזעלביגער אומבעדינגטער מסירת־נפש, מיט וועלכען זיי האָבען זיך געוואָרפען אין קאַמף פאַר דער פרייהייט פון דעם רוסישען פאָלק.

ווי א מאַן פון אומבעדינגטען חוב און אָנגעשטרענגטער טהאַט, קומט הערר רוטענבערג מיט זיין שריפט ניט צו שלאָגען זיך אין הארצען על־חטא פאר די בעגאַנגענע זינד, נאָר צו פאָדערען פון יעדען איינעם פון אונז דעם חוב, וואָס מיר זענען שולדיג אונזער פאָלק. איך האָב שוין אין מיין אויבען דערמאָהנטען אר־טיקעל אין קורצען איבערגעגעבען, אין וואָס דער דאָזיגער חוב בע־שטעהט, לויט די אנשויאונגען פון העררן רוטענבערג. ער גלויבט, אז גראָד אין דער איצטיגער צייט איז בעשאַפען געוואָרען די מעג־ליכקייט פאר אונז, ראַדיקאל צו פערענטפערען דאָס אידישע פּראָב־לעם דורך דער גרינדונג פון אַן אייגענעם אידישען שטאַאט אין ארץ־ישראל.

אין זיין שריפט מאכט אונז רוטענבערג בעקאַנט מיט יענע איבערלעבונגען זיינע און יענע ארגומענטען, וואָס האָבען איהם געפיהרט אָט צו דעם רעזולטאַט. ניט אלע ארגומענטען זיינע זענען דאָרטען ניי, און די פון אונז, וואָס זענען בעהאַוועגט אין דער לי־טעראַטור פון אונזער פּראָגרעסיווען נאַציאָנאַליזם פאר די לעצטע פינף־און־צוואַנציג יאָהר, וועלען אין רוטענבערג׳ס שריפט זעלטען געפינען א וועלכען עס איז אַלגעמיינעם ארגומענט, וועלכען זיי האָבען שוין פריהער ניט געהאַט בעגעגענט אין אונזער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער פּובליציסטיק. דער ווערטה פון זיין שריפט בע־שטעהט אבער דאָס רוב ניט נאָר אין דעם, וואָס ער זאָגט, נאָר אויך אין דעם, ווער דאָס זאָגט און ווי דאָס ווערט געזאָגט. מען דארף אליין דורכלייענען די שריפט, כדי דורכגע־פיהלט צו ווערען פון דעם גרויסען גלויבען, וואָס רעדט צו אונז פון די שילדערונגען און ארגומענטען.

עס איז כמעט איבעריג צו זאָגען, אז ניט מיט אלע אנשויאונ־גען רוטענבערג׳ס קאָנען מיר זיין אין גאַנצען איינס. וואו קאָנט איהר, אין אונזער דיפערענצירטער צייט, געפינען צוויי מענשען, וואָס זאָלען זיין איינשטימיג אין אלע פּרטים?

וועגען די איינצעלנע פּרטים פון זיין טעאָרעטישער שטעלונג און פון זיינע פּראקטישע פאָרשלעגען קאָן מען זיך בילדען גאַנץ פערשיידענע מיינונגען. אָבער איין פּונקט, דער הויפּט־פּונקט פון זיין שריפט, — איז, ווי איך גלויב, אוועקגעשטעלט געוואָרען,

אזוי פעסט און זיכער, אַז עס איז אונמעגליך צו בעשטרייטען איהם: דאָס איז זיין פאָדערונג, אַז אַלע נאַציאָנאַל־בעוואוסטע אידען, וואָס פערשטעהן דעם „בעפעהל פון דער צייט", זאָלען זיך תיכף אָרגאניזירען און ארויסטרעטען, ווי אַן אָפּיציעלע פּעראייניגטע קערפּערשאפט, מיט דעם צוועק — צו טהאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגליך, כדי ניט דורכצולאָזען דעם איצטיגען גינסטיגען מאָמענט און צו פערענטפערען די אידישע פראַגע.

„מיר דארפען זיך דערשלאָגען", זאָגט ער, „אַן אָפּיציעלע אנערקענונג פון א פאָרשטעהערשאפט פון אידישען פאָלק אום צו פערהאַנדלען אין זיין נאָמען מיט די רעגירונגען פון די בעטרעפענדע מלוכות און אום אָפּיציעל צו פערטרעטען די אינטערעסען פון אידישען פאָלק אויף דעם פריעדען־קאָנגרעס... דאָס ציעל זאָל זיין אַ אידישער שטאַט אין ארץ ישראל און א מענשליך־ווירדיגע עקזיסטענץ אומעטום, וואו די אידען לעבען אין גלות, — אין רוסלאַנד, רומעניען, דייטשלאַנד, א. אַז. וו., — אויף די יסודות פון בירגערליכער, פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער גלייכבערעכטיגונג„

דער איינציגער וועג דערצו איז — די אחדות צווישען די פערשיידענע פּארטייען, און דאָס אומבעדינגטע בויגען זיך אונטער דעם ווילען פון דעם גאַנצען פאָלק.

„קיינער זאָל ניט האנדלען אין זיין אייגענעם נאָמען. די אויפלעבונג פון אידישען פאָלק דארף זיין די ארבייט נאָר פון דער מאַסע פון אידישען פאָלק און ניט פון עטליכע שתדלנים און מליצי יושר".

די אָרגאַניזירונג פון דעם אידישען נאַציאָנאַלען ווילען, די אָפענע און מוטיגע ארויסטרעטונג פון אַ אידישער פאָרשטעהערשאַפט, דאָס זיך ניט אָבשרעקען פאר קיין זאַך, וואָס ליעגט אין די אינטערעסען פון דער גאַנצער אידישער בעפרייאונג, — דאָס איז די ארבייט, וואָס שטעהט איצטער אויפ'ן סדר היום, פאר וועלכע הערר רוטענבערג שטעלט זיך איין אין זיין בעדייטענדער שריפט מיט אַזוי פיעל אינוועניגסט גליהענדען געפיהל.

20טען יון, 1915.

אַ בעפאָלמעכטיגטע אידישע פערטרעטערשאַפט.

אין פּ. רוטענבערג'ס בראָשורע: „די נאַציאָנאַלע ווידערגע־בורט פון דעם אידישען פאָלק", זענען צונויפגעפלאָכטען צוויי געדאנקען, וואָס דוכטען זיך אויס, אז זיי זענען אזוי צונויפגעוואקסען אין איינס, אז זיי קאָנען ניט אָנגענומען ווערען איינער אָהן דעם אנ־דערען.

איין געדאנק בעשטעהט אין דעם, אז מיר, אידען, מוזען איצ־טער זיך עפענטליך דערקלעהרען פאר א נאַציע און פיהרען אונ־טערהאנדלונגען מיט די מעכטע, וואָס זענען פערוויקעלט אינ'ם קריעג, כדי צו דערשלאָגען זיך צו פולע נאַציאָנאַלע גלייכבערעכ־טיגונג אין די לענדער, וואו מיר וואוינען, און צו אן אונאבהענגיגען שטאַט אין פאלעסטינא.

דער אנדער געדאנק בעשטעהט אין דעם, אז מיר זאָלען צו־שטעהן צו די אַליאירטע, מיט וועלכע מיר זענען שוין פאַקטיש פערבונדען אין דעם איצטיגען קריעג, „לויט די צאָהל פון די קרבנות, וואָס מיר האָבען געבראכט אין דער איצטיגער מלחמה, און לויט דער צאָהל פון סאָלדאטען, וואָס מיר האָבען ארויסגע־שטעלט אין פעלד" (ז. 29). מיר דארפען צושטעהן צו די ענגלענ־דער, פראנצויזען, איטאַליענער און רוסען און פאָרשלאָגען זיי אוועקשטעלען אין זייער דיענסט ניט נאָר אונזער מאטעריעלען און גייסטיגען איינפלוס, וואָס מיר קאָנען האָבען אין די גלות־לענדער, נאָר אויך געבען זיי אן אייגענע אידישע ארמעע, וואָס זאָל מיט געוועהר אין דער האנט, קעמפען אונטער דער אייגענער אי־דישער פאָהן, פאר אונזער פאטערלאנד אין ארץ־ישראל.

„דורך דיפּלאָמאַטישע אָבהאנדלונגען און דורך שתדלנות קאָן מען קיין שטאַאט ניט בעשאפען", שרייבט רוטענבערג. „בעזונדערס א אידישען שטאַאט און צו לייזען אזא פראגע, ווי די אידישע... אונזער אייגענעם גלויבען אין אונזער רעכט און אז אנדערע זאָלען

אנערקענען אונזער רעכט אויף אן אונאבהענגיגער, נאציאנאלער עקזיסטענץ, אויף אן אייגענעם שטאאט — אַט דעם גלויבען און אַט די אנערקענונג קאָנען מיר בעקומען נאָר מיט וואפען אין אי־דישע הענט; נאָר יעמאָלט, ווען מיר וועלען פערגיעסען אונזער אידיש בלוט אויף יענעם לאַנד און פאר יענעם לאנד, ווי קליין אונזער ארמעע זאָל ניט זיין, א אידישע זאָל זי זיין„ (ז. 19).

אין די קרייזען, אין וועלכע הערצל רוטענבערג׳ס אידעען זענען בעקאַנט געוואָרען, נאָך איידער זיין שריפט איז ערשיענען, האָט גראד אַט דער געדאַנק ארויסגערופען, אין איינעם מיט צושטימונג, אויך א העפטיגע אָפּאָזיציע פון אלערליי זייטען, און עס איז קיין חדוש ניט, פאר וואָס די אָפּאָזיציע איז אזוי שטארק און אזוי אַלערליי־זייטיג. דער געדאַנק איז צו נייַ, צו אָריגינעל און שלאָגט אין פּנים דעם גאנצען אַרט דענקען אונזערען ביז אהער.

עס איז דעריבער צו דערווארטען, אז אויך אין דעם גרעסערען עולם, וואָס ווערט איצטער בעקאנט מיט רוטענבערג׳ס שריפט, וועט אַט דער געדאַנק אויף דער ערשטער צייט ווירקען בעפרעמ־דענד.

דער געדאַנק וועט בעקעמפט ווערען פון פערשיידענע זייטען. עס וועלען ארויסטרעטען אנטקעגען איהם די פּרינציפּיעלע געגנער פון יעדער קריעגס־פיהרונג בכלל.

עס וועלען איהם בעקעמפען אויך די פון אונז, וואָס זענען ניט אזעלכע אבסאָלוטע כשר׳ע פּאציפיסטען פאר די אומות העולם, וואָס האלטען אָבער, אַז גראָד מיר, אידען, וועלען דאָ ווערען אונ־טריי צו אונזער אייגענעם גייסטיגען „איך“, צו אונזער נאציאנא־לער מיסיע אין דער וועלט: זיין דער „נס לגוים“ פאר דעם געדאַנק פון דעם אייביגען וועלט־פריעדען.

און עס וועלען אויפגעציטערט ווערען אין זייער גרים־צאָרן אלע „מה־יפית“־אידען, וואָס וועלען ניט קאָנען אריבערטראָגען די „אידישע הוצפה“ — צו רעדען מיט די „מלכיות“, ווי א גלייכער מיט א גלייכען.

און מיט א כתרילאָווקער סקעפּטיציזם וועט בעגעגענען אַט דעם געדאַנק דער גרויסער עולם כתרילאָווקער באלאבאטים, וועמען עס האָט זיך ניט געגלויבט, אז מען קאָן דורכפיהרען א באַחן קיין

כתרילאָווקע. ווי פריהער, וועלען זיי אויך איצטער, וויסען לכתחילה, אז „אזא זאך" ק אָ ן ניט זיין, ווייל „אזא זאך" איז קיין מאָל, מאבות אבותינו אין כתרילאָווקע ניט געשעהן — אידען זאָלען מיט דעם אייגענעם ווילען אָנטהאָן זיך אין יונישע קליידער, נעהמען ביקסען אין די הענט און געהן פיהרען מלחמה.

איך וויל דאָ אָבער ניט אויסרעכענען אַלע מינים געגנער פון רוטענבערג'ס געדאַנק, מיט וועלכע עס איז שוין מיר אויסגעקומען בעקאַנט צו ווערען פון פּריוואַט־געשפּרעכען. איך וויל אויך דאָ ניט אָנפיהרען אַלע ארגומענטען, מיט וועלכע מען וואָלט געקאָנט אָב־שלאָגען אַלע יענע ערנסטע און ווענינער ערנסטע טענות.

וואָס איך וויל איצטער דערמאָהנען, איז נאָר איינס, — און דאָס איז זעהר וויכטיג צו האָבען אין זין:

רוטענבערג'ס מיינונג וועגען אַ אידישער ארמעע, וואָס זאָל זיך שלאָגען אין ארץ־ישראל אויף דער זייט פון די אַליאירטע, איז ניט דער איינציגער געדאַנק פון זיין שריפט, ניט דער הויפּט־געדאַנק איהרער און ניט דער ע י ק ר פון זיינע בעשטרעבונגען.

ווי טייער דער פּלאַן זאָל ניט זיין רוטענבערג'ן אַליין, ווי ענג ער זאָל ניט זיין צונויפגעוואַקסען מיט זיינע איבעריגע געדאַנקען אין זיין גאַנצער, איינהייטליכער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער וועלטאַנשויאונג, וואָלט עס אבסאָלוט פאַלש געווען צו בעהויפּטען, אז די הויפּט־זאך איז פאַר איהם די בעשאַפונג פון אידישע לעגיאָ־נען, און אז אין דערינען ליעגט דער זין פון זיינע גאַנצע בעשטרע־בונגען.

דער פ ו נ ד א מ ע נ ט א ל ע ר געדאַנק פון זיין שריפט איז ניט די אידישע ארמעע, נאָר ד י א י ד י ש ע ב ע פ אָ ל־ מ ע כ ט י ג ט ע פ אָ ר ש ט ע ה ע ר ש אַ פ ט, דער אָפיציעל־אָרגאַניזירטער אידישער פאָלקס־ווילען, וואָס זאָל שטאָלץ אויפהוי־בען די פאָהן פון דעם אייגענעם נאַציאָנאַלען זיין און שטאָלץ פער־האַנדלען, ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, וועגען דעם, וואָס איהם קומט און אין וואָס ער נויטיגט זיך, ווי אין'ם לעבען.

אָט דער אָרגאַניזירטער אידישער פאָלקס־ווילען דאַרף זיין דער אויבערהאַר איבער אַלע איינצעלנע פּלענער, וואָס יעדער איינ־צעל־איד קאָן פאָרשלאָגען, — דער אויבער־האַר אויך איבער רו־

טענבערג׳ס אייגענע פּאָליטישע קאָמבינאַציעס.

קלאָר זאָגט ער דאָס ארוים אין דעם „פאָרוואָרט צו דער אמע־ריקאַנער אידישער אויסגאַבע״ פון זיין שריפט: „מיינע מיינונ־גען האָב איך איבערגעגעבען אין דער פאָרליעגענדער בראָשור. אָבער איך רעכען זיך מיט די מיינונגען פון אנדערע אידען, — מיינונגען, וואָס זענען געגענגעזעצט צו מיינע. און איך זאָג: די בעדינגונגען, אונטער וועלכע מיר אידען לעבען, ווערען וואָס אַ טאָג טראַגישער, שרעקליכער אומעטום. אונזער פאָלק איז אין גרוים געפאַהר... מיר דאַרפען גלייך נעהמען פעראייניגען אַלע אָר־גאַניזירטע קרעפטען אונזערע — פון די עקסטרעם לינקע ביז די עקסטרעם רעכטע — אַלע די וואָס אנערקענען, אז דאָס אידישע פאָלק האָט זיינע אייגענע נאַציאָנאַלע נויטען און אינטערעסען. מיר דאַרפען גלייך אין אונגעזאמט ארויסטרעטען, מיט ווירדע, ווי עס פאסט פאר א פאלק, ניט דורך פּריוואַטע, ווען אפילו גאָר בער־יהמטע שתדלנים און מליצי יושר, נאָר דורך אונזערע, פון פאָלק־בעפּאָלמעכטיגטע פאָרשטעהער. נ י י ט ר א ל בנוגע צוביידע קריעג־פיהרענדע צדדים.״

„אָט די פאָרשטעהער — וועלען... אויסהערען אַלע מיינונגען, ווי ענטגעגענגעזעצט זיי זאָלען ניט זיין, און זיי וועלען בעשליסען: ווי אזוי (עס) זאָל זיין און וואָס צו טהאָן.״ (ז. 4)

דער געדאַנק פון אַ אידישער בעפּאָלמעכטיגטער פאָרשטע־הערשאַפט, וואָס זאָל אין דעם נאָמען פון דעם פאָלק קעמפען פאר אידישע רעכט און אַ אידישע אייגענע היים אין ארץ־ישראל טראָגט זיך ארום אין דער לופט. ער איז דאָס, וואָס איך האָב פריהער אמאָל אָנגערופען „דער בעפעהל פון דער צייט״, און אין פערשיי־דענע פאָרמען איז ער שוין ארויסגעטרעטען אין דער עפענטליכ־קייט נאָך איידער הערר רוטענבערג איז געקומען אהער.

אָבער הער רוטענבערג האָט, ווי מיר דוכט, פּינקטליכער און ראַציאָנעלער פאָרמולירט די א ו י פ ג א ב ע ן פון אזא נאַציאָ־נאַלער פאָרשטעהערשאַפט אין דער איצטיגער צייט. פריהער האָט מען גערעדט נאָר וועגען דעם, אז מיר זאָלען זיך ווענדען צו דעם פ ר י ע ד ע נ ס ־ ק אָ נ ג ר ע ס, ווען די מלחמה וועט שוין זיין געענדיגט.

הער רוטענבערג שלאָגט אָבער פאָר, און אין דרינגען ליעגט די גאַנצע פּאָליטישע וואָג און בעדייטונג פון זיין פאָרשלאָג, מיר זאָלען, שוין איצטער אין דער צייט פון דעם קריעג, זיך ווענדען צו אַלע קריעג־פיהרענדע צדדים מיט אונטערדערונגען וועגען אונזער ענדגילטיגער בעפרייאונג. אָנבאָטען זיי אַלץ, וואָס אונזער נאַציאָן קאָן אויפברענגען, און דערנאָך געהן מיט יענעם צד, וואָס וועט אונז קאָנען געבען מעהר, איידער דער אַנדערער, ווען עס וועט זיך מעהר לוינען צו געהן מיט אונז און צו פערטיידיגען אונזערע אינטערעסען און מיט ווען עס וועט זיך **אונז** בעסער לוינען צו געהן.

לויט אַלע פריהערדיגע פּראָיעקטען וואָלטען מיר געקאָנט קורמען צו די פעלקער אזוי צו זאָגען „אחר המעשה“ און די איינציגע זאַך, וואָס מיר וואָלטען זיי געקענט ברענגען, איז א מעמאָראַנדום וועגען אונזער שרעקליכער לאַגע, א רשימה פון עולות, וואָס זענען בעגאַנגען געוואָרען אַנטקעגען אונז, א צעטעל פון פאָרדערונגען, וואָס אונז קומט על פּי יושר, און א צורוף צו דעם געפיהל פון אַלגעמיין־מענשליכער גערעכטיגקייט.

לויט הערן רוטענבערג׳ס פּלאַן דאַרפען מיר איצטער, אין דער איצטיגער צייט, ווען פאַר יעדען פון די קעמפענדע צדדים איז אזוי וויכטיג די הילף פון א יעדען פאָלק, קומען מיט א ממשות׳דיגען אָנבאָט, פאָרשלאָגען אן **אַליאַנס**, וואָס זאָל זיין געגרינדעט אויף בשותפות׳דיגע **פּאָליטישע אינטערעסען**.

ערשט **נאָך** די אונטערדערונגען מיט די קריעג־פיהרענדע צדדים וועט די אידישע בעפאָלמעכטיגטע פאָרשטעהערשאַפט דאַרפען בעשליעסען, צי דאָס אידישע פאָלק קאָן איצטער צושטעהן צו א וועלכען עס איז צד, אָדער מיר מוזען בלייבען נייטראַל. און אויב זי וועט איינזעהן, אז מיר קאָנען און מוזען צושטעהן צו ווען עס איז, וועט זי אויך בעשטימען, מיט וועלכען צד זיך צו אַליאירען און אויף וועלכע בעדינגונגען.

אָט דאָס איז דער גרונד־געדאַנק פון הערן רוטענבערג׳ס שריפט, אָט דאָס איז די אויפגאַבע, וואָס איז אָוועק געשטעלט געוואָרען אויף דעם סדר־היום, אָט דאָס איז די פּאָליטישע ארבייט, צו וועלכער הער רוטענבערג רופט אונז.

אונזער עהרענפליכט.

א האסטיגער לעבענס־שטראם צוקט איצטער דורך דאס גאנצע אמעריקאנער אידענשאפט, און נאר די פערשלאפענע, די פערגעניצטע, מיט די אנגעדראלענע אויגען פון צופיעל שלאף, זיי און נאר זיי שפירען ניט דעם אנגעשטרענגטען ציטער, וואס געהט דורך דורך אלע אונזערע איברים.

אבגעשטארבענע טיילען פון אונזער פאלק, ווערען ווידער לע־בעדיג; ווייט פערשליידערטע, אומרוהיגע שטורעמער קומען ווידער צו אונז, מיט דעם רויטען, קאכענדען בלוט אין זייערע אדערן; זיי הויבען אין אונז אריין די נערוועזע אומגעדולד פון זייער טהא־טען־דארשטיגען טעמפעראמענט; זיי שטייגערן די נאציאנאלע ענערגיע, וואס האט גענומען אויפברויזען אין אונז.

אבער ניט נאר מענשען ערוואכען. אויך פרינציפען און איי־גענשאפטען, וואס זענען געלעגען ביי אונז טויט, אדער ביז צו טויטקייט פער׳חלש׳ט, האבען ארויסגעטרייסעלט פון זיך דעם פער׳כשופ׳טען שלאף פון יאהר־הונדערטער און זענען אויפגעשטא־נען תחית המתים. מיט דעם ערוואכען פון דעם נאציאנאלען בע־וואוסטזיין, האט אויסגעגליכען זיין רוקען אויך דער נאציאנאלער שטאלץ, — "דער מענשליכער שטאלץ פון דער אידישער נאציע",— און עס איז ערוואכט געווארען אונזער נאציאנאלער עהר־געפיהל.

אונזער עהר־געפיהל ערוואכט? הייסט עס, ער איז פריהער געווען איינגעשלאפען? האבען מיר, הייסט עס, פריהער געלעבט אהן אן עהר־געפיהל? גיט איהר צו אונזערע שונאים, אז מיר זענען געווען עהרלאז?

— אך, ליידער, ליעגט א סך אמת אין דעם, וואס די שונאים זאגען אויף אונז, און ליידער, מוזען מיר צוגעבען, אז אויך אין דעם פרט פון נאציאנאלען עהר־געפיהל איז ניט אלץ א שקר־בלבול, וואס מען ווארפט אונז אויף.

איך ווייס, ווי צאַרט מיר דאַרפֿען איצטער אַרומגעהן אַרום דעם ענין פון נאַציאָנאַלען עהר־געפיהל; ווי אָבגעהיט מיר דאַרפֿען זיין, ווען מיר רעדען וועגען איהם גראַד איצטער, ווען ער איז ער־וואַכט און אויפגערייצט.

אָבער וואָס קאָן מען העלפֿען? דעם אמת מוזען מיר אַרויס־זאָגען קודם־כל און אונטער אַלע אומשטענדען, אפילו ווען דאָס זאָל, חלילה, שטימען מיט די ערגסטע בעשולדיגונגען אַנטקעגען אונז.

און דער אמת איז, אַז צו די שמערצליכסטע געבורטס־וועהען פון אונזער נאַציאָנאַלען ווידער־אויפלעבען געהערען אויך די חבלי־לידה פון אונזער נאַציאָנאַלען עהר־געפיהל, וואָס איז נאָך עד־היום ניט נאָרמאַל, עד־היום ניט אויסגעגליכען אין זיין גרויס און אין זיין קראַפט מיט דעם עהר־געפיהל פון די איבעריגע פעלקער.

קאָנען מיר דען לייקענען, אַז דער געפיהל פון אונזער פאָלקס־עהרע איז אַ לאַנגע צייט געוועזען פערקריפּעלט ביי דער אַלטער, פרום־אידישער וועלט? קאָן מען דען אויסמעקען פונ׳ם געשיכטליכען זכרון די פאַקטען, אַז אויף אַלע בעליידיגונגען, וואָס מען האָט אָנ־געטהאָן אונזער נאָמען, פלעגען מיר ענטפערן מיט תחנונים און בקשות, מיט אַ געוויינזעל, ווי געשלאָגענע הינט, נאָר מיט דעם אונ־טערשייד, וואָס דער הונט איז ערנסט אין זיין געוויינזעל און זיין גע־פיהל פון הכנעה צו דעם באַלעבאָס איז עהרליך און תמימות׳דיג, בעת מיר האָבען אונטער די שמיץ פון די זלזולים געלעקט די האַנד פון דעם בעליידיגער, אָבער אין דערזעלביגער צייט געקריצט מיט די ציינער בעהאַלטענערהייד און געשאָלטען איהם אין דער שטיל מיט קללות נמרצות. קאָנען מיר דאָס פערלייקענען?

איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס מיר ענטפערן דערויף. איך האָב אַליין, — אין מיין בראַשורע: „די אַסימילאַציע, וואָס זי זאָגט צו און וואָס זי גיט“, — פאָרגעשלאָגען אַ דערקלערונג צו דעם פאַקט, וועלכען איך האָב ניט פון די פינגער אויסגעזויגען, נאָר פון דער גאַנ־צער פּסיכאָלאָגיע פון דער אַלטער פרום־נאַציאָנאַלער וועלט אַרויס־געלייענט, — און אַ סך מענשען האָבען פער׳אמת׳ט די ריכטיגקייט פון יענער דערקלערונג.

זי זאָגט:

דער עהר־געפיהל פון דער אַלטער פרום־נאַציאָנאַלער וועלט

האָט ניט געקאָנט ווערען אָנגעריהרט, ווייל זי האָט גערעכענט זיך פאַר צו הויך און די אַרומיגע וועלט פאַר צו נידריג. ווי אויף ווילדע ברואים האָט זי געקוקט אויף די אומות העולם, ווי אויף צורייצטע חיות, וועלכע מען דארף נאָר בערוהיגען, מיט וועלכע מען קאָן זיך ניט טיילען אין כבוד. און נאָך אַנדערע דערקלערונגען האָב איך דאָרטען געגעבען, און נאָך אַנדערע וואָלט איך געקאָנט ברענגען איצ־טער, וואָס זאָלען אַראָבוואַשען פון אונזער נשמה די שמאָך, וועלכע מיר זענען אויסגעשטאַנען אין יענע פערשאָלטענע פינסטערע דורות.

אָבער — די האַנד אויפ'ן הארצען! קאָנען מיר דען באמת זאָגען, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געפיהלט אַזוי הויך, אַז די נשמה פון דעם גאַנצען פאָלק איז פון יענעם הינטישען לעבען אַרוים אָהן אַ פלעק? און ווער, — לאָזט מיך אייך פרעגען, — האָט בעשאַפען דאָס ווערטעל, דאָס ביזי־בזיונ'ישע ווער־טעל, וואָס שמייסט ווי מיט אַ בייטש אין פנים, ווען מען דערמאָהנט זיך אויף עס,—דאָס פאָלקס־ווערטעל: „בעסער אַ שאַנד אין פנים, איידער אַ קרענק אין בויך“?

דאָס פאָלק האָט דאָס דאָזיגע ווערטעל בעשאַפען, ווי אַ סך־הכל פון זיין לעבענס־וויזהייט, ווי אַן אָבשפּיעגלונג פון יענעם מאַסשטאַב זיינעם אין געפיהל, מיט וועלכען ער האָט אָבגעשאַצט די ווערטהען פון לעבען. דאָס אידישע פאָלק האָט דאָס דאָזיגע ווערטעל בעשאַפען, בעת די אַרומיגע פעלקער האָבען גע־פיהלט און געלעבט לויט דעם כלל: בעסער אַ טויט, איידער אַ שאַנד אין פנים...

און וואָס איז דער חדוש, וואָס אונזער נאַציאָנאַלער עהר־גע־פיהל איז פערקריפּעלט געוועזן? דאָס לעבען איז דער באַלאַבאָס אויף די געפיהלען און דאָרטען, וואו פאַר אַ גאַנץ פאָלק, איז טאָג־טעגליך געשטאַנען דאָס פּראָבלעם: לעבען אין שאַנד, אָדער פערשווינדען אין גדולה? — האָט דער לעבענס־אינסטינקט געמוזט גובר זיין, און מען האָט געלעבט אין שאַנד, און די נשמות האָבען זיך צוגעפּאַסט צו אַזאַ לעבען, — צוגעפּאַסט זיך מיט די ביי־דע עקסטרעמען: מיט דעם עקסטרעם פון דעם „אתה־בחרתנו“־אידען, וואָס האָט זיך אָוועקגעשטעלט העכער פאַר דער בעליי־דיגונג, און מיט דעם עקסטרעם פון דער הינטישער פעל, וואָס איז

אראָבגעזונקען נידעריגער פאַר דער בעליידיגונג און האָט שוין גע־שפּירט אין זיך ניט קיין שאַנד, ניט קיין עהר־געפיהל.

די פרום־נאַציאָנאַלע וועלט האָט אָבגעלעבט איהר צייט. איהר געשיכטליכע ראָליע האָט זי געמוזט איבערגעבען צו איהר יורש, דער פּראָגרעסיווער אסימילאַציע. אָבער אויך אין דער ראַדיקאַל־אַסי־מילאַטאָרישער וועלט האָבען ניט אויפגעהערט צו ווירקען יענע ביידע עקסטרעמען.

אויך דאָ האָבען מיר געהאַט די עקסטרעמען פון דעם „אתה־בחרתנו“־געפיהל און דער הינטישער פעל און די פערשיידענע שטו־פען צווישען זיי, די צונויפמישונגען פון די צוויי פּרינציפּען אין פערשיידענע פּראָפּאָרציעס. נאָר — דער „אתה בחרתנו“ איז דאָ געוואָרען אַן אַנדערער. ניט קיין נאַציאָנאַלער, נאָר אַ סאָציאַל־רע־וואָלוציאָנערער.

„נאַציאָנאַלע בעליידיגונג? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין בריאה? וואו האָט איהר נאַציאָנען? — עהרע? אַ בורזשואַזער פּאַראור־טייל! קאָן אונז דאָס רעאַקציאָנערע געזינדעל בעליידיגען?“

און אַזוי האָט זיך אויך דער נייער „אתה־בחרתנו“־מענש גע־לאָזט שפּייען אין פּנים אריין. אָבער אַנשטאַט צו שילטען בשתיקא דעם בעליידיגער, פלעגט ער גאָר גוטמוטיג אָבווישען דעם פּנים, זיך פרעהליך אויסלאַכען פון דער גאַנצער וועלט: „וואָס זאָל דאָס אונז אהרען? מאָרגען קומט די סאָציאַלע רעוואָלוציע און שאַפט אָב דעם עהר־בעגריף“.

אַ בטלן איז ער געווען און איז געבליבען, דער סאָציאַל־רעוואָ־לוציאָנערער „אתה־בחרתנו“־מענש! אַ בטלן דערפאַר, ווייל ער לעבט ניט אין דער ווירקליכער וועלט, צווישען ווירקליכע לעבעדיגע מענשען, נאָר אין אַן אויסגעטראַכטער צוקונפטיגער צוקער־קאַנדעל־וועלט, מיט אויסגעטראַכטע צוקער־קאַנדעל־מענשען. און ער בע־מערקט ניט, דער ראַדיקאַלער בטלן, ווי זיי ריידען צווישען זיך אין דער שטיל, האַלב מיט רחמנות, האַלב מיט פעראַכטונג: „זאָגט וואָס איהר ווילט: דעם אידען, הפּנים, פעהלט פּאַרט יענער חוש“...

דערצעהלען אייך אַ מעשה? אַן אמת'ען היסטאָרישען פאַקט:

געווען אַ מאָל, אין דעם אָנהויב פון די אַכציגער יאָהרען, אַ אידישער רעוואָלוציאָנער, — אַן אמת־גרויסער רעוואָ־

לוציאָנער. האָט ע ר געהאַט אַ פריינד, אַ גוי'אישען רעוואָלוציאָנער, אַן א מ ת־ג ר ו י ס ע ן רעוואָלוציאָנער. האָבען זיי ביידע גע־פיהרט אַ מלחמה אנטקעגען אַן אנדער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וואָס איז אין אַ פּאָגראָם־צייט אַרויס מיט אַנטיסעמיטישע אַר־טיקלען.

איז געקומען שפּעטער אַ צייט, ווען די ביידע פּאַרטייען האָבען זיך געדאַרפט דורכרעדען. האָט דער איד פאָרגעשלאָגען געהן פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט יענער פּאַרטיי. האָט זיך דער גוי פער־וואונדערט:

„א י ה ר? איהר וועט געהן רעדען מיט ז י י, וואָס האָבען זיך אַזוי בעגאַנגען מיט אייער פאָלק!?"

האָט איהם דער איד ניט פערשטאַנען, און האָט איהם בעשול־דיגט אין אַנטיסעמיטיזם!

און קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט איהם ניט פערשטאַנען: זענען דאָך יענע רעוואָלוציאָנער־אַנטיסעמיטישע העץ־אַרטיקלען פערשפּרייט געוואָרען אין פאָלק אויף אַ דאַנק אַ סך אידישע רעוואָ־לוציאָנערע בטלנים...

דער לעצטער ר א ד י ק א ל־נ א צ י א נ א ל ע ר ד ו ר, וואָס האָט איבערגענומען די היסטאָרישע ירושה פון דעם ראַדיקאַל־אַסימילאַטאָרישען, ברענגט מיט זיין אויפגעוואַכטען נאַציאָנאַלען־געפיהל און דעם אויפגערודערטען עהר־געפיהל אויך אַ נייע שטעלונג צו די פּראָבלעמען פון דער אידישער נאַציאָנאַלער עהרע און צו די התחיבות'ען, וואָס זי לעגט אויף אונז אַרויף. איצטער זענען שוין אונמעגליך געוואָרען אַזעלכע „מאוס'ע פערשטענדעניסען".

אָבער נאָך ווייט־ווייט ניט אַריין אין פלייש און בלוט איז דער נייער נאַציאָנאַלער עהר־געפיהל ביי אונזער פאָלק בכלל און ביי אַ סך פון זיינע פּראָגרעסיווע פיהרער בפרט. דער ראַדיקאַלער „אתה־בחרתנו"־בטלן פיהרט נאָך דאָס גרויסע וואָרט אין דער אידישער גאַס, אַפילו נאָך איצטער, ווען די אידישע גאַס קלויבט זיך צו, אַרויסצוטרעטען פאַר דער גאַנצער וועלט און צו פאָדערן, וואָס אונז קומט, ווי אַ פאָלק.

הערט זיך צו: ווי אָפט קלינגט דאָ אַרויס דאָס שטאָלצע נייע אידישע וואָרט? ווי אָפט ווערט דאָ געזאָגט: „מיר זענען שול־

דיג אונזער עהרע, אונזער בעדייטונג און דאָליע אין דער מענשליכער געשיכטע ניט צו פאַדערן ווענינער, איידער דאָס, וואָס עס האָבען די בולגארען, וואָס עס האָבען די סערבען, וואָס פאַר אויסגעצייכענטע חזירים־פיטערער זיי זאָלען ניט זיין?

און ווי אָפט הערט איהר אנשטאָט דעם די קלוגע אויסרעכענונגען: אויף וואָס פאַר א פעטען ביינדעל האָבען מיר די זיכערסטע אויסזיכטען?

דאָס ווערט איצטער אַנדערש. אונזער עהר־געפיהל איז ערוואכט און פאָדערט זיין רעכט, און אַלץ דרינגענדער ווערט זיין בעפעהל אויסצוארבייטען אונזערע פאָדערונגען ניט לויט דעם עניוות־דיגען פראָגראם פון „באַנטשע שווייג“, נאָר נאָך די לעבענס־נויטען פון א פאָלק, וואָס האָט ניט פערלאָרען די אַכטונג צו זיך אליין.

עס איז אונזער עהרענפליכט, צו דערקלעהרען דער וועלט, אַז עס איז אונז נמאס געוואָרען דאָס שקלאַפּישע זיין, אַז מיר ווילען זיין א פריי פאָלק, א זעלבסטשטענדיג פאָלק, ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט.

דער ערוואכטער נאַציאָנאַלער זעלבסטבעוואוסטזיין וועט פערשטארקען אונזער עהר־געפיהל און וועט מאַכען איהם פאַר דעם וויכטיגסטען פאַקטאָר אין דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער ווידערלעבונג.

דער עהר־געפיהל וועט בעשטימען דאָס ציעל. דער עהר־געפיהל וועט אויסוועהלען די מיטלען. די עהרענפליכט וועט אונז צווינגען צו נעהמען אויף זיך די גרעסטע קרבנות.

4טען יולי, 1915.

דער פעלקער־טריבונאַל און דער אידען־שטאַאַט.

וואָס האָט זיך געענדערט?

א סך מענשען שטעלען אָט די פראגע, ווען זיי זעהען, ווי ניט־ציוניסטען, און אפילו געגנער פון ציוניזם, נעהמען איצטער אויף די פאָדערונג פון ארץ־ישראל פאר אונזער פאָלק.

מיר ענטפערן:

— עס האָט זיך געענדערט די גאַנצע לאַגע. א דאנק דעם וועלט־קריעג, האָבען זיך פון גרונט אויס איבערגעביטען אַלע בעדינגונגען. עס איז צום ערשטען מאָל אין דער וועלט־געשיכטע בעשאַפען געוואָרען, — אָדער מוז באַלד בעשאַפען ווערען, — א רעכטמעסיגער טריבונאַל, צו וועמען מען קאָן זיך ווענדען מיט דער פאָדערונג פון א אידישען שטאַאַט אין ארץ ישראל און עס זענען אריינגעטרעטען אין לעבען אומשטענדען, וואָס בערעכטיגען די האָפענונג, אז יענע פאָדערונג וועט בעפריעדיגט ווערען.

אזא לאַגע איז נאָך קיין מאָל ניט געווען. אפילו אין די גלענצענדסטע צייטען פון דר. הערצל׳ס פאָליטישען ציוניזם איז ניט געווען קיין רעכטמעסיגער טריבונאַל, פאר וועלכען דאָס אידישע פאָלק זאָל האָבען געקאָנט אָפען פאָרברענגען זיין פערלאַנג.

פאַלעסטינא איז א טערקישע פראָווינץ, און אין די נאָרמאַלע צייטען פון פריעדען איז ניט געווען און האָט ניט געקענט זיין קיין אנדער באַלעבאָס אויף איהר, ווי נאָר די טערקישע רעגיערונג. וואָלט זי געוואָלט, וואָלט זי געקאָנט געבען דער ציוניסטישער פאר־טיי א טשאַרטער אויף ארץ ישראל און אויך מסכים זיין צו יענער פאָדערונג הערצל׳ס, אז דער טשאַרטער זאָל גאַראַנטירט ווערען מיט די אונטערשריפטען פון א פאָר אייראָפּעאישע גרויס־מעכטע. פון א אידישען, פאָליטיש־זעלבסטשטענדיגען שטאַאַט האָט אויך יעמאָלט ניט געקאָנט זיין די רעד.

האָט אָבער די טערקישע רעגיערונג ניט געוואָלט געבען אפילו

א טשאַרטער אויף אַן „עפענטליך־רעכטליך געזיכערטע היים“, האָט ניט געקאָנט זיין קיין איין מאַכט אין דער וועלט, וואָס זאָל געהן אנטקעגען איהר אין דער דאָזיגער פראַגע. דר. הערצל האָט זיך גע־ווענדט צו ענגלאַנד, אָבער ניט ווי צו אַ רעגעלמעסיגען טריבונאַל, וואָס קאָן, לויט דעם אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ, זאָגען זיין דעה אין דעם ענין, נאָר ווי צו אַ זייטיגער, אַזוי צו זאָגען, „פריוואַטער“ רעגיערונג, וואָס מעג אַלע מאָל געבען גוטע עצות, און איבערלאָזען דעם טערק אַליין, צי ער וויל פאָלגען, וואָס אַ גוטער ברודער עצה'ט, אָדער ניט.

ענגלאַנד האָט אפילו ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך די ראָליע פון אַ פערמיטלער צווישען דר. הערצל און דעם סולטאַן. אַלע, וואָס ענגלאַנד האָט געקאָנט טהאָן, איז בעווייזען איהר גוטען ווילען און איהר סימפּאַטיע צו דעם געדאַנק פון אַ אידישען אויטאָנאָמען לאַנד. און דאָס האָט זי גלענצענד דעמאָנסטרירט מיט איהר אוגאַנדאַ־פּאָרשלאַג.

די משונה'דיגע צום גליק שנעל איבערגעריסענע פערהאַנדלונ־גען מיט רוסלאַנד האָבען אויך ניט געקאָנט טראָגען קיין אַנדער כאַ־ראַקטער. אויך רוסלאַנד האָט דאָ געהאַנדעלט און געקאָנט האַנד־לען נאָר ווי אַ „זייטיגע“, „פּריוואַטע“ רעגיערונג. זי האָט ניט גע־האַט קיין שום רעכט צו בעשטימען פאַר דער טערקיי, וואָס זי זאָל טהאָן אָדער ניט טהאָן אין דער פּאַלעסטינאַ־אַנגעלעגענהייט. נאָר ווי אַ פּריוואַטער צד, האָט רוסלאַנד געקאָנט אָנווענדען אַ דיפּ־לאָמאַטישען דרוק אויף דער טערקיי, זי זאָל נאָכגעבען דער אידישער אָבגעשוואַכטער פאָדערונג, און נאָר ווי אַ פּריוואַטער צד האָט זי געקאָנט האָבען די חוצפה צו שטעלען די אונפערשעהמטע בעדינ־גונג, אַז די אידען זאָלען דערפאַר אויפגעבען זייער רעוואָלוציאָנערען קאַמף*).

א פרייער פּאָליטישער אַרויסטריט פון דעם אידישען פאָלק איז אויך אין הערצלס צייטען געוועזען אונמעגליך, און זיין „פּאָליטי־שער“ ציוניזם איז אין תוך אַריין געוועזען אַ דיפּלאָמאַטי־שער.

*) זעה אויבען מיינע אַרטיקלען: „אַ פּאָר שעה מיט דר. הערצל'ען“.

די לאַגע האָט זיך ניט געבעסערט, נאָר איז פּאָליטיש נאָך ער־גער געוואָרען מיט דעם אויסברוך פון דער טערקישער רעוואָלוציע, מיט דעם נצחון פון דעם יונג־טערקישען קאָמיטעט און זיין „גרויס־טערקישער", שאָוועניסטישער פּאָליטיק. עס איז פאַר דעם ציוניזם קיין אַנדער אויסוועג ניט געבליבען, ווי נאָר די, מיט קיין זאַך ניט גאַראַנטירטע פּריוואַטע קליין־קאָלאָניזאַציע. וועגען דעם ווערטה און דער בעדייטונג פון יענער קליין־קאָלאָניזאַציע האָבען ביז צו דעם קריעג נעקאָנט זיין פערשיידענע מיינונגען, און די אַנטי־ציוניסטען (צו וועלכע עם געהערט אויך דער שרייבער פון די שורות) האָבען געקאָנט אַרויסטרעטען מיט אַ גאַנצען פּעקעל טענות אַנטקעגען איהר.

אין מיינע אויגען האָט די קליין־קאָלאָניזאַציע, אונטער דער טערקישער אויבערהערשאַפט, אַבסאָלוט און אומווידער־רופליך באַנ־קראָטירט מיט דעם פאַקט פון דעם „דריטען חורבן", וואָס איז אַן אומבעשטרייטבאַרער פאַקט. אָבער מיר האָבען זיך איצטער ניט וואָס צו אַמפּערן וועגען דעם, עס האַנדעלט זיך איצטער ניט וועגען קליין־קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, ניט וועגען בעשאַפען גינסטי־גערע בעדינגונגען פאַר איהר, ניט וועגען צושטעהן צו דער ציוניס־טישער אַרבייט, מיט איהרע „שקלים", קאָנגרעסען, נאַציאָנאַל־פאָנ־דען, ארץ־ישראל־באַנקען, קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען, פּאַ־לעסטינאַ־אַרבייטער־אַמטען, העברעאישע בילדונגס־אַנשטאַלטען און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

וועגען אָט דער אַרבייט, מיט אַלע איהרע אינסטיטוציעס און פונקציעס, — קורץ, וועגען דעם גאַנצען ביז־אַ־העריגען ציוניזם,— בלייבען די מיינונגען פון די שטרייטענדע פּאַרטייען, ווי געוועז. ציוניסטען און אַנטי־ציוניסטען בלייבען שטעהן אויף זייערע פריהער־דיגע פּאָזיציעס, ווייל דאָ האָט זיך פּרינציפּיעל גאָר נישט געענ־דערט.

געענדערט האָט זיך די וועלט־לאַגע. דער קריעג פיהרט לאָגיש מיט זיך די בעשאַפונג פון אַ נייעם רעכט־מעסיגען טריבונאַל, צו וועלכען דאָס אידישע פאָלק קאַן זיך ווענדען מיט דער ארץ־ישראל־פאָדערונג, — צום ערשטען מאָל אין דעם משך פון די צוויי־טויזענט יאָהר גלות־לעבען!

נאָך דעם קריעג, וואָס וועט זיך מ ו ז ע ן ווען עס איז ענדי־גען, וועט אויך מוזען צונויפקומען א פריעדענס־קאָנגרעס. אין דעם מאָמענט, ווי דער פריעדענס־קאָנגרעס וועט זיך עפענען, וועלען לאַ־גיש אויפהערען אלע רעכט פון אלע שטאאַטען אויף זייערע ביז־א־העריגע בעזיצונגען. דער קאָנגרעס וועט ווערען ד י ה ע כ ס ט ע א י נ ס ט א נ ץ, וואָס האָט א רעכט צו בעשטימען דעם גורל פון אלע פעלקער און אלע לענדער, וועלכע זענען געווען בעטייליגט אין דעם קריעג, און זיינע בעשטימונגען וועלען ווערען א הערשענדער געזעץ.

דער פריעדענס־קאָנגרעס האָט א רעכט איבערצובויען אלע בעציהונגען פון לאַנד צו לאַנד און פון פאָלק צו פאָלק. און ער וועט דאָס מוזען טהאָן. קיין צד לייקענט ניט, אז די ביז־א־העריגע בע־ציהונגען זענען געווען אנאָרמאַל, אז אין זיי איז געלעגען די געפאהר פון דעם וועלט־קריעג, און אז זיי מוזען פון גרונט־אויס איבערגע־אנדערשט ווערען, כדי נאָך אמאָל זאָל אזא וועלט־קריעג ניט קאָנען אויסברעכען אזוי גיך.

פאַלעסטינא געהערט צו די לענדער, וואָס האָבען זיך בעטיי־ליגט אין דעם קריעג, און איהר צוקונפטיגער פאָליטישער גורל איז דורכדעם גופא איבערגעענטפערט געוואָרען צו דער יורידיקציע און דער בעשטימונג פון דעם נייעם טריבונאַל. דאָס אידישע פאָלק גע־הערט פ א ק ט י ש צו די פעלקער, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין דעם קריעג, אזוי גוט, צ. ב. ווי די פוילען און די טשעכען. יורי־דיש זענען מיר נאָך ערגעץ ניט אנערקענט ווי א פאָלק (א חוץ אין דער טערקיי). אָבער דער העכסטער פעלקער־טריבונאַל האָט דאָס רעכט און די מאַכט צו געבען אונז די דאָזיגע אנערקענונג אומעטום. צו איהם ק אָ נ ע ן מיר זיך ווענדען מיט אונזערע העכסטע פאָ־דערונגען, און ער, דער העכסטער פעלקער־טריבונאַל, ק אָ ן בע־שטימען, אונז אויסצוהערען אָדער ניט אויסצוהערען, קאָן אונזערע העכסטע פאָדערונגען בעפריעדיגען אָדער ניט בעפריעדיגען, (אָדער נאָכגעבען זיי אין א בעשטימטער מאָס) — אלץ ווי עס וועט זיך איהם בעסער לוינען.

אָט דאָס איז די ערשטע גרויסע, היסטאָריש נאָך קיין מאָל ניט געוועזענע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען, א דאַנק דעם וועלט־

קריעג: זי האָט בעשאַפען די פּאַקטישע מעגליכקייט פאַר אַ גרויסער פּאָליטישער אַקציאָן פון דעם אידישען פאָלק. ערשט איצטער קאָן גערעדט ווערען וועגען אַ פּאָליטישען ציוניזם, — אויב מען זאָל נאָך אָנווענדען דעם אַלטען אויסדרוק „ציוניזם" אויף אַ פּאָליטישען שריט פון דעם אידישען פאָלק, וואָס האָט מיט דער אַלטער ציוניס־טישער בעוועגונג, — סאַי אין איהר „חובבי־ציון" — פעריאָד, סאַי אין איהר דיפּלאָמאַטישען דר. הערצל־פעריאָד, סאַי אין איהר לעצטער פאַזע פון קליין־קאָלאָניזאַציע, — לחלוטין גאָר נישט ניט וואָס צו טהאָן.

ציוניסטען און ניט־ציוניסטען און אַנטי־ציוניסטען דאַרפען איצטער אין איינעם מאַכען אַ נייעם שריט, אויף וועלכען קיינער פון זיי האָט זיך פריהער ניט געקאָנט ריכטען, ווייל קיינער פון זיי האָט ניט געקאָנט פאָראויסזעהן בעפאָר, וואָס עס וועט גע־שעהן: אַז עס וועט אויסברעכען דער איצטיגער וועלט־קריעג, אַז די טערקיי וועט אין איהם ווערען אריינגעצויגען, אַז רוסלאַנד וועט אויפהויבען אַן אינוועניגסטען קאַמף אַנטקעגען דאָס אידישע פאָלק און אין דערזעלביגער צייט צווינגען עס, צו בעטייליגען זיך אין קריעג אויף איהר זייט, און אַז עס וועט בעשאַפען ווערען אַ פעלקער־טרי־בונאַל, צו וועלכען דאָס אידישע פאָלק וועט זיך קאָנען ווענדען מיט זיינע פאָדערונגען.

די נייע לאַגע דיקטירט אַ נייעם שריט, און דער נייער שריט צווינגט אַרויף די נויטווענדיגקייט פון אַ נייעם פּראָגראַם.

ווען דאָס אידישע פאָלק געהט — צום ערשטען מאָל אין זיין געשיכטע — צו אַ פעלקער־טריבונאַל פאָדערען זיינע רעכט, ווי אַ פאָלק, קאָן עס ניט קומען אָהין מיט מינימאַלע פאָדערונגען. די פאָדערונגען דאַרפען זיין צוגעפּאַסט צו דער גרויס און דער וויכטיג־קייט פון דעם היסטאָרישען מאָמענט, צו דער אויפריכטיגקייט פון דעם פאָלקס־ווילען און צו די אינטערעסען פון דער אינטערנאַציאָנא־לער פּאָליטיק.

דאָ קאָן ניט זיין די רעדע וועגען לייכטער מאַכען די עמיגראַ־ציע קיין ארץ ישראל, וועגען אַ „געזיכערטע היים אין ארץ ישראל", אפילו וועגען אַ „טשאַרטער אויף פּאַלעסטינאַ" אין דעם זין פון דעם „באַזעלער פּראָגראַם". מען ווענדט זיך דאָ ניט צו דער טערקיי,

ניט דירעקט, ניט אינדירעקט. מען ווענדט זיך דירעקט צו דעם פעלקער־טריבונאַל, אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ ראָליע די טערקיי זאָל אין איהם ניט שפּיעלען.

מיט די „דערלייכטערונגען", „היימען", „עפענטליך־רעכטליך געזיכערטע", אָדער פּשוט „געזיכערטע", — מיט די אַלע זאַכען קאָן זיך דער פּריעדענס־קאָנגרעס פערנעהמען נאָר ווי מיט פּאַלליאַטיוו־מיטלען צו פערבעסערען די אידישע לאַגע, אויב ער וועט זיין פער־אינטערעסירט אין דער אידישער לאַגע.

מיר אָבער דאַרפען זעהען, אַז אויף דער טאַגעס־אָרדנונג פון דעם פעלקער־טריבונאַל זאָל אָוועקגעשטעלט ווערען די אידישע פראַגע אין איהר גאַנצער גרויס און ניט נאָר פון אונזערט־וועגען, נאָר אויך פון זיינטוועגען.

דאָס קאָן געשעהן נאָר יעמאָלט ווען מיר וועלען אַרויסטרעטען מיט דער פאָדערונג פון אַן אַבסאָלוט פרייען, ניט־ראַלען, פּאָליטיש־זעלבסטשטענדיגען אידישען שטאַאַט אין ארץ־ישראל.

אַ נייער נייטראַלער אידישער שטאַאַט אין ארץ ישראל איז אַן עלעמענט, וואָס קאָן אַריינגעצויגען ווערען אין חשבון ביי דער בע־שאַפונג פון אַ נייעם פּאָליטישען גלייכגעוויכט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען לעבען. אַזאַ שטאַאַט קאָן העלפען (אָדער אויך שטערען) דער בעסערער אויסבאַלאַנסירונג פון די שטרייטענדע פּאָליטישע כחות.

העלפען אָדער שטערען? דאָס וועט דאַרפען אויסגעפינען דער פעלקער־טריבונאַל. אָבער נאָר אין אַזאַ פאָרם בעקומט פאַר איהם די פערענטפערונג פון דער אידישער פראַגע דעם ערנסט פון אַ פּאָ־ליטישען שריט, וואָס האָט אַן אינטערנאַציאָנאַלע בעדייטונג און וואָס קאָן ניט זיין גלייכגילטיג פאַר איהם.

מיר גלויבען, אַז אַזאַ נייטראַלער אידישער שטאַאַט קאָן נאָר העלפען אויסבאַלאַנסירען די שטרייטענדע כחות, וואָס זענען פּאָ־ליטיש פעראינטערעסירט אין סיריע און מעסאָפּאָטאַמיע; און דעריבער גלויבען מיר אויך אין דער מעגליכקייט, אַז דער פעלקער־

טריבונאל זאל אננעהמען אונזער פארשלאג. און וויבאלד **עס איז** געגעבען געווארען די מ ע ג ל י כ ק י י ט איז שוין דורכדעם אנ־געצייכענט געווארען דער חוב: ניט דורכצולאזען דעם היסטאָרי־שען מאמענט.

24טער אויגוסט, 1915.

ציוניזם און ארץ־ישראל.

עס בעוועגט זיך פּאַרט!

דאָס פערחלש'טע אידישע פאָלק הויבט אָן קומען צו זיך. און ניט נאָר איז ביי איהם דער לעבענס־אינסטינקט ערוואַכט געוואָרען, ניט נאָר דריקט ער אויף יעדען שריט אוים זיין ווילען צו אַ נאַציאָנאַלען זיין, נאָר דער ווילען זיינער הויבט זיך אָן צו קריסטאַליזירען אין בעשטימטע פּאָליטישע פאָדערונגען.

אין צוויי פּונקטען האָט ער, דער נאַציאָנאַלער ווילען געפונען זיין קלאָהרסטען אויסדרוק: נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג אין די גלות־לענדער און אָן אייגענע אידישע היים אין ארץ ישראל. מאַסען אידען פון אַ גאַנץ יאָהר, וואָס האָבען ביז אהער ניט געהאַט די געלעגענהייט זיך צו בעשעפטיגען מיט כלל־זאַכען, זענען איצטער ווען דער היסטאָרישער מאָמענט האָט אַרויסגעצוואונגען אויף זיי דעם חוב צו טראַכטען וועגען דעם כלל, צוגעשטאַנען צו יענעביידע פּאָדערונגען, ווייל זיי פיהלען און פערשטעהן, אַז אין זיי ווערט אויסגעדריקט אַלץ, אין וואָס עס נויטיגט זיך איצטער דאָס אידישע פאָלק.

נאָר אַ טייל פון די גלות־נאַציאָנאַליסטען און די טעריטאָריאַליסטען שטעהען נאָך פון דער ווייט, און צו דעם טייל געהערט נאָך דערווייל דאָס רוב פון דער נאַציאָנאַל־געשטימטער אידישער אַרבייטערשאַפט. נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג — דאָס יע. אָבער ארץ ישראל? מען האָט דעם לאָזונג און די פּאַרטיי, וואָס האָט איהם אַרויסגעשטעלט, צו לאַנג בעקעמפּט, צו לאַנג געהאַסט, מען זאָל זיך קאָנען אַזוי לייכט אויסאיינען מיט איהם.

— ארץ ישראל, — דאָס איז דאָך ציוניזם! שרייט מען אוים אין אַנגסט! ווי קאָנען מיר געהן העלפען דעם ציוניזם?

איז אָבער „ארץ ישראל" ציוניזם?

דער ציוניזם, ווי ער האָט זיך היסטאָריש אויסגעבילדעט, בע־

שטעהט ניט נאָר פון דער פאָדערונג, ארץ ישראל זאָל געהערען דעם אידישען פאָלק. ווארפט איהר אראָב פון חשבון א פאָר הייפלעך פועלי־ציון (פון דעם ראדיקאלען פליגעל) און א פאָר פאָליטישע ציוניסטען פון דעם אלט־הערצל׳שען חדר און איהר טראכט זיך אריין אין יענע גייסטיגע שטרעמונגען, וואס בעלעבען די ציוניסטישע מאסען, וועט איהר לייכט בעמערקען, אז דער ציוניזם איז ניט נאָר איין־איינציגע פאָליטישע פאָדערונג. ער איז א גאנצע וועלט־אנשויאונג, פון וועלכע די ארץ ישראל פאָדערונג איז נאָר איין פונקט, — אמת א צענטראלער.

די נשמה פון דעם ציוניזם איז די ראָמאנטיק פון דער ווייטער אידישער פערגאנגענהייט, דער ציוניסט וויל צוריקקעהרען דאס גאנצע פאָלק צו יענער צייט, ווען אידען האבען געלעבט אין ארץ ישראל, איידער דעם צווייטען חורבן; צוריקקעהרען צו אן עפּאָכע, וואס ליעגט א פאָר טויזענט יאָהר הינטער אונז. פערשטעהט זיך, אז ניט אלץ, וואס איז געוועזען לעבעדיג אין יענער עפּאָכע וויל ער ווידער בעלעבען און ניט צוליעב דעם שלעפּט ער אונז צוריק, כדי מיר זאָלען נאָך א מאָל דורכלויפען, אין אן איבערגעקעהרטען סדר, אונזער אלט געשיכטליך לעבען.

מיר זאָלען, זאָגט דער ציוניסט, זיך אומקעהרען צו דער בר־כוכבא פעריאָדע, ניט כדי צו געהן ווייטער צוריק, נאָר כדי אָנהויבען א נייעם וועג פאָראויס, — א נייעם וועג, אן אייגענעם וועג. די פאָרשטעלונג פון דעם אייגענעם וועג פאר דער אידישער היסטאָרישער ענטוויקלונג איז איינער פון די כאראקטעריסטישסטע שטריכען פון דעם מאָדערנעם ציוניזם. ער איז ניט צופריעדען מיט די וועגען, אין וועלכע די איצטיגע פּראָגרעסיווע מענשהייט, רייסט זיך צו א בעסערער צוקונפט, ער לייקענט אָב יענע ציוויליזאציע, וואס איז אויסגעוואקסען ביי די ארישע פעלקער פון דעם אייראָפּע־איש־אמעריקאנישען קולטור־קרייז.

דער ציוניזם גלויבט, אז די סעמיטען האבען אן אייגענעם וועג, אייגענע, גאנץ אנדערע פּרינציפּען פון דער מענשליכער קולטור, אָריענטאלישע פּרינציפּען, וואס שטעהען העכער פאר די מערב־אייראָפּעאישע, אָדער וואס זיינען לפחות גלייכבערעכטיגט מיט זיי. פאר אונז, מיינט ער, איז דער סעמיטישער אָריענטאליזם

בעסער אַנגעמאָסטען, איידער דער ארישער איראָפּעאיזם, ווייל אין אונזערע אָדערען פליעסט דאָס ריינע אָריענטאַליש־סעמיטישע בלוט. פּסיכאָלאָגיש פיהלט ער זיך, דער ציוניזם, א סך נעהנטער צו דעם טערקיש אראבישען מאָהאַמעדאניזם, איידער צו דעם איראָפּעאיש־אמעריקאנישען קריסטענטום, און איז אינסטינקטיוו פיינדליך צו יענעם ראדיקאלען געדאנק, וואָס איז אויסגעוואקסען פון דער איי־ראָפּעאיש־אמעריקאנישער קולטור.

דערצו איז יעדער ציוניסט אין א געוויסען גראד אַן אָנהענגער פון דער יודאאיסטישער רעליגיע. שוין גאָר אין אָנהויב פון דער בעוועגונג האָט דער ציוניזם אָנגעהויבען קאָקעטירען מיט איהר. „דער ציוניזם איז א צוריקקעהר צו דעם יודענטום, איידער דער צו־ריקקעהר אין דאָס אידישע לאַנד“, — האָט שוין דר. הערצל פאָר־מולירט דעם געדאנק, און דער דאָזיגער צוריקקעהר איז געווען ניט נאָר א טאַקטישער, א דעמאַגאָגישער איינגריף, כדי צו געווינען די פרומע מאסען פאר דעם פּאָליטישען אידעאַל. דאָס האָט גענומען זיך ארויסוויקלען פון דעם ציוניזם זיין אינוועניגסטער פּסיכאָלאָגי־שער תוך. דאָס איז געווען זיין זיך־על־חטא־שלאָגען פאר דעם איי־ראָפּעאיזם, מיט וועלכען די נשמה האָט פריהער געלעבט; א איך־אין־שטויב־ווארפען פאר דעם אָרון־קודש, צום אויסדרוק פון דעם אָריענטאַלישען סעמיטיזם.

דער ציוניזם איז דעריבער תמיד געווען געגען אונזער גאנצען גלות־לעבען, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט, שפּיעלט זיך אָב און וועט זיך אָבשפּיעלען צווישען די ארישע פעלקער פון דעם איראָ־פּעאיש־אמעריקאנישען קולטור־קרייז. ער האָט פיינד דאָס גלות־לעבען. לויט זיין אינוועניגסטער טבע, קאָן ער ניט שטעהן פאר נאציאָנאַלער גלייכבערעכטיגונג, ווייל דאָס גיט כחות דעם פאָלק צו בלייבען אין גלות. אויף אונזער גאנצער געשיכטליכער לעבען צווישען די פעלקער קוקט ער, ווי אויף איין איינציגע פינסטערע פעריאָדע, וואו נאָר איין זאך איז אין זיינע אויגען געווען גרויס און הייליג: די בענקשאפט נאָך ארץ־ישראל. דער ציוניסט אנערקענט דעם גלות נאָר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דער גלות לייקענט זיך אליין אָב. און ער וויל ניט גלויבען, אז מיר זאָלען קאָנען ווייטער לעבען צווישען די פעלקער, ווי א בעזונדער פאָלק.

אַט די אַלע אינוועניגסטע מאָמענטען פון דעם ציוניזם, — זיין עבר־ראָמאַנטיק, זיין אָריענטאַליזם, זיין אַנטי־אייראָפּעאיזם, זיין יודאאיזם, — האָבען איהם דיקטירט זיין שטעלונג אין דער ברענענדיגסטער פראגע פון אונזער צייט, אין דער שפּראַכען־פראַגע. דער ציוניזם מוז שטעהן פאר העברעאיש, ווייל דער העבראַאיזם איז דער קאָנקרעטער אויסדרוק פון אַלע יסודות, אויף וועלכע עס רוהט די ציוניסטישע וועלט־אַנשויאונג.

העברעאיש איז א שטיק ראָמאַנטיק פון דעם עבר, און דאָס בעסטע מיטעל צו פערבינדען אונז מיט דער גאַנצער עבר־ראָמאַנטיק. ער איז דער אויסדרוק פון דעם אָריענטאַלישען סעמיטיזם, און איז די פאָרם, אין וועלכער עס קאָן זיך ווייטער ענטוויקלען א אידישע אָריענטאַליש־סעמיטישע קולטור. די העברעאישע שפּראַך גיט כחות צו פעראַכטען אידיש און צו האַסען דעם אידישיזם.

און דעם אידישיזם מוז דער ציוניסט האַסען, ווייל ער, דער אידישיזם, איז דער לעבעדיגסטער פּראָטעסט אַנטקעגען אַלע יסודות פון דער ציוניסטישער וועלט־אַנשויאונג און א געפאהר פאַר זייער עקזיסטענץ.

די אידישע שפּראַך איז די אידישע געגענוואַרט, פול מיט אַלע לעבענס־כחות פון דעם היינט; זי איז אַזוי פערבונדען מיט דער אידישער געגענוואַרט, אַז אפילו דער ציוניסט, ווען ער וויל עפּעס אויפטהאָן פאַר זיין אידעאַל, ווען ער איז געצוואונגען זיך אַראָבצולאָזען צו די גלות־מאַסען, האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט: ער מוז צו זיי רעדען אידיש.

און די אידישע שפּראַך איז אַ שטיק אייראָפּעאיזם, אַ שטיק אַרישע נשמה, וועלכע מיר האָבען אַריינגענומען אין זיך און צונויפגעגאָסען מיט דער אייגענער נשמה אַזוי, אַז זי איז שוין איצטער ניט קיין סעמיטישע נאָר אַן אַריאָ־סעמיטישע, ווי אונזער נוּף איז שוין ניט מעהר קיין ריין סעמיטישער, נאָר אַן אַריאָ־סעמיטישער, א דאַנק די שטראָמען אַרישע בלוט, וואָס זענען אַריינגעפלאָסען אין אונזערע אָדערן אין דעם לאַנגען משך פון אונזער לעבען צווישען די אַריער.

דער ציוניזם האַסט די אידישע שפּראַך אויך דערפאַר, וואָס זי איז א געפעהרליכער קאָנקורענט פאַר דעם „יודאאיזם", ווי פאַר

דאָס איינציגע מיטעל, זיך צו דערהאַלטען אין גלות. א פאָלק קאָן זיך דערהאַלטען אין דער פרעמד אָדער דורך א קינסטליך אויפ־געבויטער רעליגיע, אָדער דורך א נאַטירליך וואַקסענדער שפּראַך און קולטור. דער אידישיזם בויט די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק אויף דער אידישער שפּראַך. א קינד פון דעם ראַדיקאַלען, אייראָפּעאישען געדאנק, זעהט ער צו מאַכען די אידי־שע שפּראַך פאר יענער קראַפט, וואָס זאָל אונז בעפרייען פון דער נויטוועגדיגקייט צו האָבען אן אייגענע אידישע רעליגיע.

און די צוקונפט־ראָמאַנטיק פון אידיש איז א געגען־גיפט אנט־קעגען דער עבר־ראָמאַנטיק פון דעם העברעאישען ציוניזם, ווייל דער לאָגישער ענד־ציעל פון דעם „אידישיזם" בעשטעהט אין דעם, צו בערייכערען די מענשהייט מיט א נייער ארט אַלגעמיין־מענש־ליכע, ד. ה. א י י ר אָ פּ ע א י ש ע, קולטור אין דער אידישער שפּראַך. דער אידישיזם מוז דעריבער זיין ניט נאָר קאַלט, נאָר פיינדליך צו דער גאַנצער עבר־ראָמאַנטיק פון דעם אָריענטאַליסטי־שען ציוניזם און צו זיין קאָנקרעטען אויסדרוק, דעם העברעאיזם.

דאָס פעשרטעהט און פיהלט דער ציוניסט און דעריבער קעמפט ער אזוי הארטנעקיג אנטקעגען דעם גלות־נאַציאָנאַליזם און זיין קאָנקרעטען אויסדרוק, דעם אידישיזם.

איהר זעהט: דער ציוניזם איז ניט נאָר א פּאָליטישע פאָדע־רונג, „ארץ־ישראל פאר אידען". דאָס איז א גייסטיגע שטרעמונג, מיט א סעמיטישען, אָריענטאַליש־ראָמאַנטישען גרונד־טאָן. דאָס איז א סיסטעם מיט א הויפּט־פּרינציפּ, וואָס בעשאַפט א געוויסע שטעלונג ניט נאָר צו דעם אידישען לעבען, נאָר צו די פּראָבלעמען פון'ם מענשליכען לעבען בכלל; דאָס איז א וועלט־אנשויאונג, אויס־געבויט אין דעמזעלביגען סטיל, ווי דער פּאַנסלאַוויזם אין רוס־לאַנד און דער פּאַנגערמאַניזם אין דייטשלאַנד.

דער, וואָס איז א ציוניסט, מוז, פערשטעהט זיך, פאָדערן ארץ־ישראל פאר אידען. אבער מוז איינער, וואָס פאָדערט איצטער ארץ־ישראל פאר דעם אידישען פאָלק, ווערען א ציוניסט? אויב יעדער עפּעל־בוים מוז זיין א בוים, מוז יעדער בוים זיין דוקא אן עפּעל־בוים?

מוזען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, ווען זיי זענען צו־

געשטאַנען צו דער בורזשואַזיע און דעם אדעל, כדי אין איינעם צו קעמפען פאַר דעם פאָטערלאַנד, ווערן פאַנגערמאַניסטען? מוזען פליעכאַנאָוו און קראָפּאָטקין, בעת זיי האָבען זיך סאָלידאריזירט מיט דעם איצטיגען קריעג, וואָס די רוסישע רעגירונג פיהרט, אָנהויבען גלויבען אין דעם פאַנסלאַוויזם?

ניין, זיי מוזען דאָס בשום אופן ניט! און אַזוי וועט אויך די אידישע ארבייטערשאַפט, אַזוי וועלען אויך אידישע סאָציאַליסטען, ווען זיי וועלען אויפהויבען, אין איינעם מיט דעם גאַנצען אידישען פאָלק, די פאָדערונג פון ארץ־ישראל פאַר אידען, האַלטען אין גאַנצען פריי די דאָזיגע פאָדערונג פון אַ וועלכער עס איז ציוניסטישער בעפּארבונג.

פאַר די אידישע ארבייטער דאַרף ארץ־ישראל זיין ניט מעהר, ווי דאָס, וואָס עס ליעגט אין דעם וואָרט „ארץ־ישראל“: *אַ אידיש לאַנד*. עס האָט זיך היסטאָריש געמאַכט, אַז גראַד איצטער איז אויסגעוואַקסען די מעגליכקייט, צו בעקומען אַ אידיש לאַנד. עס האָט זיך היסטאָריש געמאַכט, אַז די מעגליכקייט איז איצטער פערבונדען נאָר מיט פּאַלעסטינאַ; אַז וויכטיגע טיילען פון דעם אידישען פאָלק טראַכטען נאָר וועגען *דעם* לאַנד, און ניט קיין אַנדערן; אַז וויכטיגע פּאָליטישע פאַקטאָרען פון דער ניט־אידישער וועלט רעדען נאָר וועגען דעם לאַנד, ווי אַ צוקינפטיגע אידישע היים, און ניט וועגען אַן אַנדער לאַנד.

דער ציוניזם איז אַ וועלט־אַנשויאונג ווי דער פאַנסלאַוויזם און דער פאַנגערמאַניזם. „ארץ־ישראל“ איז אַ טעריטאָריע, ווי אַלע אַנדערע טעריטאָריעס.

דער היסטאָרישער מאָמענט צווינגט איצטער די אידישע ארבייטער־שאַפט, צו געהן אין איינעם מיט דער ציוניסטישער בורזשואַזיע, כדי ניט דורכצולאָזען די אפשר איינציגע מעגליכקייט, צו בעקומען אין גיכען אַ לאַנד. דאָס איז איהר חוב, און דעם נאַציאָנאַלען חוב איהרען וועט די אידישע ארבייטערשאַפט מוזען ערפילען מיט ניט ווייניגער איבערגעבענקייט, איידער דאָס טהוט יעדער פּראָלעטאַריאַט בנוגע צו די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון זיין פאָלק.

מיר מוזען זיך מודה זיין, אַז די ציוניסטישע בורזשואַזיע האָט

אין דעם איצטיגען מאָמענט ארויסגעוויזען א סך פּאָליטישען [illegible], א סך ערנסטע איבערגעבענקייט צו אונזערע אַלגעמיין נאַציאָנאַלע אינטערעסען.

גאַנץ להיפּך צו איהר אייגענער וועלט־אַנשויאונג, שטעלט זי אַרויף אויף איהר פּראָגראַם די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג אין די גלות־לענדער, וויסענדיג גאַנץ גוט, אז אַ קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט אין אַ קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, נאָר פאַר וועמעס רעכט מיר מוזען קעמפען, — נאָר א י ד י ש.

דאָס גיט די מעגליכקייט דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט צו געהן האַנד אין האַנד מיט דער ציוניסטישער בורזשואַזיע.

אָבער אריינטרעטענדיג אין א פערבאַנד מיט איהר, האָט דער פּראָלעטאַריאַט קיין ברעקעל אינטערעס ניט, צו פערשמירען די גענענזעצען, וואָס עקזיסטירען צווישען זיין וועלט און דער רעאַקציאָנערער וועלט.

ער וועט געהן אין דער פעראייניגונג מיט אָן אָפענעם וויזיר, מיט א פאַנאַנדערגעוויקעלטער פאָהן. עס וועט ביי קיינעם קיין ספק ניט זיין, אז די אידישע ארבייטער קעמפען פאַר ארץ־ישראל, ניט צוליעב דעם, מען זאָל דאָרטען פערווירקליכען די סעמיטיש־אָריענטאַלישע ראָמאַנטיק פון דער ציוניסטישער בורזשואַזיע; נאָר צוליעב דעם, כדי צו פערשאַפען פאַר מיליאָנען פון אידען א פּלאַץ, וואו זיי זאָלען קאָנען פריי ארבייטען און פריי לעבען און וואו די אידישע ארבייטערשאַפט זאָל קענען לייכטער דורכפיהרען יענע היסטאָרישע מיסיע, וואָס ליעגט אויף די אַקסלען פון יעדען פּראָלעטאַריאַט: אריינטראָגען די פאָדערונגען פון דעם אַלגעמיין־מענשליכען פּראָגרעס אין אַלע ווינקעלעך פון דעם פאָלקס־לעבען און אָנפיהרען דעם קאַמף פון דעם פּראָגרעס אַנטקעגען אַלע יענע רעאַקציאָנערע כחות, וואָס ווילען איהם דערשטיקען.

15טער יולי, 1915.

דאָס רעכט אויף ארץ־ישראל.

מיר אידען, דארפען האָבען אן אייגען לאנד.

עס מאכט ניט אויס, וואָס פאר א לאנד דאָס זאָל ניט זיין. אויב דאָס קאָן נאָר קולטיווירט ווערען מיט מעשנליכען שכל און מענשליכע הענד, וועלען מיר אָנוועגדען אלע מיטלען, וועלכע די וויסענשאפט גיט אונז, כדי צו מאכען דאָס פרוכפעריש, כדי צו בעשאפען דערפון אַ היים פאר דעם ארבייטענדען אידען.

דאָס איז דער תמצית פונ׳ם טעריטאָריאליזם. ווי מען זעהט, קאָן ער אין פרינציפּ ניט אויסשליסען ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז א לאנד, א טעריטאָריע, אקוראט אזוי ווי אוגאנדא אָדער אי־טאליע.

איז דאָס אזא לאנד, ווי איטאליע, ד. ה., א לאנד, וואָס האָט שוין א פעסטען באלאבאָס, א מעכטיגען אויבערהאר, א פאָלק וואָס בעבויט עס, בעשירעמט עס און וועט עס בשום אופן ניט ניט ארויסלאָזען פון זיינע הענד, יעמאָלט האָבען מיר, אידען, ניט צו טראכטען וועגען דעם.

אויב אָבער ארץ־ישראל איז נאָך ניט אין גאנצען „איטאליע", אויב עס האָט געגוג פּלאץ פאר א אידישער בעפעלקערונג, וואָס זאָל קאָנען ווערען אין איהר א מאיאָריטעט, אויב די רעכט און די מאכט פון אראבער איבער ארץ־ישראל, זענען ניט אזוי אבסאָלוט זיכער און אָנגעזעהן אין דער וועלט, ווי די רעכט און די מאכט פון די איטאליענער איבער איטאליע, יעמאָלט טאָהר קיין טעריטאָריאליסט ניט זאָגען מיט אַן אבסאָלוטער פעסטקייט, אז ארץ ישראל קאָן ניט ווערען דאָס לאנד פון א פּאָליטיש־זעלבסטשטענדיגער אי־דישער היים.

מיט אנדערע ווערטער הייסט דאָס, אז אונטער געוויסע אומשטענדען, קאָן ארץ־ישראל ווערען א פאָדערונג אויך פאר דעם אידישען טעריטאָריאליסט.

און אזוי איז עס באמת. דער טעריטאָריאַליזם האָט נאָך קיין מאָל ערגעץ ניט דערקלערט, אז ער שליעסט לגמרי אויס ארץ־ישראל פון יענע לענדער, וואו עס קאָן גאַנץ אָדער טיילווייז, פערווירקליכט ווערען זיין אידעאל.

על־כל־פּנים איז דאָס אן אינוועניגסטער סכסוך צווישען די טעריטאָריאַליסטען גופא.

אייניגע פון זיי קאָנען האַלטען, אז ארץ־ישראל איז נאָך „בבחינת אוגאַנדא", אנדערע ווידער קאָנען זיין איבערצייגט, אז פּאַלעסטינא איז שוין „בבחינת איטאַליע", אָבערביידע מוזען זיי צוגעבען, אז זיי זענען ניט קיין פּ ר י נ צ י פּ י ע ל ע געגנער פון ארץ־ישראל. די ארץ־ישראל פראגע איז א טאַקטישע און א פּראַקטישע פראגע פאר דעם טעריטאָריאַליסט. געפינט ער, אז אין דעם איצטיגען היסטאָרישען מאָמענט און אונטער געוויסע בעדינגונגען קאָן פּאַלעסטינא ווערען אונזער פּאָליטיש־זעלבסטשטענדיגע היים, וועט ער געהן אין איינעם מיט דעם ציוניסט אויף אזוי ווייט, אויף וויפיעל זיי ביידע האָבען איין און דעמזעלבען ציעל: בעקומען ארץ־ישראל פאר אידען.

דערפון איז געדרונגען, אז „ציוניזם" און „ארץ־ישראל" איז ניט איין און די זעלביגע זאַך, און אז דער טעריטאָריאַליזם בכלל איז ניט קיין סתירה צו דער ארץ־ישראל פאָדערונג.

די פאָדערונג געהט להיפך נאָר צו א קלייניגקען טייל פון יענע טעריטאָריאַליסטען, וואָס גלויבען באמונה שלמה, אז ארץ־ישראל איז שוין אויף אייביג פערלאָרען פאר אונז; אז אלע „אוגאַנדעס" זענען כשר, חוץ פּאַלעסטינא, ווייל זי איז שוין אוועקגעגעבען געוואָרען דעם אראַבער בחופה וקדושין און אז דעריבער קאָנען אלע די, וואָס שדכנ'ען זיך צו איהר, געשטרויכעלט ווערען רחמנא לצלן, מיט דער עבירה פון „אשת־איש".

איך בין אויך א טעריטאָריאַליסט, נאָר אין דעם פאַל האָב איך פאר יענער עבירה א ברעקעל קיין מורא ניט.

ס'איז אמת, איך האָב אליין געזאָגט: „ארץ־ישראל איז א שעהנע כלה, נאָר זי האָט שוין א חתן". אָבער קאָנסטאַטירענדיג דעם פאַקט, וואָס דער אראַבער איז איצטער דער פאַקטישער באַלאַבאָס א י ן ארץ־ישראל, האָב איך קיין מאָל ניט געהאַט אין זין צו

בעהויפּטען, אז ער איז דער רעכטליכער באַלאַבאָס **אויף** ארץ־ישראל.

און פון וועלכען שטאַנדפּונקט וואָלט איך דאָס געקאָנט טהאָן? ניט דאָס אַלטע פעלקער־רעכט, ניט דאָס נייע קאָנען דעם אַראַבער אַזאַ שטעלונג ניט צושרייבען.

דאָס אַלטע אינטערנאַציאָנאַלע רעכט איז געגרינדעט אויף דעם פּרינציפּ פון עראָבערונג. „מיין" איז דאָס, וואָס איך האָב איינגענומען „בחרבי ובקשתי". פון דעם שטאַנדפּונקט האָט ארץ־ישראל שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַן אַראַביש לאַנד. סיריען און פּאַלעסטינאַ זענען פון די אַראַבער איינגענומען געוואָרען אין דער ערשטער העלפט פון דעם זיבענטען יאָהרהונדערט; אָבער אין דעם אָנהויב פון דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט זענען די לענדער אריבערגעגאַנגען צו דער טערקיי און פון יעמאָלט אָן געפינען זיי זיך, — מיט אַ קליינעם איבעררייס, — אין טערקישע הענד. אין 1832 האָט דער אַראַבישער פּאַשאַ, מוהאַמעד אַלי, אָבגענומען פּאַלעסטינאַ פון דעם טערק, אָבער אין 1840 האָט טערקיי, מיט דער הילף פון דעם ענגלישען פלאָט, וויעדער צוריקגעריסען די הערשאַפט צו זיך.

לויט דעם אַלטען פעלקער־רעכט איז פּאַלעסטינאַ דעריבער אַ טערקישע פּראָווינץ, און טערקיי קאָן מיט יענער פּראָווינץ טהאָן וואָס זי וויל, פערקויפען אָדער אוועקשענקען, אָדער אויסבייטען אויף אַן אַנדער לאַנד, זיך אַ ברעקעל ניט גערעכענט מיט דעם ווילען אָדער ניט־ווילען פון דער אַראַבישער בעפעלקערונג.

נאָך דעם איצטיגען קריעג וועט ארץ־ישראל געהערען צו דעם, וועמען דער פריעדענס־קאָנגרעס וועט בעשטימען פאַר איהר באַלאַבאָס. עס איז גאַנץ זיכער, אַז דער פריעדענס־קאָנגרעס וועט זיך רעכענען מיט דעם ווילען פון די אַראַבער, אָבער ניט ווי מיט אַ צד, וואָס האָט אַ **רעכט** אויף סואווערעניטעט אין פּאַלעסטינאַ, נאָר ווי מיט אַ פאַקטישער מאַכט, וועמעס אינטערעסען מען דאַרף אריינרעכענען אין חשבון. „אריינרעכענען אין חשבון", אָבער ניט מעהר. פאָדערען קאָנען די אַראַבער נאָר, אַז ווער עס זאָל ניט זיין זייער נייער פּאָליטישער באַלאַבאָס, זאָלען ניט געשמעלערט ווערען יענע רעכט זייערע, וואָס זיי האָבען געהאַט ביז אַהער, אַז זיי

זאָלען אויסגעגליכען ווערען אין זייערע בירגערליכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט מיט די קינדער פון יענעם פאָלק, וועמען עס ועט איבערגעגעבען ווערען די שטאַאטליכע סואווערעניטעט.

די פּרינציפּען פון דעם נ י י ע ם פעלקער־רעכט קאָנען אוראי ניט בעטראַכטען דעם אראַבער פאַר דעם רעכטליכען באַלע־באָס אין ארץ־ישראל.

דאָס נייע פעלקער־רעכט איז נאָך ערגעץ ניט אריין אין לע־בען. אָבער ער איז שוין פּראָקלאַמירט געוואָרען אין דער סאָציאַ־ליסטישער טעאָריע, און מיר, סאָציאַליסטען, זענען מחויב צו האַל־טען זיך פאַר איהם און צו קעמפען פאַר איהם.

זיין גרונד־פּרינציפּ איז ארויסגעזאָגט און וויסענשאַפטליך אָנגעווענדעט געוואָרען אין דעם דריטען באַנד פון קאַרל מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל״. דאָרטען בעווייזט דער גרעסטער טעאָרעטיקער פון דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע און דעם סאָציאַליזם, אַז ערד, לאַנד קאָן ניט זיין קיין אייגענטום, ניט נאָר ניט פון איינצעלנע מענשען, נ אָ ר א ו י ך פ ו ן א ג א נ צ ע ן פ אָ ל ק.*)

ערד און לאַנד קאָנען נאָר זיין אין „ב ע ז י ץ״, אָבער ניט אין „אייגענטום״. דער בעזיץ־רעכט אויף ערד און לאַנד קאָן, לויט דעם נייען, סאָציאַליסטישען שטאַנדפּונקט, שטאַמען ניט פון עראָבערונג, ניט פון קויף־און פערקויף, ניט פון פּריוואַט־רעכטלי־כע אָבמאַכונגען, נאָר איינציג און דורכאויס פון מ ע נ ש ל י כ ע א ר ב י י ט.

נאָר דאָס, וואָס איך בעארבייט מיט מיינע הענד, נאָר דאָס איז „מיינע״. קיין פאָלק קאָן ניט ארויפלעגען זיין האַנד אויף ניט בעארבייטע ערד און זאָגען, "דאָס איז מיין" און פערוועהרען וועמען עס איז צו קומען און צו בעארבייטען עס.

פון א סאָציאַליסטישען רעכט־שטאַנדפּונקט האָבען די אראַבער א רעכט אין ארץ־ישראל, נאָר אויף אזוי פיעל לאַנד, וויפיעל זיי בעארבייטען מיט זייערע אייגענע אראַבישע הענד. עס איז אָבער דאָ אין ארץ־ישראל א היבשע מאסע ניט בעזעצטע לענדערייען,

*) זעה באריכות וועגען דעם די בראשור: „ארץ־ישראל און די אי־דישע ארבייטערשאַפט״ דאָס קאַפּיטעל: „די אראַבישע פראַגע״.

וואָס קאָנען, ביי אן אינטענסיווערווירטשאפט, געבען חיונה א סך א גרעסערער בעפעלקערונג, איידער די איצטיגע אראבישע. און איך זעה ניט איין, מיט וועלכען יושר וואָלט מען געקאָנט פערוועהרען אידען צו פאָהרען אהין, צו בעארבייטען יענע לענדערייען, צו ענט־וויקלען אינדוסטריע און האנדעל אין די שטעדט און צו ווערען די מאַיאָריטעט אין דעם גאנצען לאנד.

בעת איך האָב געזאָגט, אז „ארץ־ישראל האט שוין א חתן", האָב איך דערמיט געמיינט, אז דער איצטיגער פאַקטישער באַלאבאָס אין ארץ־ישראל, דער אראבער, וועט, אונטער דער טערקישער הערשאפט, זיך ניט רעכענען מיט דעם יושר און וועט ניט ד ע ר ל אָ ז ע ן, אז אידען זאָלען ווערען די מאַיאָריטעט. ער וועט דולדען אונזער קאָלאָניזאציע אזוי לאנג, ווי ער וועט קאָנען פראָפיטירען פון איהר, און אזוי לאנג ווי מיר וועלען נאָך זיין אין א פערשווינדענדען מיעוט. קוים וואקסט אָן אונזער בעפעלקערונג צו שטארק, אזוי דארפען מיר זיך רעכענען מיט אן אויפשטאנד פון די אראבער און מיר קאָנען לכתחילה זיין זיכער, אז דער טערק וועט אונז ניט קאָנען בעשיצען פון זיי, ווייל עס וועט זיך איהם ניט לוינען איינצורייסען זיך מיט די אראבער. דערפאר בין איך געווען געגען דעם, מיר זאָלען לעגען וועלכע עס איז טעריטאָריאַליסטישע האָפנונגען אויף ארץ־ישראל, אויב מיר קאָנען ניט געווינען די אראַבער אויף אונזער זייט.

איצטער איז אָבער די לאגע א גאנץ אנדערע. די איצטיגע באַלאַבאַטים פון דעם ערד־באָל, די גרויס־מעכטען, וועלען דארפען בעשטימען דעם גורל פון אלע טערקישע פראָווינצען און אויך פון ארץ־ישראל. זיי ק אָ נ ע ן בעשטימען, אז פאַלעסטינא זאָל ווערען א פאָליטיש אונאבהענגיגער שטאאט; אז די ניט בעזעצטע לענדערייען זאָלען איבערגעגעבען ווערען דעם אידישען פאָלק; אז יעדעס פאָלק, וואָס וועט וואוינען אין דעם נייען שטאאט, זאָל זיין אויטאָנאָם אין זיין אינווענייגסטען נאציאָנאַל־קולטורעלען לעבען.

וואָס קאָן דאָ דער „חתן" טהאָן? ניט ער האָט א רעכט, זיך צו שטעלען אנטקעגען דעם, ניט ער קאָן האָבען די מאכט צו געהן אנטקעגען דעם ווילען און דעם בעשלוס פון די גרויס־מעכטען.

דר. ח. זשיטלאָווסקי

מיר אָבער האָבען איצטער א רעכט צו פאָדערן, אז מען זאָל אונז לאָזען גרינדען אין ארץ־ישראל א פּאָליטיש־זעלבסטשטענדיגע היים, א ברעקעל ניט פערשמעלערענדיג יענע רעכט, וועלכע עס קומט על פי דין און על פי יושר דעם אראבישען פאָלק.

25טען יולי, 2915.

דער אַרבייטער און זיין פאָלק.

דער איצטיגער וועלט־קריעג וועט צווינגען די אידישע סאָציאַליסטישע וועלט קריטיש איבערצוקוקען אַ סך פון איהרע איינגעפונדעוועטע אַני־מאמין׳ס.

קיין חדוש ניט! די הערשענדע סאָציאַליסטישע טעאָריע איז אַ פראָדוקט פון דעם ווירקליכען לעבען, אויסגעוואַקסען פון געוויסע אומשטענדען. זי וויל פערשטעהן די הערשענדע אומשטענדען, בעלייכטען מיט׳ן שכל די קרעפטען, וואָס ווירקען אין דער געזעלשאַפט, און בעגרייפען די טענדענצען, וואָס וואַקסען פון זיי ארויס.

בייטען זיך די אומשטענדען, קומען פאָר איבערראַשענדע ענדערונגען אין דער ווירקליכקייט, אַזוי מוז זיך דאָס פריהער אָדער שפּעטער אָברופען אויף דער טעאָריע. אַלטע געדאַנקען שטויסען זיך צונויף מיט נייע פאַקטען, און — וועה צו די געדאַנקען, וואָס דארפען אויסהאַלטען אַזאַ צונויפשטויס! עס איז אַ צער־בעלי־היים אויף יענער טעאָריע, וואָס פערלירט דעם באָדען פון די פאַקטען אונטער זיך. איהרע וואָרצלען קענען מעהר ניט ציהען קיין היונה, זי פערדאַרט און ווערט סוף־כל־סוף אַרויסגעריסען און ארויסגעקעהרט פון דעם עפענטליכען בעוואוסטזיין, ווי אַ טויטע געוויקס, וואָס שטערט דעם אויפגאַנג פון נייע, לעבענספעהיגע פלאַנצען.

איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען אַ גאַנצען צעטעל פון אַזעלכע פערדאַרטע „אַני־מאמין׳ס“, וואָס מען וועט מוזען אויסוואָרצלען פון דער אידישער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג. דאָ וויל איך מיך אָבשטעלען דערווייל אויף אַ פאָר אַזעלכע „אמת׳ען“, וואָס פערצאַמען דעם וועג דעם אידישען פראָלעטאַריאַט אין דעם איצטיגען ברענענדען מאָמענט.

איך האָב דאָ אין זין די הערשענדע אַנשויאונגען וועגען דער

פּסיכאָלאָגיע פון דעם ארבייטער און וועגען זיין שטעלונג צו דעם נאציאָנאלען פּראָבלעם.

די „פּראָלעטארישע פּסיכאָלגיע" שפּיעלט זעהר א גרויסע און וויכטיגע ראָלע אין דער הערשענדער סאָציאַליסטישער וועלט־אנ־שויאונג. דער סאָציאַליסט איז בעשטרעבט צו־צופּאסען אַלע זיינע אידעען און בעשטרעבונגען צו „דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם פּראָלע־טאריאט". ער וויל ניט נאָר פערטיידיגען די אינטערעסען פון דעם ארבייטער, נאָר אויך קוקען אויף אַלץ מיט דעם ארבייטער'ס אויגען. ער זוכט אויסצוגעפינען וואָס איז דער בעגעהר פון דעם ארבייטער'ס הארצען, און ווי אזוי מוז זיך אויסמאָלען די וועלט אין דעם ארבייטער'ס מוח.

דער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער (פון דער איצטער הער־שענדער ריכטונג), וויל נאָר ברענגען אין א סיסטעם און קלאָר מאַ־כען די האַלב־אונבעוואוסטע געדאנקען, די האַלב־קלאָהרע געפיהלען און שטרעבונגען, וואָס ווערען געבוירען אין דעם פּראָלעטאריאט. ער זוכט אויסצוגעפינען, פאר וואָס דער פּראָלעטאריאט מוז לעבען מיט אזעלכע געפיהלען און ניט מיט קיין אנדערע; פארוואָס אויף זיין מוח מוזען האָבען א שליטה נאָר אזעלכע געדאנקען און ניט קיין אנדערע. ער זעהט וויסענשאפטליך פאָראויסצוזעהן, וואָס אזוינס מוזען זיין די האנדלונגען פון די ארבייטער, ווי א פּראָדוקט פון זייער הארצענס בעגעהר און זייער שכל'ס בעטראכט, און וואָס פאר א ראָליע די האנדלונגען מוזען שפּיעלען אין דעם רעוואָלו־ציאָנערען איבערבוי פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען.

קורץ, דער ארבייטער און די פּסיכאָלאָגיע פון דעם ארבייטער קלאס איז איינער פון די וויכטיגסטע זיילען, אויף וועלכער עס רוהט די הערשענדע סאָציאַליסטישע וועלט־אנשויאונג.

צו די אמת'ען, וואָס דער סאָציאַליסט האט אויסגעפונען ווע־גען דעם פּראָלעטאריער'ס נשמה, געהערט אויך יענער „אני־מאמין", אז דער ארבייטער איז בטבע ניט פעראינטערעסירט אין דעם נא־ציאָנאלען פּראָבלעם, אז עס איז פאר איהם קיין ברעקעל נפקא מינה, צו וועלכען פאלק ער אליין בעלאנגט אָדער צו וועלכען פאָלק עס בעלאנגען זיינע חברים ארבייטער. ער לייקענט ניט, אז עס זענען דאָ נאציאָנאלע פערשיידענקייטען, — קיין בר דעת קאָן זיי

ניט אָבלייקענען, — אָבער ער איז צו זיי אינדיפערענט. דער פאקט, וואָס ער אַליין איז אַ דייטש אָדער אַ פראַנצויז און וואָס די אַנדערע פון זיין קלאַס זענען דייטשען, פראַנצויזען אָדער טאַ־טערען, ריהרט איהם ניט אַ סך מעהר, איידער יענער אומשטאַנד, וואָס ער אַליין האָט בלאָנדע האָר און בלויע אויגען, בעת אַנדערע האָבען שווארצע האָר און שווארצע אויגען.

די נאַציאָנאַלע פערשיידענקייטען בעשאַפען פאַר איהם ניט קיין בעזונדערע נאַציאָנאַלע אינטערעסען, וואָס זאָלען פעראייניגען אַלע בלאָנד־האָריגע און בלאָה־אויגיגע מענשען אויף איין זייט אַנט־קעגען די שוואַרץ־האָריגע און שוואַרץ־אויגיגע מענשען אויף דער אַנדער זייט.

אַט דער „אני־מאמין“ וועגען דער פראָלעטאַרישער פּסיכאָ־לאָגיע, וועגען דעם אַרבייטער׳ס „קאָסמאָפּאָליטיזם“, וועגען זיין אַבסאָלוטער גלייכגילטיגקייט צו נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין שוין לאַנג אָבגעפערענט געוואָרען אין דער סאָציאַליסטישער וויסענשאַפט ביי די אומות העולם. טעאָרעטישע אונטערזוכונגען און אָפיציעלע ערקלעהרונגען פון די סאָציאַליסטישע גדולים אויף די אינטערנאַ־ציאָנאַלע קאָנגרעסען האָבען אין די לעצטע צוואַנציג יאָהר פראַ־טעסטירט אַנטקעגען אַזאַ פאַלשער אויסטייטשונג פון דעם אַר־בייטער׳ס פּסיכאָלאָגיע. אָבער אויף דעם אידישען סאָציאַליזם, — דערהויפּט דאָ אין לאַנד, — האָט דאָס כּמעט ווי ניט געמאַכט קיין ברעקעל רושם.

אוים עם־הארצות, אָדער אוים פער׳עקשן׳טער טעאָרעטישער פערבלענדענים, האָט דער אידיש־אַמעריקאַנישער סאָציאַליסט זיך בשום אופן ניט געוואָלט שיידען מיט זיין קאָסמאָפּאָליטיזם און האָט נים אויפגעהערט צו טענה׳ן, אַז דעם אַרבייטער פּאַנגען ניט זיין טייער די אינטערעסען פון דער אייגענער נאַציע, און אַז אַלע טעאָרעטישע אונטערזוכונגען, ווי איבערצייגענד זיי זאָלען ניט זיין, און אַלע אָפיציעלע ערקלעהרונגען פון סאָציאַליסטישע גדולים, ווי קלאָר עס זאָל ניט זיין זייער מיין, אַז דאָס אַלץ איז ניט מעהר ווי אַ צייטווייליגער שגעון פון יחידים, וואָס האָט ניט צו טהאָן מיט דער אינווענינסטער נאַטור פון דעם אַרבייטער און וועט דעריבער אייביג בלייבען פרעמד דער נשמה פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

עס איז אויסגעבראָכען דער קריעג. ער האָט אויפגערודערט אַלע שיכטען פון יעדען פאָלק, וואָס איז אַריינגעצויגען געוואָרען אין איהם. די מאַסען פון די אַרבייטער האָבען בעקומען די מעגליכ־קייט אַרויסצואווייזען די פערבאָרגענסטע סודות פון זייער נשמה, און — ווי זעהט איצטער אויס יענער „אַני־מאַמין" אין דעם ליכט פון דער ניי־געשאַפענער ווירקליכקייט?

איז דעם אַרבייטער באמת קיין נפקא מינה ניט, צו וועלכען פאָלק ער בעלאַנגט, אָדער אין דעם אַרבייטער'ס ברוסט לעבט ניט דערזעלביגער געפיהל צו זיין פאָלק, ווי אין דער ברוסט פון יעדען געוועהנליכען בשר ודם?

נאָר דער, וועמעס קאָפּ איז געדיכט אַרומגעוואַקסען מיט דעם שפינוועבס פון דער אַלטער טעאָריע, קאָן נאָך האָבען דעם מוטה, בלייבען טריי צו דעם אַלטען בליק אויף דעם ענין. אָבער יעדער איינער, וואָס שרעקט זיך ניט אַראָברייסען דעם פערשטויבטען שפינוועבס פון די אויגען, וואָס האָט דעם קוראַזש אַריינצובליקען דעם אמת אויג־אין־אויג, מוז צוגעבען, אַז דער קאָסמאָפּאָליטיזם פון דעם אַרבייטער איז געווען אַ ניט־געשטוינענע, ניט־געפלויגענע בבא־מעשה.

עס קאָן זיין, אַז אין די צייטען פון פריעדען האָט זיך דער אַרבייטער, — און אויך דאָס ניט יעדערער, — געקאָנט פערגינען דעם לוקסוס צו טעאָרעטיזירען און אפשר אויך צו פאַנטאַזירען וועגען אַ צוקונפטיגער מענשהייט, אין וועלכער עס וועלען זיין אָבגע־מעקט אַלע פערשיידענקייטען צווישען פאָלק און פאָלק. אָבער קוים איז זיין פאָלק אוועקגעשטעלט געוואָרען אין סכנה, אַזוי האָט דער אַרבייטער פלוצלונג אַראָבגעטרייסעלט פון זיך דעם קאָסמאָ־פּאָליטישען קאָשמאַר און האָט זיך ווי אַ צורייצטער לייב אַ וואָרף געטהאָן פאַר דער עקזיסטענץ, די זיכערקייט און די פרייהייט פון זיין פאָלק.

זאָגט ניט: „ער איז געפאַלען אונטער די שמיץ פון דער רע־גיערונגס־בייטש". די בעריכטען פון די קריעגס־לענדער האָבען אָנ־געזאַמעלט אַן אונגעהויערען מאַטעריאַל, וואָס לאָזט ניט איבער קיין ברעקעל ספק אין דער פריוווילליגקייט, דער ערנסטקייט און דער טיעף פון דעם אַרבייטער'ס פּאַטריאָטיזם.

דער שעהנסטער ביישפּיעל איז אפשר דער פאַל מיט די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען אין פראַנקרייך. אַ סך אַזעלכע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטען, וואָס זיינען אַנטלאָפען פון מיליטער־דיענסט, האָבען זיך תיכף ביי דעם אויסברוך פון דער מלחמה אומגעקעהרט צו זייער פליכט.

בעקלעהרט זיך נאָר גוט! אַנאַרכיסטען, פערברענטע אַנטי־מיליטאַריסטען, וואָס האָבען זיך אַרומגעטריבען אונלעגאַל, ווייל זיי האָבען פּרינציפּיעל אָבגעלייקענט יעדען קריעג און האָבען מחמת דעם טעם ניט געוואָלט געהן דיענען, האָבען פּלוצלונג פערוואָרפען אַלע זייערע טעאָריען און זענען פ ר י י וו י ל י ג צוגעשטאַנען צו דעם קעמפענדען פאָלק, ווי נאָר דאָס פאָלק האָט אַרויסגעלאָזען זיין רוף אין געפאַהר.

דאַרף מען אַ בעסערען בעווייז, ווי אויבערפלעכליך עס זענען געלעגען אויף דעם פּראָלעטאַריער'ס נשמה די קאָסמאָפּאָליטישע פראַזען, ווי טיעף עס זענען אין איהר געוועזען איינגעוואָרצעלט די אינטערעסען פון דעם אייגענעם פאָלק?

און זאָגט ניט: „דער קריעג־מאָמענט האָט איבערגעביטען דעם ארבייטער'ס טבע". קאָנט איהר זיך פאָרשטעלען, אַז אַ טבע פון אַ קלאַס זאָל זיך איבערבייטען איבער נאַכט? קאָנט איהר צולאָזען דעם געדאַנק, אַז אַ רעגיערונגס־אויפרוף האָט גובר געוועזען אַלע יענע עקאָנאָמישע, סאָציאָלאָגישע און היסטאָרישע געזעצען, וואָס בעשטימען די טבע פון אַ קלאַס?

דער קריעג האָט ניט איבערגעאַנדערשט די נשמה פון דעם אַר־בייטער. ער האָט נאָר אַרויסגערופען אויף דער אויבערפלעך דאָס, וואָס איז געווען פערבאָרגען אין דעם טיעף. אפילו ביי דעם אַר־בייטער, דעם קאָסמאָפּאָליט, איז אויף דעם גרונד פון דער נשמה געלעגען די ליעבע צו זיין פאָלק. צוגויפגעדרעהט אין דרייען איז געלעגען אָט דער טיעפסטער אמת פון זיין האַרצען, און אַז עס איז געקומען דער נויטיגער מאָמענט, האָט ער זיך פּלוצלונג אויסגע־גלייכט אין זיין גאַנצער הויך.

דער וואָס האָט ניט מורא צו פאָרמולירען דעם אמת אַזוי ווי ער איז, וועט, שטודירענדיג די ראָליע פון דער אַרבייטערשאַפט אין דעם איצטיגען קריעג, מוזען אַרויסברענגען אַן אורטייל, וואָס

דר. ח. זשיטלאָווסקי.

פאַטשט אין פּנים דעם אַלטען „אני־מאמין“, און וואָס זאָגט:

— אין די צייטען פון אַ פאָלקס־געפאַהר איז דעם ארבייטער׳ס טבע אַזאַ, ווי די טבע פון יעדען געזונטען, נאָרמאַלען מענשען. עס ברויזט אין איהם אויף די אינסטינקטיווע ליעבשאַפט צו זיין פאָלק, ער פערגעסט אויף זיך, אויף זיין ווייב און קינד, אויף טויזענדער געגלויבטע אָדער איינגעשמועסטע זאַכען, און לויפט, ווי אַ צו־רייצטער לייב, צו בעשיצען די עקזיסטענץ פון זיין פאָלק, די זי־בערקייט פון זיין פאָלק, די פרייהייט פון זיין פאָלק.

13טער אויגוסט, 1915.

דער אידישער קאָנגרעס און די אַרבייטער.

די אונגעהויערע שרעקען פון דעם איצטיגען וועלט־קריעג פאַל־לען אויף קיין טייל פון דעם פאָלק ניט אַזוי שווער, ווי אויף דער אַר־בייטערשאַפט און אויף יענע שיכטען, וואָס שטעהען נאָהענט צו איהר אין זייער עקאָנאָמישען מעמד.

נאָך שווערער דריקט די לאַסט פון דעם קריעג אויף דער אי־דישער אַרבייטערשאַפט און די אידישע אָרעמע מאַסען, ווייל קיין פאָלק ליידט ניט פון איהם אַזוי פיעל, ווי אונזער אידיש פאָלק.

קיין פאָלק פון די, וואָס געפינען זיך אין די קריעגס־לענדער, דאַרף ניט אויסשטעהן אַזעלכע ביטערע ליידען, אַזאַ אומפערדיענטע שפיחות־דמים, ווי דאָס אידישע. די רוסישע רעגיערונג וואָס האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר אַ ציעל אויסצואוואָרצלען אונז פון רוס־לאַנד, האָט ענדליך אויסגעפונען אונזער שוואַכסטען פונקט, וואוהין זי קאָן אומבעשטראָפט ציעלען איהרע גיפטיגע פיילען: דעם אומ־בעשיצטען אידישען נאָמען.

פריהער מיט דעם אומגעלומפּערטען בלוט־בלבול אין דעם ביילים־פּראָצעס און איצטער מיט דעם נאָך שרעקליכערען שקר־בלבול, אַז מיר זיינען אַ פאָלק פון שפּיאָנען, האָט זי נאָר איין ציעל אין זין: פער׳מאוס׳ען אונז אין די אויגען פון אַלע אַנדערע פעלקער, שטאַרקער מאַכען דעם האַס און די פאַראַכטונג, וואָס עק־זיסטירט אַנטקעגען אונז און אויף אַזאַ׳ן אופן פערענטפערען אַלע רדיפות, וואָס זי ווענדט אַנטקעגען אונז אָן, און ניט נאָר ניט געפי־נען קיין ערנסטען פּראָטעסט אַנטקעגען דעם, נאָר אויך זיין זיכער, אַז די גרויסע מאַסען פון די רוסלענדישע פעלקער וועלען דערפאַר סימפּאַטיזירען מיט איהר.

אין אַזאַ לאַגע איז פאַר אונז קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ, ווי נאָר זעהן אָנצואווענדען אַלע מיטלען, כדי צו רעטען אונזער עהרע און אונזער נאָמען.

אַז דער ציעל קאָן דערגרייכט ווערען נאָר יעמאָלט, ווען מיר וועלען זיך אַלע ווי איין מאַן ארויסטרעטען אָפען, ווי אַ פאָלק, און פאָדערן: וואָס אונז קומט ווי אַ פאָלק, און קעמפען מיט דער גאַנצער אָנשטרענגונג פון אונזער קראַפט פאַר אונזער בעפרייאונג פון יענער נאַציאָנאַלער קנעכטשאַפט, אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט, פון יענער נאַציאָנאַלער קנעכטשאַפט, וואָס איז די אורזאַך פון אַלע אונזערע ליידען, פון אונזער ניעדריגען מעמד צווישען די פעלקער און פון אונזער שפּל געוואָרענעם נאָמען.

צוויי פאָדערונגען דאַרפען מיר ארויסשטעלען, כדי אויסצוגלייכען אונזער נאַציאָנאַלע לאַגע מיט דער נאַציאָנאַלער לאַגע פון אַלע אנדערע פעלקער, און כדי דורכדעם אויפהויבען אונזער פרעסטיזש אין די אויגען פון דער וועלט, אומקעהרען אונז אונזער פערלאָרענע חשיבות און אויף אייביג פּטור ווערען פון אַלע רדיפות און בעליידיגונגען, וואָס פאַלען אויס אויף אונזער גורל.

די ערשטע פאָדערונג איז: נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג אין אַלע לענדער, וואו מיר געפינען זיך, ווי אַ מינאָריטעט, די צווייטע פאָדערונג איז — אַ פרייע אייגענע שטאַאט.

גראָד אין דעם איצטיגען היסטאָרישען מאָמענט איז געבוירען געוואָרען די מעגליכקייט, אז דיביידע פאָדערונגען זאָלען פערווירקליכט ווערען: פון אַלע זייטען דערגעהען צו אונז ידיעות, אז די קריעגס־פיהרענדע פעלקער זענען ניט אָבגענייגט, אוועקצוגעבען אונז ארץ־ישראל. דורכדעם גופא, בעשטעטיגען זיי, אז מיר זענען אַ בעזונדער פאָלק און בערעכטיגען אונזער קאַמף פאַר דער אויסגלייכונג פון אונזער נאַציאָנאַלער לאַגע.

פון אַלע שיכטען פון דעם אידישען פאָלק דאַרף די אידישע ארבייטערשאַפט זיין מעהר פאַר אַלעמען פעראינטערעסירט אין יענע צוויי פאָדערונגען.

די בעדייטונג פון דער נאַציאָנאַלער גלייכבערעכטיגונג שטעהט שוין קלאָר פאַר די אויגען פון דאָס רוב אידישע ארבייטער און זי איז שוין ארויפגענומען געוואָרען אויף דעם פראָגראַם פון יענער ארבייטער־קאָנפערענץ, וועלכע דער נאַציאָנאַלער ארבייטער־קאָמיטעט רופט צונויף.

אָבער נאָך גאָר ניט קלאָר איז פאַר דעם אידישען ארבייטער

די וויכטיגקייט פון דער צווייטער פאדערונג: פון אן אייגענעם אידישען שטאאט. דער ארבייטער זעהט נאך ניט איין, אז אן אייגענער שטאאט וועט ברענגען ניט נאר די פערענטפערונג פון דער אידישער פראגע, אין וועלכער ער דארף זיין אינטערעסירט, ווי א טייל פון דעם אידישען פאלק, נאר אויך אז דער אידישער שטאאט וועט ערשט געבען די מעגליכקייט דעם אידישען ארבייטער־קלאס פריי צו ענטוויקלען זיינע סאציאלע קלאסען־כחות.

כל זמן אידען וועלען ניט האבען קיין אייגענעם שטאאט, ווער־לען אלע קלאסען פון דעם אידישען פאלק, ווי שטארק עס זאל ניט זיין דער אנטאגאניזם צווישען זיי, צוגעשמידט זיין איינער צום אנדערען.

אפילו אין אמעריקא, וואו דער דרוק פון אונזער נאציאנאלער קנעכטשאפט פיהלט זיך ניט אזוי שטארק, האט אויך ניט געקאנט פאנאנדערגעריסען ווערען די קייט, וואס האט צוגעשמידט דעם אי־דישען פראלעטאריאט צו דער אידישער בורזשואזיע. אויף שריט און טריט מוז דער אידישער ארבייטער אנקומען צו דער הילף פון דער אידישער בורזשואזיע, און די הילף ווערט איהם געגעבען אין דער פארמע פון צדקה און טובות, וואס דערנידעריגט דעם געבער און דעם נעהמער.

אמת, אויך אין אן אייגענעם שטאאט פאלען אויס צייטען, ווען דער ארבייטער ווערט צונויפגעשמידט אין איינעם מיט דער בורזשואזיע, אבער דאס זענען נאר די זעלטענע צייטען פון אן אלגעמיינער געפאהר פאר דאס גאנצע פאלק, ווי צ. ב. אין דעם איצטיגען קריעג. אין די פריעדליכע צייטען קאן זיך דער פרא־לעטאריאט פריי בעוועגען, לויט די אינוועניגסטע טענדענצען פון זיין קלאס און לויט דער מדרגה פון זיין סאציאליסטישען בעוואוסט־זיין. די הילף, וואס ער בעקומט אין דער פארם פון א סאציאלער געזעצגעבונג, האט ער דארטען צו פערדאנקען ניט דער גוטהער־ציגקייט פון דעם בורזשואזען בעל־טובה, נאר זיין אייגענער ארגא־ניזירטער פאליטישער טהעטיגקייט.

אין די גלות־לענדער איז אבער דאס נאציאנאלע לעבען אלע מאל אין געפאהר און דעריבער קאן דער ארבייטער זיך קיין מאל ניט בעפרייען פון יענער קייט, וואס שמידט צונויף די בורזשואזיע מיט

דער ארבייטערשאפט. דאָס פערטונקעלט דעם קלאַסען־בעוואוסט־זיין פון דעם אידישען ארבייטער און שוואכט אָב זיין ענערגיע אין דעם קלאַסען־קאַמף.

עס זענען דאָ נאָך אַ סך אַנדערע וויכטיגע מאָמענטען, וואָס ברענגען דערצו, אַז די ענערגיע פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך ניט קאָנען פריי ענטוויקלען אין די גלות־לענדער. זיי אַלע שטעהען נאָך ניט קלאָר פאַר די אויגען פון דער אידישער ארבייטערשאַפט. אַ דאַנק איהר אָבגעשטאַנענקייט פון דער אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער ענטוויקלונג, הערשען נאָך ביי איהר אַנשויאונגען, וואָס שטאַמען פון די קינדער־יאָהרען פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג און וואָס רופען ארויס אין איהר אַ געגנערשאַפט צו דער טעריטאָריאַליסטישער פּערענטפערונג פון דער אידישער פראַגע בכלל און צו ארץ־ישראל בפרט.

אין דער איצטיגער צייט איז אָבער אַבסאָלוט נויטווענדיג פאַר דעם אידישען ארבייטער־קלאַס, סאַי ווי אַ טייל פון דעם אידישען פאָלק, סאַי ווי אַ בעשטימטען סאָציאַלען קלאַס, ער זאָל ניט נאָר ניט בלייבען הינטער דער בורזשואזיע און נאָכשלעפּען זיך נאָך איהר, נאָר אַז ער זאָל ארויסטרעטען אין פראָנט און נעהמען אויף זיך די איניציאַטיווע פון דער אידישער בעפרייאונג. ווי דער פּראָגרעסיווסטער קלאַס פון אונזער פאָלק, דאַרף דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אָנטרייבען די איבעריגע קלאַסען, אַז זיי זאָלען אין זייערע פאָדערונגען ניט אַראָבפאַלען נידעריגער, איידער דאָס, וואָס מיר זענען שולדיג אונזער אייגענער עהרע, ווי אַ פאָלק; אַז זיי זאָלען ניט פערשמירען און ניט פערוואסערען די פאָדערונגען, וואָס דאַרפען אונז ברענגען די פולע און גאַנצע בעפרייאונג.

עס איז פאַר דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אַבסאָלוט נויטיג, אַז ער זאָל זיך בעטייליגען אין דעם אַלגעמיין־נאַציאָנאַלען אידישען קאָנגרעס ניט נאָר כדי דער אויסדערוועהלטער פאָרשטאַנד פון דעם קאָנגרעס זאָל קענען רעדען אין דעם נאָמען פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק, נאָר אויך כדי דער אידישער פּראָלעטאַריאַט זאָל פערוואַנדלען די האַלב־קלאָרע רייד פון דער בורזשואזיע אין קלאָרע און בעשטימטע פּאָליטישע לאָזונגען; אַז אַנשטאָט „פולע“ רעכט, וועגען וועלכע זי רעדט איצטער, זאָל קלאָר ארויסגעזאָגט ווערען:

„נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג" און אַז אַנשטאָט די מטושטשע ווערטער פון אַן אייגענער „היים" אין ארץ־ישראל, זאָל שאַרף אַרויסגערעדט ווערן:

אַ שטאַאַט אין ארץ־ישראל, וואו דאָס אידישע פאָלק זאָל קאָנען ווערען די מאַיאָריטעט, — אַ שטאַאַט, וואָס זאָל זיין געגרינדעט אויף די פּראָגרעסיווסטע יסודות פון דער דעמאָקראַטיע און דער פולער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר אַלע פעלקער און שפּראַך־גרופּען, וואָס וועלען לעבען אין איהם.

17טען יולי, 1915.

דאָס פּראָגראַם פון דעם נאַציאָנאַלען אַרבייטער־קאָמיטעט.

די אידישע אַרבייטער קאָנען זיך ניט בענוגענען מיט דעם שריט, וועלכען זיי געהען איצטער טהאָן, — מיט דער קאָנווענשאָן, וואָס ווערט צונויפגערופען פון דעם נאַציאָנאַלען אַרבייטער־קאָמיטעט.

דער שריט איז אַ צו קליינער, איך וואָלט זאָגען, אַ צו ציטעריג־באַלעבאַטישער, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט זאָל קאָנען זעהן אין איהם דעם גאַנצען אויסדרוק פון זיין ווילען אין דער איצטיגער צייט.

די אידישע אַרבייטער דאַרפען זיין די ראַדיקאַלסטע פּאַרטיי פון דעם אידישען פאָלק. דאָס דאַרפען זיי אַלע מאָל זיין, און בפרט איצטער, ווען אויף דער טאָגעס־אָרדנונג פון דעם פּאָליטישען לעבען איז אוועקגעשטעלט געוואָרען דער געשיכטליכער גורל פון אַ סך אונטערדריקטע פעלקער און צווישען זיי אויך דער גורל פון אונזער איינענער נאַציע. די ראַדיקאַלע אַרבייטערשאַפט מוז זעהן אָנוועדען אַלע איהרע כחות, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל ענדליך אַרויסגעהן פון יענעם פּאָליטישען הינ־הער־פּלעט, אין וועלכען עס איז געלעגען ביז אהער; אַז דאָס זאָל פערלאָזען זיינע ביז־אהעריגע פּאָליטישע גאַנגען פון קריכערישע שתדלנות און קבצנ׳ישע צופריעדענקיים מיט יענע פּאָר ביינדלעך, וואָס מען וועט איהם צו־וואַרפען.

די אַרבייטער דאַרפען זעהן, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל אַרויסטרעטען אויף דער היסטאָרישער אַרענע, ווי אַ פאָלק; עס זאָל ניט בעטען, נאָר פאָדערען און קעמפען; און עס זאָל פאָדערען אַלץ, אין וואָס ער נויטיגט זיך, ווי אַ פאָלק, כדי די אידישע פראגע זאָל פערענטפערט ווערען ר אַ ד י ק אַ ל.

וואָס דען אַנדערש הייסט ראַדיקאַל, אויב ניט דער פּרינציפּ,

אַז יעדע געזעלשאַפטליכע קראַנקהייט דאַרף געהיילט ווערען פון גרונד־אויס, דאַרף אויסגעריסען ווערען מיט די וואָרצלען? אין וואָס דען אַנדערש שיידט זיך אָב דער ראַדיקאַלער פּראָלעטאַריאַט פון די ליבעראַלע באַלעבאַטישע קלאַסען, אויב ניט אין דעם, וואָס יענע ווילען היילען די קרענק מיט פּאַליאַטיווע מיטלען, מיט פלעסטערליך און וועסערליך, בעת מיר פאָדערען, אַז עס זאָל בעזייטיגט ווערען די אורזאַך פון דער קרענק?

די לאַגע פון דעם אידישען פאָלק איז אַ קראַנקע, זי פער'סם'ט ניט נאָר אונזער אייגען לעבען, נאָר אויך דאָס לעבען פון יענע פעלקער, צווישען וועלכע מיר וואוינען. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ לעבענס־געפאַהר פאַר אונז און אַ געפאַהר פאַר דער פּראָגרעסי־ווער ענטוויקלונג פאַר זיי. מיר קאָנען ניט וואַרטען, ביז די סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע וועט אָבשאַפען די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ און דערמיט פערשטאָפען איינעם פון די וויכטיגסטע קוועלען, פון וועל־כען עס פליסט דער פעלקער־האַס.

מיר קאָנען ניט וואַרטען, ביז וואַנען די הומאַנע געדאַנקען און געפיהלען וועלע פון די ניט־אידישע הערצער פערטרייבען דעם האַס צו אונז, וואָס האָט זיך דאָרטען אָנגעזאַמעלט פון דורות. איך רעד שוין ניט דערפון, וואָס ביז עס וועט קומען די נחמה, קאָן אַרוים די נשמה. עס איז דאָ נאָך אַן ערגערע זאַך. עס איז אין דער לעצ־טער צייט דערוויזען געוואָרען אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, אַז די פּסי־כאָלאָגישע מאָטיווען פון דעם אַנטי־סעמיטיזם ווערען טאָג־אויס, טאָג־איין געשפּייזט פון דער פערראַכטונג, וועלכע אַלע קלאַסען, אַפילו די געבילדעטסטע, — האָבען צו אונז, ווי צו אַ פאָלק. און פון אָט דער פעראַכטונג וועלען מיר קיינמאָל ניט פּטור ווערען, כל זמן מיר וועלען ניט אָנהויבען צו פיהרען אַן אַקוראַט אַזאַ נאָרמאַלען נאַציאָנאַלען לעבען, ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט.

עס איז פאַר אונז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג. מיר מוזען אויסגלייכען די נאַציאָנאַלע לאַגע פון דעם אידישען פאָלק מיט דער נאַציאָנאַלער לאַגע פון אַלע אַנדערע פעלקער, און די אידישע אַר־בייטערשאַפט, די ראַדיקאַלסטע פּאַרטיי פון אונזער פאָלק, מוז נעהמען אויף זיך אָט די וויכטיגסטע אויפגאַבע.

דער אידישער נאַציאָנאַלער ארביימער־קאָמיטעט האָט אָבער די אַלע זאַכען ניט געהאַט אין זין. ער האָט אָנגעצייכענט אַ דירעקטיווע פאַר די אידשע אַרבייטער, וואָס שטעהט נידעריגער פון זייער ווירדע, נידעריגער פון זייער לעבענס־נויט, נידעריגער פון זייערע כחות.

דער נאַציאָנאַלער אַרבייטער־קאָמיטעט וויל, אַז די אידישע אַרבייטער זאָלען, נ י ט ווי אַ טייל פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק, נאָר ווי אַ טייל פון די אַמעריקאַנער בירגער און ווי אַ טייל פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט, זיך ווענדען צו דער אַמעריקאַנער רעגיערונג און צו דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל מיט דער פ אָ ד ע ר ו נ ג פון נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג פאַר ניט־אַמעריקאַנער אידען.

קאָנען מיר דאָס ביי דער אַמעריקאַנער רעגיערונג פ אָ ד ע ר ע ן ? פ אָ ד ע ר ע ן קאָן מען נאָר ביי דעם, וואָס איז אונז עפּעס ש ו ל ד י ג. איז די אַמעריקאַנער רעגיערונג שולדיג נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג די ניט־אַמעריקאַנער אידען ?

עס איז גענוג אַוועקצושטעלען די פראַגע אין איהר ריכטיגער געשטאַלט, כדי תיכף איינצוזעהן, אַז מיר קאָנען ניט קומען צו דער אַמעריקאַנער רעגיערונג מיט פ אָ ד ע ר ו נ ג ע ן וועגען נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג פון די ניט־אַמעריקאַנער אידען. פון דער אַמעריקאַנער רעגיערונג קאָנען מיר, ווי אַמעריקאַנער, פאָדערען נאָר איין זאַך : זי זאָל ניט האָבען קיין פּאָליטישע און קאָמערציעלע בעציהונגען צו קיין איין לאַנד, וואו אידען האָבען נאָך ניט קיין גלייכע פּאָליטישע און בירגערילכע רעכט. נאָר בנוגע צו פּאָליטישע און בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג קאָנען מיר עפּעס ביי איהר פאָדערען. בנוגע אָבער צו נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע גלייכבערעכטיגונג, וואָס איז נאָך ניט דורכגעפיהרט אפילו אין אַמעריקאַ, קאָנען מיר צו דער אַמעריקאַנער רעגיערונג ניט שטעלען קיין פ אָ ד ע ר ו נ ג ע ן : דאָ דאַרפען מיר זי ב ע ט ע ן. בעטען ביי איהר אַ ט ו ב ה, זי זאָל זיך מ ש ת ד ל זיין ביי אַנדערע, אַז י ע נ ע זאָלען בעצאָהלען דעם חוב, וואָס עס קומט ז י י ע ר ע אידען, מיט וועלכע מיר, אַ טייל פון די אַמעריקאַנער אַרבייטער, סימפּאַטיזירען, ווער ווייס פאַר וואָס.

דאָס איז אַזאַ ריינע און קלאָרע שתדלנות־פּאָליטיק, וואָס קאָן ניט פּאַרמאַסקירט ווערען מיט קיינע הויכע רעוואָלוציאָנערע פראַזען. מיר ווילען פאָדערען און קלייבען דערצו אויס אַ וועג, וואָס קאָן אין בעסטען פּאַל צולאָזען אַ פריינדליכע בקשה.

גאַנץ אַנדערש איז עס, פאַרשטעהט זיך, מיט דעם צווייטען טייל פון דעם קאָמיטעט'ס פּראָגראַם, מיט דעם ווענדען זיך צו דעם אינטערנאַציאָנאַל. דאָ האָבען מיר באמת אַ רעכט צו פאָדערען. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט ניט איין מאָל עפענטליך ערקלעהרט, אַז ער האַלט פאַר זיין חוב אָנצונעהמען זיך פאַר אַלע אונטערדריקטע פעלקער, צו אונטערשטיצען זיי אין זייער קאַמף פאַר זייער פולער און גאַנצער בעפרייאונג. מיר, אידישע אַרבייטער, זענען אַ טייל פונ'ם אינטערנאַציאָנאַל, די אידען פון „יענע מקומות" זענען אַן אונטערדריקט פּאָלק: פאָדערען מיר, אַז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל זאָל טהאָן זיין חוב, אונזער חוב.

דאָס איז אַ לאָגישער שריט פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין אַמעריקאַ. אָבער ווי איז, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל וועט אונז ענטפערען בזה הלשון:

— ס'איז אמת, מיר דאַרפען אונטערשטיצען דאָס אידישע פאָלק אין זיין קאַמף פאַר זיין פולער און גאַנצער בעפרייאונג. און מיר ווילען דאָס טהאָן. אָבער וואָס רעכענט איהר אַליין צו טהאָן אין דעם ענין? אָדער מיינט איהר אפשר, אַז אַ נאַציאָנאַלער קאַמף קאָן געפיהרט ווערען פער פּאָלמאַכט „מיר, די אונטערצייכענטע אידישע אַרבייטער פון אַמעריקאַ, בעפאָלמעכטיגען דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט אויסצוקעמפען פאַר אונזער פּאָלק נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג". גלויבט איהר ניט, אַז איהר בעליידיגט מיט דעם אייער פּאָלק? זאָגט אונז, וואָס וויל אייער פּאָלק אַליין טהאָן אין דער אַנגעלעגענהייט. זאָגט אונז, וואָס געהט איהר טהאָן אין איהר, און מיר ווילען אייך געבען אונזער ברידערליכסטע שטיצע און הילף.

אַזוי וועט צו אונז רעדען דער אינטערנאַציאָנאַל. און אויב ער וועט דאָס ניט זאָגען אָפען, וועט זיין נאָך ערגער, ווייל טראַכ־

טען דאָס וועט ער מוזען. און אין אָט דעם טראַכטען וועט ליעגען די ערגסטע בעליידיגונג פאַר אונז, די פעראַכטונג צו אַ פאָלק, וואָס שיקט אַנדערע, זיי זאָלען קעמפּפען פאַר איהם.

אין אַזאַ לעכערליכער לאַגע בנוגע צו דער אַמעריקאַנער רעגיערונג (געהן פאָדערען פון איהר אַ *טובה*!), אין אַזאַ ענטווירדיגענדער לאַגע בנוגע צו דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל פערזעצט אונז דער נאַציאָנאַלער אַרבייטער־קאָמיטעט דערפאַר, ווייל ער האָט ניט דעם מוטה צו קוקען דעם אמת אויג אין אויג.

דער אמת איז, אַז דער אידישער אַרבייטער קאָן דאָ ניט אַרויסטרעטען ווי אַ טייל פון אַמעריקאַנער בירגער; אַז ער קאָן דאָ ניט אַרויסטרעטען בלויז ווי אַ טייל פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט; אַז ער מוז דאָ אָפען אַרויסגעהן, *ווי אַ טייל פון דעם אידישען פאָלק*, וואָס דאַרף איצטער אויפהויבען דעם קאַמף פאַר זיין פולער און גאַנצער בעפרייאונג; ווי אַ טייל פון אַ פאָלק, וואָס דאַרף, אין איינעם מיט אַלע אַנדערע טיילען זיינע, נעהמען אויף זיך די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע.

דאָס פיהלט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט. דאָס פיהלט אויך דער נאַציאָנאַלער אַרבייטער־קאָמיטעט, וואָס לאָזט דורכבליקען, אַז ער איז געניינגט צו געהן האַנד אין האַנד מיט אַלע אַנדערע אידען צוליעב דעם געמיינזאַמען נאַציאָנאַלען ציעל.

ער איז געניינגט דאָס צו טהאָן, ווען אפילו ער וויס, אָדער *מוז* וויסען, אַז דאָס איז די ריינסטע „כל־ישראל״־פּאָליטיק. די אידישע אַרבייטער זיינען שוין איצטער געצוואונגען אויפצונעהמען די ענטשיידענסטע „כל־ישראל״־פּאָליטיק, און נאָר פּאָליטישע אלף־בית־אינגלעך וועלען זיך דערשרעקען פאַר אַזאַ פּערספּעקטיוו. אין קיין סאָציאַליסטישען שלחן־ערוך איז ניטאָ אַזאַ דין, וואָס זאָל פערווערען „כל־ישראל״־פּאָליטיק, ד. ה., אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע אַקציאָן. און אויב עס וואָלט ערגעץ וואו געווען אַזאַ שלחן־ערוך, וואָלט איהם דער אַרבייטער געדאַרפט פערברענען און דעם אש צושפּרייטען איבער אַלע ים'ען, ווייל ער פּאַטשט אין פּנים דער לעבעדיגער ווירקליכקייט און געהט להיפך צו דער נאַטור פון דעם אַרבייטער.

יעדע אַרבייטערשאַפט איז אַ טייל פון אַ בעשטימטען פאָלק.

די אידישע אַרבייטערשאַפט איז פלייש פון פלייש און ביין פון ביין פון אונזער אידישען פאָלק. דעם פאָלקס ליידען זענען איהרע ליי־דען. דעם פאָלקס בעפרייאונג וועט זיין איהר בעפרייאונג. אויף איהר ליעגט דער חוב אַנצוהויבען דעם בעפרייאונגס־קאַמף און אַריינציהען אין איהם דאָס גאַנצע פאָלק.

אָהן „כל־ישראל“־פּאָליטיק קאָן זיך דער אַרבייטער ניט בע־געהן אין זיין בעפרייאונגס־קאַמף. דאָס פיהלט דער אידישער אַר־בייטער און ער וועט ניט קוקען אויף קיינע שלחן־ערוך׳ס, ווען אפילו זיי וואָלטען דאָס איהם פערוועהרט, און ער וועט ניט פאָלגען זיינע געוויאַנדעלטע דרדקי־מלמדים, וואָס קאָנען קיין איין שריט ניט מאַכען אין דעם לעבעדיגען לעבען, וואו זיי וועלען ניט געפינען קיין הכשר דערויף אין א וועלכען עס איז טויטען ספר.

דער אַרבייטער פיהלט און הויבט שוין אָן קלאָר צו פערשטעהן, אַז זיין קאָנוועגשאָן איז ניט מעהר ווי א ן ע ר ש ט ע ר ש ר י ט; אַז אויף יענער קאָנוועגשאָן וועט ער מוזען בעשטימען דעם צווייטען וויכטיגסטען שריט: די פעראייניגונג מיט אַנדערע טיילען פון דעם אידישען פאָלק, צוליעב א געמיינזאַמער נאַציאָ־נאַלער פּאָליטיק.

און עס וואַקסען פאַר איהם אויס פראַגען:

מיט ווע מען זיך פעראייניגען? אין וואָס פאַר א פאָרם? צוליעב וועלכע ציעלען?

17טער אויגוסט, 1915.

„קאָנפערענץ“ אָדער „קאָנגרעס“?

—מיט וועמען זיך פעראייניגען? אין וואָס פאַר אַ פאָרם? צוליעב וועלכע אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע ציעלען?

אָט דאָס זיינען די פראַגען, וואָס בעשעפטיגען איצטער דעם געדאַנק פון דעם אידישען אַרבייטער, האַרבע שאלות, אויף וועלכע די אַרבייטער־קאָנווענשאָן דאַרף געבען אַן ענטפער.

פון איין זייט רופט איהם צו אַ „קאָנפערענץ“ אַ גרופּע פון מענשען, צו וועלכער ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין איבריגען צוטרוי, וועלכע ער האָט אַלע מאָל געהאַסט, ווי זיינע סאָציאַלע געגנער, אָבער צו וועמען ער האָט אַלע מאָל אין דער טיעף פון דעם האַרצען געהאַט, אפשר אומבעוואוסט, אַ געפיהל פון רעספּעקט צו־ליעב זייער רייכטהום און מאַכט.

דער אַרבייטער מוז אָבער פעריאָגען פון זיך אפילו דעם שאָ־טען פון אַ געדאַנק, אַז ער קאָן געהן אינאיינעם מיט יענע העכסט־פּראַקטישע און זעהר איינפלוסרייכע לייט.

עס איז איהם נאָר גענוג, זיך צו דערמאָהנען, פאַר וואָס זיי ווילען דוקא אַ „קאָנפערענץ“ און ניט קיין פאָלקס־קאָנגרעס, און וויפיעל מיה עס האָט געקאָסט, ביז זיי האָבען געגעבען זייער הסכמה צו אַ קאָנפערענץ.

פון יענער זייט ים האָבען געגומען בעשטורמען אונז ידיעות, איינע שרעקליכער פאַר דער אַנדערער. אין דעם געפילדער פון דעם וועלט־קריעג האָט די רוסישע רעגיערונג גראָד געפונען די פּאַסיג־סטע צייט, צו דערוועהנען דאָס אידישע פאָלק, און ניט נאָר צו דערוועהנען עס — בעדעקען זיין נאָמען מיט אַן אייביגען שמאַך.

און אַז מיר האָבען זיך דאָ דערוואוסט דערפון האָבען מיר געוואָלט אַרויסשרייען פאַר דער גאַנצער וועלט אונזער צאָרן און אונזער פּראָטעסט. דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך צונויפקומען אינ־

איינעם. — האָט געפּאָדערט יעדער איינער פון אונז. זאָל דאָס גאַנצע פאָלק, ווי איין מאַן, געבען אַן ענטפער אונזער בלוטיגען פיינד. זאָל די גאַנצע וועלט אויפגערודערט ווערען! מיר קאָנען שוין מעהר ניט דערלאָזען, מען זאָל אונזער פאָלק בעהאַנדלען ווי אַ גע׳פגר׳טע נבילה, וואָס מען האַקט זי אויף שטיקער און מען וואַרפט דאָס פאַר די הינט.

אָט דעם אויסגעשריי אונזערן צו דערשטיקען, האָט גענומען אויף זיך די יענע גרופּע פון העכסט־פּראַקטישע און זעהר איינפלוס־רייכע מענשען, וואָס רופען צונויף די קאָנפערענץ.

קאָן דער אידישער ארבייטער, זאָל זיין אויף אַ מינוט, אַ טראַכט טהאָן, אַז ער זאָל געהן האַנד אין האַנד מיט זיי?

דאָס איז אַבסאָלוט אויסגעשלאָסען.

דער אידישער ארבייטער וועט אויף זיין קאָנוועגשאָן זיי שעהן בעדאַנקען פאַר זייער פּראַקטישקייט און גאַנץ העפליך זיך אָבזאָגען פון זייער איינפלוס.

פון דער אַנדער זייט רופען דעם אידישען ארבייטער די מיט־לערע באַלאַבאַטישע קלאַסען צו אַן אַלגעמיין־אידישען דעמאָקראַ־טישען קאָנגרעס.

און אויך דעם קאָנגרעס האָט דאָס רוב איצטיגע פיהרער פון דער אידישער ארבייטערשאַפט בעגעגענט מיט חשד און אָפטמאָל מיט פּראָטעסט.

די הויפּט־אורזאַך דערפון איז געווען דער פאַקט, וואָס די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנען און פּערזאָנען, וועלכע האָבען אויפגעהויבען די אידעע פון אַ דעמאָקראַטישען קאָנגרעס, האָבען ארויסגעשטעלט די פאָדערונגען, אַז נאָר דער זאָל האָבען אַ רעכט צו שיקען אַ פאָר־טרעטער אין דעם קאָנגרעס, וואָס גלויבט אין דער נויטווענדיגקייט צו קעמפען פאַר „פולער גלייכבערעכטיגונג אין די גלות־לענדער און אַ געזיכערטע היים אין ארץ־ישראל“.

איך וואָל געקענט בעווייזען, אַז אפילו ווען די קאָנגרעס־בערופער וואָלטען געבליבען ביי זייער אַלטער פאָרדערונג פון אַ בינדענדען פּראָגראַם מיט די אויבען דערמאָנטע בינדענדע פּרינציפּען, וואָלטען די אידישע ארבייטער אויך יעמאָלט געדאַרפט נעהמען דעם ענער־גישסטען אַנטייל אין דעם קאָנגרעס, ווייל פאַקטיש איז אין יענעם

פּראָגראַם, אביסעל מטושטש און אָבגעשוואַכט, אַרויסגעזאָגט געווארען דאָס, וואָס עס מוז איצטער זיין די פאָדערונג פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט. אָבער צוגעבען וואָלטען מיר יעמאָלט געמוזט, אַז דאָס וואָלט ניט געוועזען קיין דעמאָקראַטישער, א ל ג ע מ י י ן - נאַציאָנאַלער קאָנגרעס, ווייל פון איהם וואָלטען לכתחילה געוועזען אויסגעשלאָסען אַלע יענע נאַציאָנאַלע ריכטונגען, וואָס זענען געגען דער פאָדערונג פון ארץ־ישראל.

איצטער אָבער האָט די גאַנצע פראַגע פערלאָרען איהר פּראַקטישע בעדייטונג. דער קאָנגרעס ווערט צונויפגערופען אויף אַן אָפענער פּלאַטפאָרם, פון וועלכער קיין ריכטונג פון דעם אידישען געדאַנק ווערט ניט אויסגעשלאָסען.

דער קאָנגרעס וועט זיין א פּ אָ ל ק ס - קאָנגרעס, און ניט א פּאַרטיי־קאָנגרעס. אויף איהם וועט זיך אויסקריסטאַליזירען דער ווילען פון דעם פּאָלקס מאַיאָריטעט, און קיין מאַכט קאָן קיינעם ניט פערוועהרען צו פערטיידיגען פאַר די פערטרעטער פון דעם גאַנצען פאָלק יענע פּראָגראַם, וואָס ער רעכענט, אַז דאָס זאָל ווערען דער ווילען פון דעם גאַנצען פאָלק.

וואָס פאַר אַן אויסרייד קאָן מען איצטער האָבען אויף ניט צו בעטייליגען זיך אין דעם קאָנגרעס?

על־פּי־שכל איז ניטאָ קיין איין איינציגער טעם, פאַר וואָס די ארבייטערשאַפט — די פּראָגרעסיווסטע, ראַדיקאַלסטע פּאַרטיי פון איהר פאָלק — זאָל ווערען אונטריי צו איהר חוב, און איבערלאָזען די ענטשיידונג איבער די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון אונזער לעבען אין די הענד פון די ניט־פּראָלעטאַרישע ריכטונגען און קלאַסען.

און פון דעסטוועגען הערען די קאָנגרעס־געגנער פון צווישען איינינגע ארבייטער־פיהרער ניט אויף צו קעמפען אַנטקעגען איהם און צו דיסקרעדיטירען איהם אין די אויגען פון די אַרבייטער.

איינער אַן אויסרייד זייערער איז, אַז דער קאָנגרעס וועט זיין א „מאַסמיטינג“ און ניט קיין געשעפטסמעסיג ארבייטענדע קערפּערשאַפט.

אסור, אויב מען קאָן פערשטעהן וואָס זיי ווילען דערמיט זאָגען. א מאַסמיטינג איז א פערזאַמלונג, צונויפגערופען פון אַמ

איינציגער ריכטונג, וואו אַלע רעדנער רעדען, אָדער דאַרפען רעדען, אין איין און דעמזעלביגען גייסט. וואו די צוהערער האָבען נאָר צו־צוהערען און דערנאָך אָבשטימען איבער אַ פּאַרטיגער רעזאָלוציע. דיסקוסיאָנען מיינונגס־פערשיעדענהייטען און פּאַרטיי־קעמפּע ווע־רען אויף אַ מאַסמיטינג ניט צוגעלאָזען.

אין אַזאַ מאַסמיטינג וואָלט זיך די פאָלקס־פערטרעטונג פּעו־וואַנדעלט, ווען זי וואָלט לכתחילה צונויפגערופען געוואָרען אויף אַ פּראָגראַם, וואָס פעראייניגט אַלע פּאַרטייען, לאָמיר זאָגען, אויף דעם פּונקט פון בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג פאַר אַלע אידען אין די מלחמה־לענדער.

די זיצונגען וואָלטען זיך אָבגעשפּיעלט זעהר רוהיג און זעהר געשעפּטסמעסיג, אָבער גראָד אַזעלכע זיצונגען וואָלטען געטראָגען דעם אמת׳ען כאַראַקטער פון אַ מאַסמיטינג. אויסגעהערט, בע־גייסטערט געוואָרען פון די רעדעס, אָנגענומען די רעזאָלוציעס און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

ניין. וואָס מיר ווילען און דאַרפען איז אַ פ אָ ל ק ס־ק אָ נ ג ר עס, וואָס דאַרף אויסאַרבייטען און פאָרמולירען דעם ווילען פון דעם איצטעגען מאָמענט. דער ווילען פון דעם פאָלק, — דאָס איז דער ווילען פון דער מאַיאָריטעט: קיין אַנדער אוים־טייטש קאָן ניט זיין אין אונזער איצטיגער דעמאָקראַטישער צייט. און דער ווילען פון דער מאַיאָריטעט קאָן זיך ניט בענוגענען מיט אַ פּונקט, אויף וועלכען אַלע אידען זאָלען זיך פעראייניגען.

דאָס פערשטעהן גאַנץ גוט די ארבייטער־פיהרער אַליין. זיי וועלען גאָר נישט האָבען אַנטקעגען דעם, אַז אויף דעם קאָנגרעס זאָל אַוועק־געשטעלט ווערען די פראַגע פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע גלייכבערעכטיגונג, כאָטש עס קאָן דאָך פאַר זיי קיין ספק ניט זיין, אַז ניט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק איז פעראייניגט אויף דער פאָר־דערונג. זיי האָפען אָבער, אַז פאַר דער פאָרדערונג וועט זיך ארוים־זאָגען די מ אַ י אָ ר י ט ע ט, און דאָס איז פאַר זיי גענוג.

דער צווייטער אויסרייד איז, אַז אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער דעמאָקראַטישער קאָנגרעס קאָן ניט זיין קיין אַלגעמיין־נאַציאָנאַ־לער דעמאָקראַטישער קאָנגרעס, ווי באַלד אויף זיין טאָגעס־אָרדנונג ווערט אַוועקגעשטעלט אַ פּראָגראַם־פּונקט, אין וועלכען עס איז

פעראינטערעסירט א געוויסע פּאַרטיי. דאָס וועט פערוואַנדלען, זאָגען זיי, דעם קאָנגרעס אין א „פּאַרטיי־קלייזעל".

קיין גרעסערער אונזין און קיין גרעסערע פּאָליטישע עם־הארצות איז נאָך קיין מאָל ניט ארויסגעזאָגט געוואָרען, ווי אָט דער אויסרעד. נאָר פּאָליטישע אלף־בית־אינגלעך קאָנען מיינען, אז א פּאַרטיי־זאַך איז א פּ ר י וואַ ט ע זאַ ך. א פּאָליטישע פּאַרטיי איז ניט קיין פּריוואַטער פעראיין, וואָס טהוט זיך זיין ארבייט אין די איטערעסען פון זיינע מיטגליעדער. א פּאַרטיי־זאַך איז א פּאָלקס־זאַך. י ע ד ע פּאַרטיי איז מחויב צו זעהן, אז דאָס גאַנצע פּאָלק (ד. ה. מאַיאָריטעט) זאָל אָננעהמען איהר פּראָגראַם, ווייל איהר פּראָגראַם איז בעשאַפען געוואָרען ניט פאַר דער פּאַרטיי, נאָר פאַר דעם פּאָלק.

דאָס פּאָלק דאַרף בעשטימען זיין ווילען, אָננעהמען א בע־שטימטען ענטפער אויף די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון זיין לע־בען, מוז עס אויסקלייבען צווישען די פערשיעדענע פּאַרטייען. און וואָס פאַר אַן ענטפער דאָס פּאָלק זאָל ניט אָננעהמען וועט דאָס זיין אַן ענטפער פון א בעשטימטער פּאַרטיי.

זאָל די מאַיאָריטעט פון דעם קאָנגרעס בעשליסען אז די פער־אנטוואָרטליכע פּאָלקס־פערטרעטער זאָלען פאָדערען נ אָ ר ביר־גערליכע גלייכבערעכטיגונג און ניט נאַציאָנאַלע, וועט דאָס זיין א טריאומף פון א פּאַרטיי־קלייזעל", א נצחון פון דער אסימילאַטאָ־רישער ריכטונג. און זאָל די מאַיאָריטעט אָננעהמען נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג, אָדער בפירוש ניט אַן אייגען לאַנד, וועט דאָס ווידער זיין א טריאומף פון א בעשטימטער „פּאַרטיי־קלייזעל", — פון די גלות־נאַציאָנאַליסטען און די בונדיסטען. ניט שוין זעהט מען דאָס ניט איין? און פונדעסטוועגען האָט מען די העזה צו רעדען וועגען „פּאַרטיי־קלייזלעך".

אָבער ווי וועט זיין, ווען ניט דאָס ג אַ נ צ ע פּאָלק וועט אָננעהמען די פאָדערונג פון דעם בונדיסטישען „פּאַרטיי־קלייזעל" און די אסימיליאַטאָרישע מאַיאָריטעט וועט זיך אָבשטעלען? האָ־בען די בונדיסטען א טראַכט געטהאָן וועגען דעם? זענען זיי פערציטערט געוואָרען פון דעם געדאַנק?

איך גלויב ניט, אז די אויסזיכט זאָל האָבען אריינגעיאָגט א

שרעק אין זייערעביינער. אויב די אסימילאַטאָרישע מינאָריטעט וועט אַוועקגעהן פון קאָנגרעס, וועט זי אַוועקגעהן, מעהר גאָר נישט. דער ווילען פון פאָלק וועט זיין אויסגעדריקט אין דעם זין פון נאַציאָנאַלער גלייכבערעכטיגונג און די אויסדערוועהלטע פון דעם פאָלק וועלען וויסען, וואָס זיי האָבען צו טהאָן.

און דאָס אייגענע וועט, פערשטעהט זיך, זיין מיט דער פאָרדערונג פון ארץ־ישראל. אויב די בונדיסטען און גלות־נאַציאָנאַליסטען ציטערען, טאָמער וועט דער ווילען פון פאָלק זיך ארויסזאָגען פאַר ארץ־ישראל, איז דאָס קיין גרונד ניט, פאַר וואָס דאָס פאָלק זאָל זיך ניט צונויפקומען ארויסזאָגען זיין ווילען.

אויב זיי ציטערען אַזוי פאַר דעם פאָלקס־ווילען, טאָרען זיי, ווי דעמאָקראַטען, ניט קעמפען אנטקעגען אַ דעמאָקראַטישען קאָנגרעס, ניט קעמפען אנטקעגען דעם, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך ארויסזאָגען וועגען די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון דעם פאָלקס־לעבען. ווי סאָציאַליסטען און דעמאָקראַטען, דאַרפען זיי געהן צו די ארבייטער־מאַסען און זעהן, אַז די מאַסען זאָען שיקען פערטרעטער, וואָס וועלען שטימען אנטקעגען ארץ־ישראל.

און מיר וועלען אויך געהן צו די ארבייטער־מאַסען און דערצעהלען זיי, פאַרוואָס מען מוז דוקא שטימען פ א ר ארץ־ישראל.

די וואַהלען וועלען בעווייזען, ווער פון אונז איז געווען גערעכט אין די אויגען פון די ארבייטער, און דער קאָנגרעס וועט בעווייזען, וואָס איז דער ווילען פון דעם גאַנצען פאָלק.

עס איז אַ סקאַנדאַל, אַז מען דאַרף נאָך רעדען וועגען אַזעלכע אלף־בית־אמת'ען און האַמפּערן זיך וועגען זיי מיט וועמען? — מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטען!

27טען אויגוסט, 1915.

א פאַנטאַסטישער חלום.

„דער מזל", האָט איינער איינמאָל ערגעץ־וואו געזאָגט, „איז גוט און לייטזעליג צו אלעמען גלייך. דער אומגליקליכער איז אָבער אומגליקליך דערפאַר, וואָס ווען דער מזל קלאַפּט איהם אָן אין דער טהיר, דערקענט ער איהם ניט און לאָזט איהם ניט אריין".

עס איז א שטיק אמת אין דעם, סאַי אין דעם לעבען פון דעם איינצעלנעם, סאַי אין דעם לעבען פון די פעלקער. ווער ווייס, וויפיעל געלעגענהייטען עס האָבען זיך געמאכט אין אונזער געשיכטע, פּטור צו ווערען פון אונזערע צרות, און מיר האָבען זיי דורכגעלאָזען, ווייל מיר זענען — „שלומיאל'ס", ד. ה., מענשען, ווען דער מזל קלאַפּט אין טהיר און זיי דערקענען איהם ניט.

עס קאָן גריילעך זיין אז אויך איצטער לעבט אונזער פאָלק דורך אזא פאל. עס קאָן גריילעך זיין, אז קיינמאָל האָט דער מזל ניט געקלאַפּט אזוי העפטיג אין אונזער טהיר, ווי גראָד איצטער, און עס קאָן זעהר געמאָלט זיין, אז מיר וועלען — שוין א מזל אזא! — איהם ניט דערקענען און איהם ניט עפענען.

דער לעזער שטויסט זיך געוויס אָן וועגען וואָס מיר רעדען: אלץ טאקי וועגען ארץ־ישראל.

עס קאָן דאָך ביי קיין בר־דעת קיין ברעקעל ספק ניט זיין, אז אויב מיר וואָלטען איצטער בעקומען א פּאָליטיש־זעלבסטשטענדיגע היים אין ארץ־ישראל, וואָלט דאָס געווען אזא גליק, וואָס וועגען דעם האָט דאָס אידישע פאָלק... איך האָב שיער ניט געזאָגט: „קיין מאָל ניט געטרוימט". דעם אמת איז, אז וועגען דעם גליק האָט דאָס אידישע פאָלק קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו טרוימען.

האָבען מיר א פּאָליטיש זעלבסטשטענדיגע היים, איז יעמאָלט אונזער טראגישע נאציאָנאלע פראגע פערענטפערט. עס ווערט דערמיט אוועקגעלעגט דעם פונדאמענט צו דעם פאָלקאָמענעם אויס־

גלייך פון אונזער נאַציאָנאַלער לאַגע מיט דער נאַציאָנאַלער לאַגע פון אַלע אַנדערע פעלקער.

אָבער ניט נאָר ווערט דערמיט געזיעכערט דער פולער ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע, דער נאָרמאַלער בוי פון אונזער צוקונפט. אויך ברענענדיגע נויטען פון דער איצטיגער שווערער צייט קאָנען יעמאָלט בעפריעדיגט ווערען אויף א נאַטירליכען אופן.

מיר ריכטען זיך אַלע אויף א גרויסער עמיגראַציע פון רוס־לאַנד און גאַליציע. וואוהין זאָלען זיך די מאַסען א לאַז טהאָן? ווידער קיין אַמעריקא? וואו די טויערן פון אריינפאָהר ווערען אַלץ ענגער און ענגער? וואו מען הויבט שוין אָן אויף אונז צו קוקען מיט קרומע אויגען?

האָבען מיר אַן אייגענע אידישע רעגיערונג אין אונ־זער אייגענעם אידישען לאַנד, קאָן זי שוין איצטער, אויפ'ן שטעל, בעשאַפען די מעגליכקייט פאַר א מאַסען־עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל.

קלאָר און צווינגענד האָט דעם געדאַנקען ענטוויקעלט יצחק אייזיק הורוויטש אין זיין רעדע אין קופּער יוניאָן.

נאָר א רעגיערונג קאָן דאָס טהאָן, ניט קיין פּאַרטיי, ניט קיין פריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. א רעגיערונג קאָן מאַכען א הלואה פון הונדערטער מיליאָנען, וואָס זאָל זיך אויס־צאָהלען אין דורות און דורות; זי קאָן אויף איהר איינענעם חשבון אויפנעהמען די גראַנדיעזסטע עפענטליכע ארבייטען, וועלכע זאָ־לען שוין אויפ'ן שטעל געבען בעשעפטיגונג פאַר צעהנדליגער טוי־זענדער און אפשר פאַר הונדערטער טויזענדער ארבייטער: בויען אייזענבאַהנען, שאָסעען און וועגען; קאָררעגירען דעם לויף פון דעם ירדן; מאַכען נוצבאַר פאַר דער אינדוסטריע זיין אומגעהויערע וואַסער־קראַפט; דורכפיהרען די אירריגאַציע פון דעם לאַנד; אויס־טריקענען די זומפּען; פלאַנצען וועלדער; עקספּלאָאַטירען די נאַ־טירליכע רייכטימער פון דעם ים־המלח און אפשר אויך פון די בערג (אויב זיי זענען רייך אין מעטאַלען).

קאָן אַזא אויסזיכט שוין, אָט איצטער, פערווירקליכט ווערען, אָדער איז דאָס נאָר א פאַנטאַסטישער חלום? — דאָס איז די

צ ע נ ט ר א ל - פ ר א ג ע, ארום וועלכער עס דאַרף זיך דרע־הען די דיסקוסיע וועגען ארץ־ישראל.

אויב דאָס האָט אפילו נאָר א הונדערטעל שאַנס אויף ארייג־טרעטען אין לעבען, איז יעמאָלט מוזען אלע, סאַי ציוניסטען, סאַי ניט־ציוניסטען, — איינפּרעסען זיך מיט צייהן און נעגעל אין דעם הונדערטעל טייל פון א שאַנס און ניט ארויסלאָזען איהם, ביז ער וועט ניט מקוים ווערען, אָדער, פערשווינדען. ווייל, א חוץ אלע־מען, האנדעלט עס זיך דאָ וועגען פערזאָרגען מיט ברויט און מיט רוה און מיט א געזיכערטער היים א פּאָר מיליאָן אידען, וואָס האָבען זיך גוט אָנגעליטען אין דער לעצטער צייט.

אויב אָבער דער אויסזיכט אויף אַן אייגענער, געזיכערטער היים אין ארץ־ישראל און אויף אַן אייגענער אידישער רעגיערונג, וואָס זאָל לכל הפּחות זיין אויטאָנאָם און עפענטליך־רעכטליך גע־שיצט אין די אינוועניגסטע אנגעלעגענהייטען פון אויפבויען דאָס לאַנד, — אויב אזא אויסזיכט, זאָג איך, איז ניט מעהר, ווי א ווייס־טער חלום, יעמאָלט בלייבט די ארץ־ישראל־פראגע שטעהן, וואו זי איז געווען ביז אהער און פערשיידענע פּארטייען מעגען האָבען וועגען איהר פערשיידענע מיינונגען.

ווער זאָל פערענטפערען די דאָזיגע שאלה וועגען דער מעגליכ־קייט אָדער דער אונמעגליכקייט פון ארץ־ישראל פאַר אידען אין דעם זין, ווי מיר האָבען דאָס נאָר וואָס ענטוויקעלט?

עס זענען דאָ ביי אונז, פּובליציסטען, וואָס זענען ארויסגע־טראָטען מיט דער ברייטקייט פון אַן אומפעהלבארער אויטאָריטעט און האָבען קאַטעגאָריש פערענטפערט די שאלה: „דאָס איז לחלוטין אונמעגליך! דאָס איז א וויסטער חלום!“

פון וואנען נעהמט זיך ביי זיי די דאָזיגע ברייטקייט? אלע, וואָס זיי האָבען געקאָנט אונז זאָגען ביז אהער, זענען ארגומענטען פון דעם „שכל הישר“, פון דעמזעלביגען באלאבאטישען „שכל הישר“, וואָס הייסט אונז קוקען מיט אָפענע אויגען, כדי מיר זאָלען תיכף איינזעהן, אז די ערד איז פלאך, אז זי שטעהט אויף איין אָרט, אז די זון דרעהט זיך ארום איהר, און אז אלע, וואָס די אסטראָנאָ־מען זאָגען וועגען דעם ענין, זענען ניט מעהר ווי וויסטע פאַנטאַזיעס און דמיונות.

אין אַסטראָנאָמישע פראַגען דאַרף מען זיך צוהערן צו דעם, וואָס עס זאָגט דער אַסטראָנאָם. אין פראַגען פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק זענען מיר אַלע, אָהן אַן אויסנאַהם, עם־הארצים גמורים, און מיר טאָהרען זיך ניט פערלאָזען אויף דעם שכל הישר פון דעם כתרילעווקער באַלאַבאָס, מיט זיינע חשבונות וועגען וואָס עס איז מעגליך און אונמעגליך אין דער איצטיגער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. דאָ דאַרף מען זיך גוט איינהערען אין דעם, וואָס עס זאָגט דער שטאַאַטסמאַן און דער פּאָליטיקער פון בערוף. ע ר איז די אויטאָריטעט און מיר דאַרפען פערבויגען דעם „שכל הישר“, וועלכע מען קאָן קירעווען אַי אַהער, אַי אַהין.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער איצטיגער לאַגע, אַז וויכטיגע שטאַאַטסלייט האָבען געלאָזט דורכבליקען די מעגליכקייט פון ארץ־ישראל פאַר אידען. דאָס איז דער נייער פאַקט, וואָס צווינגט אונז איבערצוקוקען אַלע אַנדערע חשבונות ביז אַהער. ווען שטאַאַטס־לייט אין וואַשינגטאָן, ווי דאָס האָט מיטגעטיילט די אידישע פּרעסע, בעטראַכטען די איצטיגע לאַגע פאַר גינסטיג צו אונז אין דעם פּרט, איז יעמאָלט דאַרף דער „שכל הישר“ מיט אַלע זיינע לאָגישע אַרגומענטען זיך בעהאַלטען הינטער'ן אויווען, און אויב ער וויל דאָס ניט, האָט ער נאָר איין אויפגאַבע: א פּרוב טהאָן צו פערשטעהן מיט זיינע היימישע כוחות, ווי אַזוי איז דאָס פּאָרט מעגליך.

און אויב ער וועט א פּרוב טהאָן, וועט ער אפשר איינזעהן, אַז ער האָט וועגען דער איצטיגער דיפּלאָמאַטיע, דער דיפּלאָמאַטיע פון דער גרויסער צייט, אין וועלכער מיר לעבען א פאַלשע און איינזייטיגע השגה. עס קאָן איהם אפשר ווערען קלאָר, אַז אַזוי גוט, ווי דער קריעג האָט ניט געקאָנט געפיהרט ווערען אָהן דעם ענטוזיאַזם פון די גרויסע פאָלקס־מאַסען, אַזוי וועט אויך די נייע אָרדנונג ניט קאָנען אריינגעפיהרט ווערען אין לעבען אָהן דער צושטימונג פון דער ע פ פ ע נ ט ל י כ ע ר מ י י נ ו נ ג; אַז די ע פ פ ע נ ט־ ל י כ ע מ י י נ ו נ ג איז גראַד איצטער געוואָרען אפשר דער הויפּט־פאַקטאָר אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און אַז די עפענטליכע מיינונג ק אָ ן זיך ארויסזאָגען צו אונזער גונסטען, ווייל דאָס וואָס מיר פאָדערן נעהמט ביי קיינעם גאָר נישט ניט און

גיט צו דער גאַנצער מענשהייט אַזוי פיעל: מיר ווילען פערוואַנדלען מדבריות אין אַ מענשליכען, קולטורעלען ישוב, מיר ווילען אַז מיליאָנען עקזיסטענצען, רואינירטע דורך דער קריעג, זאָלען קאָנען אָנהויבען פיהרען אַ מענשליכען, קולטורעלען לעבען.

פאַר וואָס זאָל דער „שכל־הישר" דוקא אָננעהמען, אַז די עפענטליכע מיינונג וועט זיין געגען דעם? אַז די דיפּלאָמאַטיע וועט זיך ניט רעכענען מיט איהר?

אויף יעדען טעם, פאַר וואָס „ניט", קאָן מען ברענגען אַ טעם, פאַר וואָס „יע".

דער „שכל־הישר" האָט אָבער זיך געמעגט פערטראַכטען וועגען נאָך אַ נייעם פאַקט פון אַן אונגעהויערער בעדייטונג און וויכטיגקייט פאַר אונזער ענין, וואָס איז בעקאַנט געוואָרען גאָר אין דער לעצטער צייט. איך האָב דאָ אין זין דעם פאַקט, וואָס דער געוועזענער פּרעמיער־מיניסטער פון איטאַליע ל ו א י ד ז ש י ל ו צ אַ ט י איז צוגעשטאַנען צו דער איטאַליענישער ארץ־ישראל בעוועגונג, ווי אַ פאַרקעמפּפער און פיהרער.

און ווען מיר דערוויסען זיך, אַז אין דעם אָנהויב פון דעם קריעג האָט לוצאַטי ניט געוואָלט הערען פון אַ אידישען פּראָבלעם, ניט געוואָלט וויסען פון נאַציאָנאַלע אידישע אויפגאַבען, און אַז ער איז ערשט, נאָך אַ לאַנגען טראַכטען און איבערטראַכטען צוגעשטאַנען צו דער זאַך, בעקומט זיין צוטריט די בעדייטונג פון אַ פ אַ ק ט ו ו אָ ס פ ע ר ע נ ט פ ע ר ט ד י ש א ל ה.

דאָס הייסט ניט, אַז ווען לוצאַטי האָט זיך גענומען פאַר דעם ענין, איז שוין ארץ־ישראל געזיכערט פאַר דאָס אידישע פאָלק. אָ, נאָך לאַנג ניט. דאָס הייסט אָבער אָט וואָס:

ווען מיר שטעהען פאַר דער פראַגע, צי איז די פערווירקליכונג פון דער ארץ־ישראל פאָדערונג אַ מעגליכע זאַך אין דער איצטיגער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אָדער ניט, און עס געהט אַרויס פון איין זייט הערר אַ. ליטוואַק מיט דער קאַטעגאָרישער פערזיכערונג: „אַבסאָלוט אונמעגליך!" און הערר אָלגין טרעט צו און זאָגט נביאות, אַז „דאָס וועט זיך ענדיגען מיט אַן אויסגעבלאָזענער איי" און הערר מ. כ"ץ דערקלעהרט מיט'ן שכל הישר, אַז דאָס איז אַ „פאַנטאַסטישער חלום", און פון דער אַנדערער זייט טרעט אַרויס

איין איינציגער אלטער אידעל, וועמעס נאמען עס איז ל ו א י־ ד ז ש י ל ו צ א ט י און וואס זאגט, אז עס איז מעגליך, וועט אונטער אזעלכע אומשטענדען פאר קיינעם ניט זיין שווער צו ענט־שיידען, וועמען ער זאל בעסער גלויבען...

איך וויל, איהר זאלט מיך ריכטיג פערשטעהן. איך ווער דא ניט נתפעל פון לוצאטי, דעם גרויסען מאן. עס קאן זיין, אז וואס א הערר ליטוואק פערמאגט אין זיין מינדסטען נאגעל, פערמאגט דאס ניט א לוצאטי אין זיין מיניסטארישען קאפ. דער הערר ליטוואק אבער, ווי אויך אלע אויבענדערמאהנטע, זעהר בכבוד'ע העררן, זענען ניט קיין בר־סמכא'ס אין דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק. זיי האבען זיך מיט דעם ענין ניט בעשעפטיגט, און אויב בעשעפ־טיגט, איז נאר טעארעטיש, ביי זיך אין שרייב־צימער. לוצאטי אבער האט געלעבט אין יענער אטמאספערע, אין וועלכער עס שפיעלען זיך אב די האנדלונגען פון דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק, ער איז בעקאנט מיט די קרעפטען, וואס רופען זיי ארויס און קאן דע־ריבער וויסען אויף קלאר, וואס דארטען איז מעגליך און וואס ניט.

לוצאטי מוז דערווייל פאר אונז זיין די איינציגע אוטאריטעט, און זיין ענטפער דארף בעטראכט ווערען פאר דעם איינציג־זיכערען ענטפער אין דעם איצטיגען שטאדיום פון דער פראגע. ניט די ציוניסטען, ניט די בונדיסטען און ניט קיין אנדער פארטיי אין דער וועלט, קאנען איצטער יענעם ענטפער ניט אבלייקענען: — ארץ־ישראל פאר אידען איז, א דאנק דער איצטיגער לאגע, געווא־רען מ ע ג ל י ך, און כל־זמן אזא לאגע וועט אנהאלטען, טאהר מען ניט רעדען וועגען ארץ־ישראל ווי וועגען א „פאנטאסטישען חלום“.

מען קלאפט אין אונזער טהיר. עס קאן זיין, ס'איז אונזער מזל. לאמיר אויפהערען צו זיין שלומיאל'ס: לאמיר לפחות ארויס־געהן א קוק טהאן, ווער דאס איז.*)

---

*) באריכות וועגען דעם רעד איך אין דער אויבען־ציטירטער בראַ־שור „ארץ־ישראל און די אידישע ארבייטער שאפט“. זעה דאס קאפיטעל: „די מעגליכקייטס־פראגע“.

8טער סעפטעמבער, 1915.

אַלערליי טענות.

קיינער פון אונז האָט קיין רעכט ניט צו קומען צום פאָלק מיט דער אָפּטימיסטישער פערזיכערונג, אז ער דאַרף זיך נאָר „אַ הויב טהאָן", און עס וועט דערפילט ווערען זיין בעגעהר: ניט די, וואָס זענען פאר נאציאָנאלע גלייכבערעכטיגונג, ניט יענע, וואָס פאָדער־רען דערצו נאָך אַן אייגען אידישען לאַנד.

מיט קיינער פון אונזערע פאָדערונגען קאָנען מיר ניט זיין זי־כער, אז זי וועט אין דער איצטיגער צייט בעפרידיגט ווערען. קיין געברּאָטענע טייבעלעך האָט מען פאר אונז ערגעץ ניט אָנגעגרייט. פאר יעדען בעגעהר אונזערן דארפען מיר אָנשטרענגען אונזערע כוחות, און קיין גאראנטיע אויף ערפאָלג קאָן אונז קיינער ניט געבען.

פאר ביידע פאָדערונגען זענען נאָר דאָ שאַנסען, און עס איז שווער צו בעשטימען, וועלכע פון זיי האָט מעהר שאַנסען אויף איהר זייט.

די נאציאָנאלע גלייכבערעכטיגונג אין פערבונדען מיט דעם אריינמישען זיך אין די אינוועניגסטע אנגעלעגענהייטען פון מדינות, וואָס זענען פיינדליך צו אונז. זיי קאָנען ניט ערווארטען קיין וועל־בע עס איז פאָזיטיווע טובות פאר זיך, ווען זיי וועלען אונז בעפרייען פון אונזער נאציאָנאלען יאָך. עס איז דעריבער אַ גרויסע שאלה, צי די ענטשיידענדע מאכט־פאקטאָרען, צו וועמעס יושר מיר דארפען אָנקומען, וועלען זיך שטעלען אויף אונזער צד אנט־קעגען דעם צד פון אונזערע געגנער. ווען די רוסען און די פוילען (אָדער אין זייער נאָמען, די עסטרייכער) און די רומעניער וועלען דערקלעהרען פור־פלאַט, אז אידישע נאציאָנאלע גלייכבערעכטיגונג איז פאר זיי אַן אונמעגליכקייט, — איז יעמאָלט אַ גרויסע שאלה, צו די איבעריגע מעכטען וועלען דעריבער אָבברעכען די פערהאנד־לונגען און וועלען געהן קעמפען פאר אונזערע רעכט.

מיר ווערען אָבער דערפון ניט נתפעל און מיר זאָלען דערפון ניט נתפעל ווערען. מיר ווייסען לכתחילה גאנץ גוט, אז מיר געהען דאָ ניט אויף אַן אייזערנעם בריק. מיר בויען דאָ ניט אויף אונזער מאכט. מיר האָבען נאָר ש א נ ס ע ן. די שאנסען בעשטעהען אין דער האָפנונג, אז די ע פ ע נ ט ל י כ ע מ י י נ ו נ ג וועט זיין פאר אונז און אז אונטער דעם דרוק פון דער עפענטליכער מיינונג ק אָ נ ע ן די רעגיערונגען גע־צוואונגען זיין, זיך צו־צו־הערען צו דעם ווילען פון אונזער פאָלק.

נאציאָנאלע גלייכבערעכטיגונג איז א מ ע ג ל י כ ק י י ט, און נאָר א מעגליכקייט. און דאָס איז גענוג פאר אונז, מיר זאָלען פיהלען אונזער חוב, ניט ארויסצולאָזען די מעגליכקייט פון אונזערע הענט.

ווער עס זאָל ניט קומען צו אונז און זאָל ניט זאָגען, אז די נאציאָנאלע גלייכבערעכטיגונג איז שוין גאראנטירט, ווי באלד מיר, אידען, וועלען זיי פאָדערען, איז א פאָליטישער שארלאטאַן, ווייל נאָר א שארלאטאן קאָן צוזאָגען מעהר, איידער ער האָט.

דאָס זעלבע איז מיט דער פאָדערונג פון אן אייגענעם לאנד. זי איז פערבונדען מיט דעם בעדינג, אז א בעשטימטע מדינה זאָל אונז אוועקגעבען א בעשטימטע פראָווינץ. עס איז א גרויסע שאלה, צי די ענטשיידענע פאקטאָרען וועלען זיך שטארק דערהיצען פאר אונזער פאָדערונג, אויב יענע מדינה וועט א זאָג טהאָן קאטעגאָ־ריש: „לא מיט אן אלף!“

אָבער מיר האָבען ש א נ ס ע ן. מיר האָבען שאנסען צו בעווייזען יענער מדינה, אז זי האָט דערביי גאָרניט וואָס צו פערלירען און א סך צו געווינען. עס קאָן געפונען ווערען אַן אויס־וועג, וואָס זאָל גאראנטירען יענער מדינה, אז אלע פאָליטישע און פינאנציעלע פאָרטיילען, אויף וועלכע זי האָט א רעכט צו רעכענען פון יענער פראָווינץ, זאָלען איהר, דורך געוויסע אָבמאכען און התחיבות׳ען פון אונזער זייט, צוגעזיכערט ווערען אויף יעמאָלט, ווען די פערוואלטונג וועט איבערגעהן אין אונזערע הענט.

מיר האָבען א שאנס ביי דער ע פ ע נ ט ל י כ ע ר מ י י־נ ו נ ג, וואָס וועט אונטער אזעלכע בעדינגונגען אפשר שטארק אונטערשטיצען אונזער פאָדערונג. אונטער דעם דרוק פון דער

עפּענטליכער מיינונג, וועט דער ווילען פון יענער מדינה און פון אַלע אַנדערע ענטשיידענע פאַקטאָרען זיך אַרויסזאָגען צו אונזער גונסטען.

אויב עס איז אַזוי, זענען די שאַנסען פאַר אַן אייגען אידיש לאַנד נאָך שטאַרקער, איידער די שאַנסען אויף נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג: ביי דער בעשאַפונג פון אַ אידישען לאַנד, קאָנען פּראָפּיטירען אַלע צדדים. ביי דער נאַציאָנאַלער גלייכבערעכטיגונג וועלען פיעלע צדדים זיך אפשר געפינען פערגעוואַלטיגט.

און פון דעסטוועגען זענען דאָס ניט מעהר ווי שאַנסען. דאָס בעקומען פון אַן אייגענעם לאַנד איז ניט מעהר ווי אַ מעגליכקייט. אָבער, ווייל דאָס איז שוין אַ מעגליכקייט, איז דאָס גענוג פאַר אונז, מיר זאָלען, ווי ביי דער נאַציאָנאַלער גלייכבערעכטיגונג, פיהלען אונזער חוב, ניט אַרויסצולאָזען די מעגליכקייט פון אונזערע הענט, כדי קיינער פון אונז זאָל נאָכדעם ניט דאַרפען מאַכען זיך אַליין דעם פאָרוואורף: „עס וואָלט געקאָנט זיין! אָבער עס איז גאָר נישט ניט געוואָרען דערפון, ווייל מיר האָבען ניט גע־האָלפען, ניט געטהאָן אַלץ, וואָס מען בעדאַרף, אָדער נאָך ערגער: אין אונזער בלינדער עקשנות געשטערט."

אָט פאַר וואָס איך זאָג: די צענטראַל־פראַגע וועגען ארץ־ישראל איז איצטער ניט די פראַגע וועגען אַ גאַראַנטירטער זיכער־קייט, נאָר וועגען אַ גרעסערער אָדער קלענערער מעגליכקייט. און אָט פאַר וואָס עס איז נאָך עד היום נויטיג זיך אבסאָלוט קלאָר צו מאַכען, אַז אַלע אַרגומענטען אַנטקעגען יענער מעגליכקייט האַלטען ניט אויס קיין ברעקעל קריטיק.

איך האָב גענוי פערפאָלגט די פּאָלעמיק וועגען דעם ענין, און איך מוז קאָנסטאַטירען, אַז, אַ חוץ נערוועאישע מיסשטימונג, איז ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרען קיין איין־איינציגער ערנסטער אַרגו־מענט, פאַר וואָס מיר זאָלען קאָנען זיין זיכער, אַז „דאָס איז אונ־מעגליך", און ממילא זיך קאָנען בעפרייען פון יענעם חוב, וואָס ליעגט אויף אונז.

הערר אַ. ליטוואַק האָט אַרויסגעשטעלט פיער טעמים, פאַר וואָס אין ארץ־ישראל איז אונמעגליך אַ אידיש לאַנד. ערשטענס איז דאָס לאַנד וויסט; צווייטענס איז עס בעזעצט (פון די אַראַ־

בער); דריטענס וועלען אידען ניט פאהרען אהינצו, ווייל זיי זענען פראלעטאריער און זיי זוכען א גינסטיגען מארק פאר זייער ארבייטס־קראפט; און פערטענס וועלען די שטאאטען ניט צושטי־מען צו א אידישען לאנד.

דאס לאנד איז וויסט. דאס איז אמת. אבער דערויף בויען מיר אונזער פאדערונג. וואלט זי געווען בעזעצט און בעבויט, ווי אי־טאליע אדער שווייצאריע, וואלט דארטען ניט געווען קיין פלאץ פאר אונז.

דאס לאנד איז וויסט. אבער די דייטשע קאלאניזאציע און שפעטער די אידישע האבען בעוויזען אזוי קלאר, ווי די זון, אז מען קאן דארטען וויסטע לענדער פערוואנדלען אין א מענשליכען ישוב. דערצו דארף מען נאר האבען קאפיטאל, ארבייט, וויסענ־שאפט און דעם גוטען ווילען. קאפיטאל, ארבייט און וויסענשאפט קאנען מיר האבען ניט וועניגער איידער אלע אנדערע פעלקער. א אידישע פערוואלטונג, וואס וועט איבערנעהמען אויף זיך די אויפ־גאבע צו קולטיווירען די וויסטע לענדערייען, וועט ניט זיין אין פערלעגענהייט, וואו צו געפינען קאפיטאל, ארבייט און וויסענ־שאפטס־לייט. און קיין שטארקערען ווילען דערצו קאן קיינער ניט האבען, ווי דאס אידישע פאלק. אנדערע פעלקער וואלטען אפשר געטריעבען געווארען אהינצו נאר דורך אן עקאנאמישען נויט, און אונזער פאלק דארף דורך אן אייגען לאנד בעפריעדיגען די אנגעוועהטאגטע בעדירפנים פון זיין לעבען, די נאציאנאלע נויט. וואס עס וואלט זיך עקאנאמיש אפשר ניט געלוינט פאר דעם יחיד, — דעם אידישען אדער דעם ניט־אידישען, — וועט זיך לוי־נען און בעצאהלען דעם אידישען פאלק, ווי א כלל.

אויב עס איז איצטער דא אויף דער וועלט א וועלכעס עס איז פאלק, וואס זאל זיין פעראינטערעסירט און זאל האבען די מיטלען צו קולטיווירען די וויסטע לענדערייען פון ארץ־ישראל, זענען דאס נאר מיר, אידען. און דערפאר ווענדען מיר זיך מיט דער דאזיגער פאדערונג צו די פעלקער, און דערפאר קאנען מיר האפען, אז זיי וועלען אונזער פאדערונג אננעהמען.

און ווייל דאס לאנד איז וויסט, **א י ז ע ס נ י ט ב ע־ז ע צ ט.** די אראבער האבען לפי ערך א קליינעם טייל לענדע־

רייען, וואָס קאָנען בעאַרבייט ווערען מיט דער הילף פון די פּרימי־טיוּוסטע מעטאָדען. מיט דעם אַריינפיהר פון אַן אינטענסיווער קולטור אין דעם לאַנד (די אַראַבער אַליין קאָנען דאָס ניט טהאָן. מיר דאַרפען דאָס טהאָן), וועט אויפגעהויבען ווערען דער ווערט און די פּרוכפּערקייט פון די אַראַבישע לענדערייען. עס וועט זיי לוינען צו פערקויפען אונז מינימום אַ העלפט פון זייער בעזיץ, כדי מיט דעם געלט צו פ ע ר פ י ע ר פ אַ כ ע ן די פּראָדוק־טיוויטעט פון זייער אייגענעם באָדען.

און אויב זיי ועלען ניט וועלען, זאָלען זיי בלייבען ביי זיי־ערס. אין „עפענטליך־רעכטליך געזיכערטע אידישע פערוואַלטונג" (זעהט, ווי פּאָליטיש־פּאָרזיכטיג איך הויב מיך שוין אָן אויסצו־דריקען. איך האָב אייגענטליך געוואָלט זאָגען: „אַ זעלבסטשטענ־דיגע אידישע רעגיערונג", אָבער די ווערטער זענען געפעהרליך עפענטליך צו געברויכען) אין „עפענטליך־רעכטליך געזיכערטע אי־דישע פערוואַלטונג" וועט ביי קיינעם גאָר נישט ניט צונעהמען מיט געוואַלד: קיינער וועט דאָס ניט דערלאָזען. אָבער זי וועט קאָנען, אַ חוץ די וויסטע לענדערייען פאַר אַגראַר־קאָלאָניזאַציע, נאָך אויס־נוצען די שטעדט פאַר מלאכה און אינדוסטריע, — אין אונטער־נעהמונג, וואָס קיין פּאַרטיי און קיין פּריוואַט־געזעלשאַפט וואָלט אָהן איהר הילף ניט געקאָנט דורכפיהרען. און אויף דעם פעלד פון אינדוסטריע האָט דער אַראַבער אודאי קיין רעכט ניט אַריינצורעדען אין אונזערע עסקים.

דער אידישער עמיגראַנט איז אַ פּראָלעטאַריער, וואָס וועט פאָהרען אהין, וואו ער וועט האָבען בעסערע אַרבייטס־בעדינגונגען. גאַנץ זיכער, און דעריבער וועט ער פאָהרען קיין ארץ־ישראל אַ סך ווילינגער איידער קיין אַמעריקאַ, צ. ב., ווייל, ערשטענס קאָסט פון אַדעס קיין יפו ניט מעהר ווי דרייצעהן רובעל און צווייטענס וועט ער, ביי די אַרבייטען, וואָס אין „עפענטליך־און־זאָ־ווייטער געזי־כערטע" וועט אונטערנעהמען און ביי דעם ניוואָ פון אַרבייטס־בע־דינגונגען, וועלכע זי וועט בעשאַפען, האָבען לפי ערך אַזעלכע אַר־בייטס־בעדינגונגען און אַזעלכע שכירות, פון וועלכע אַ קנעפּעל־נעהער פון ניו־יאָרק טאָר נאָך דערווייל גאָר ניט חלום'ען.

איהר זעהט: די אַלע טענות פון דעם הערן א. ליטוואַק זענען

אַרויסגענומען געוואָרען פון דעם אַלטען אַרסענאַל פון די אַלטע אַר־גומענטען אַנטקעגען דעם אַלטען ציוניזם, וואָס בויט זיינע האָפ־נונגען אויף דער לאַנגזאַמער קליין־קאָלאָניזאַציע, זיי פערליערען אָבער יעדען זין אין דעם ליכט פון יענער פאָדערונג, וועלכע דאָס אידישע פאָלק דאַרף אַרויסשטעלען איצטער.

בלייבען די שטאַאַטען. וואָס זיי דענקען וועגען דעם וועלען מיר זיך דערוויסען, ווען מיר וועלען שיקען אונזערע אָפיציעלע פער־טרעטער, זיך דורכריידען מיט זיי. קיין אַנדער וועג דערצו איז ניטאָ.

6טער סעפטעמבער, 1915.

דער אינטערנאַציאָנאַל נאָכ'ן קריעג.

פאר דער אידישער ארבייטערשאפט איז, א דאנק דעם קריעג אויסגעוואקסען א נייער פּראָבלעם: ווענדען זיך צו דער סאָציאַ־ליסטישער ארבייטער־וועלט און פערלאַנגען פון איהר, אז זי זאָל פערטיידיגען די רעכט פון דעם אידישען פאָלק, אומעטום וואו זיי ווערען געטראָטען מיט די פיס. די אידישע פראגע וועט מוזען ארויפגעבראכט ווערען אויף דעם סדר־היום פון יענעם סאָציאַ־ליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס וועט צונויפגערופען ווערען אויף מאָרגען נאָך דער בעענדיגונג פון דעם קריעג.

עס איז פאר אונז ביז דערווייל קיין נפקא מיניה נים, אין וואָס פאר א פ אָ ר ם דאָס וועט געשעהן: אין דער פאָרם פון אָן איינענער אידישער פערטרעטערשאפט אָדער אויף א וועלכער עס איז אנדער ארט. ווי וויכטיג די פראגע זאָל נים זיין לאָזען מיר זי דאָ אָן א זייט. עס איז אונז איצטער נאָך וויכטיגער צו געווינען א קלאָרען בליק אויף דער בעדייטונג פון'ם צוקונפטי־גען אינטערנאַציאָנאל און אויף יענער פּאָליטישער וואָג, וואָס מוז באלד נאָכ'ן קריעג אויספאלען אויף זיין גורל.

דער אינוועניגסטער קאמף פאר דער אָדער יענער פאָרם, אין וועלכער דער ווילען פון דעם אידישען פּראָלעטאריאט זאָל מיטגע־טיילט ווערען דעם אינטערנאַציאָנאל, — אזא קאמף ווערט גע־פיהרט צווישען די פערשיידענע אידיש־סאָציאַליסטישע ריכטונ־גען, — וועט אין זיין העפטיגקייט מוזען אָבהענגען פון דעם, ווי הויך מיר וועלען אָבשעצען יענע בעדייטונג און וואָג, וואָס דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאל קאָן האָבען אויף דעם גאנג פון דער אַל־וועלטליכער פּאָליטיק.

אויב דער אינטערנאַציאָנאל וועט האָבען נים מעהר מאכט, איידער ער האָט געהאט פריהער, אָדער אויב ער זאָל ארוים מיט

נאָך א קלענערען פרעסטיזש און איינפלוס אויף דער פּאָליטישער וועלט, ווי ער האָט געהאַט, איז יעמאָלט לחלוטין ניטאָ זיך וואָס צו היצען אזוי שטארק ד ו ק א א י צ ט ע ר וועגען די פאַר־מען פון דער אידישער פערטרעטערשאפט אין איהם.

גאַנץ אַנדערס אבער, ווען מיר זאָלען אָננעהמען, אז דער אינטערנאַציאָנאַל וועט זיך צוריקקעהרען צו זיין ארבייט ניט נאָר ניט אָבגעשוואכט אין זיין פּאָליטישער מאכט, נאָר אין א גרויסער מאָס פערשטאַרקט, יעמאָלט קאָן דער ווילען פון דער אידישער ארבייטערשאפט, אויב ער זאָל געמאכט ווערען צו דעם ווילען פון דעם אָל־וועלטליכען פּראָלעטאַריאַט, דירעקט אריינגרייפען אין דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען און ביז צו א געוויסען גראַד שוין איצטער בעשטימען די פערבעסערונג פון אונזער לאַגע.

די פראַגע וועגען דער אידישער פערטרעטערשאפט, וועגען דער פּאַסענדער פאָרם, ווי אזוי זי זאָל לאָזען וויסען די נויטען און דעם ווילען פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט, געווינט אין אזא פאַל אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע בעדייטונג און א ד ר י נ ג ע נ ד ע דערצו, ווייל מען וועט דאַרפען שמיעדען דעם אייזען, כל זמן ער איז הייס, און דורכפיהרען פאָדערונגען אין לעבען, כל זמן די יסודות פון דעם נייען פּאָליטישען זיין וועלען נאָך ניט פערגליווערט ווע־רען אין בעשטימטע פאָרמען. דער קאַמף פאַר דער אָדער יענער אַרט אידישע פערטרעטונג וועט אין אזא פאַל מוזען געפיהרט ווע־רען מיט א בעזונדערס שטאַרקען אימפעט.

בכן: וואָס האָבען מיר צו דענקען וועגען דער פּאָליטישער בעדייטונג און וואָג פון דעם ווידער בעלעבטען אינטערנאַציאָנאַל?

וועגען דער פראַגע זענען שוין ארויסגעזאָגט געוואָרען א סך מיינונגען, וואָס זענען סותר איינע די אַנדערע. פּעסימיסטען און אָפּטימיסטען גלייכען דאָ אויס די וואָג: דער אינטערנאַציאָנאַל איז טויט; דער אינטערנאַציאָנאַל איז אונשטערבליך. עס וועט געדויע־רען יאָהרען, ביז ער וועט קומען צוריק; ער וועט זיך צונויפקלייבען אויף מאָרגען נאָך דער מלחמה. ער וועט קומען א צושלאָגענער, אַן אָהנמעכטיגער; ער וועט קומען מיט א בענייטער גבורה און קראַפט.

מילא וועגען די, וואָס האָבען שוין אָבגעזאָגט קדיש דרבנן

נאָך דעם וועלט־פּאַרלאַמענט פון דעם פּראָלעטאַריאַט, האָבען מיר דאָ ניט קיין סך וואָס צו רעדען. זיי האָבען זיך מסתמא פאָרגע־שטעלט, אז די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פלעגען זיך צונויפ־פאָהרען, כדי צו ערקלעהרען זיך אין ליעבע איינער צו דעם אַנדע־רען און כדי אויסצוגעפיענן מיטלען, ווי אזוי די פעלקער פון דער וועלט זאָלען זיך אין קאָסמאָפּאָליטישער דביקות. צונויפגיסען „לבשר אחד", אין איין גוף און איין נשמה. און היות ווי די פּראָ־לעטאַריאַטען פון די וויכטיגסטע פעלקער האָבען אזוי מאוס צו־בלוטיגט איינער דעם אַנדערען אין דעם איצטיגען קריעג, וועלען זיי שוין מעהר גאָר ניט וועלען אָנקוקען איינער דעם אַנדערען.

א קינדישע, נארישע פאָרשטעלונג. דער אינטערנאַציאָנאַ־ליזם, — די סאָלידאַרישע ארויסטרעטונגען און געמיינשאפטליכע ארבייטען פון די פערשיידענע פעלקער, — איז צו דעם סוף פון דעם נייינצעהנטען יאָהרהונדערט געוואָרען דער לעבענס־אָטעם פון מענש־ליכען פּראָגרעס. דער קריעג האָט נאָך אויף א ווײַלע פערכאַפּט דעם אָטהעם, און ווי נאָר ער וועט זיך ענדיגען, אזוי וועלען די זעלבינגע לעבענס־נויטען, וואָס האָבען, איידער דעם קריעג, בעשאַ־פען די אַלע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס ניט נאָר ביי דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר כמעט אויף אַלע פעלדער פון דער מענשליכער קולטור, ווידער אָבפרישען זייער לעבענס־קראַפט און מאַכען העפ־טיגער שלאָגען זייער פּולס.

ניט צוליעב ליעבעס־דערקלעהרונגען פלעגט זיך צונויפפאָהרען דער אַלוועלטליכער פּראָלעטאַריאַט. ער פלעגט דאָס טהאָן, געטריע־בען פון לעבענס־וויכטיגע נויטען אויף אַלע פעלדער פון זיין עקאָ־נאָמישען און פּאָליטישען קאַמף, געצווינגען פון יענע פּרינציפּען, וואָס ליגען אין דעם יסוד פון זיין געשיכטליכער בעוועגונג. נאָך דעם קריעג וועלען יענע נויטען זיך לאָזען פיהלען נאָך שטאַרקער, זיין קאַמף וועט מוזען ווערען אינטענסיווער, און נאָך בולט'ער וועט מוזען ארויסטרעטען פאַר איהם די געשיכטליכע ראָליע פון זיין בע־וועגונג. ער וועט זיך מ ו ז ע ן נעהמען פאַר זיין אינטערנאַ־ציאָנאַלער ארבייט, אין אָנגעלערענטער, א בערייכערטער מיט בי־טערע ערפאַהרונגען.

וועט ער קומען אן אָבגעשוואַכטער, אָדער א פערשטאַרקטער?

אויף וויפיעל מען קען איבערהויפּט וואָס עס איז פאָראויס זעהן אין א פערפּלאָנטערטען היסטאָרישען פּראָצעס, רעכען איך, אז מיר האָבען א רעכט צו גלויבען, אז דער אינטערנאַציאָנאַל וועט זיך אומקעהרען צו זיין ארבייט אי אָבגעשוואכט אין איין פּרט, פערשטארקט אין אן אנדערען.

ווי א רעוואָלוציאָנערע קראַפט, וואָס דאַרף סאָלידאַריזירען און האַרמאָניזירען דעם אויפשטאַנד פון דעם פּראָלעטאַריאַט אנטקעגען אלע יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע, ווי א בויער פון דעם צוקונפטיגען לעבען פאר דער גאנצער מענשהייט, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל שוין פון לאַנג אָן געגומען פערליערען זיין שאַרפ־קייט, אויסגעהאַלטענקייט און זיין אָנגעשטרענגטע ענערגיע. דער פּרינציפּיעלער רעוואָלוציאָנאַריזם פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, ווי פון דער גאנצער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אייראָפּא, האָט געהאַלטען אין איין פאַלען, און אין דעם פּרט זעה איך ניט איין, ווי אזוי די לאַגע נאָך דעם קריעג קאָן דאָ אויפהאַלטען איהר ווייטערדיגען וואוקס.

אדרבה! דער איצטיגער קריעג האָט בעשאַפען אזא לאַגע, פון וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט מוז ארויסגעהן פּאָליטיש געשטאַרקט, מיט א סך א גרעסערער וואָג אין דעם פּאָליטישען לעבען, איידער ער האָט ווען עס איז פריהער געקאָנט האָבען.

— לאָזט מיך גלייך דערקלעהרען, פאר וואָס איך רעכען אזוי.

וואַרפט איהר א בליק אויף דער פּאָליטישער געשיכטע פון אייראָפּא זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אזוי בעמערקט איהר, אז די פּאָליטישע מאַכט פון א וועלכען עס איז געזעלשאַפטליכען קלאַס איז ניט נאָר א פּראָדוקט פון זיין עקאָנאָמישער קראַפט, פון זיין ראָליע אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון זיין לאַנד, נאָר אויך אָ פּועל־יוצא פון זיין נאַציאָנאַלער ראָליע, פון זיינע פערדיענסטען אין דער בעפריעדיגונג פון די נאַציאָנאַלע נויטען פון זיין פאָלק און לאַנד, — אלע איינס, צו יענע נויטען ווערען פון איהם פערשטאַנען ריכטיג אָדער פאַלש.

די אריסטאָקראַטיע, וואָס האָט אין דייטשלאַנד אזוי גוט ווי אין פראַנקרייך, כמעט גלייך אויסגעשפּיעלט איהר עקאָנאָמישע

ראַליע, האָט אבער איןביידע לענדער א גאַנץ פערשיידענע פּאָלי־טישע בעדייטונג. אין פראנקרייך, וואו די בורזשואזיע האָט אָנגע־נומען אַלע נאַציאָנאַלע אויפגאַבען פון דער אריסטאָקראַטיע און איז געוואָרען נאָך מעהר שאָוויניסטיש, איידער די לעצטע איז געוועזן, האָט די אריסטאָקראַטיע כמעט אין גאַנצען פערלאָרען איהר פּאָליטישע בעדייטונג.

אין דייטשלאַנד אָבער, וואו די בורזשואזיע האָט אין אָנהויב נאָר מיט גרויס ווידערווילען געשטיצט די נאַציאָנאַלע אויפגאַבען פון דער אריסטאָקראַטיע, איז די לעצטערע כמעט אומעטום געבלי־בען די היטערין פון די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע טראַדיציעס. די קעמפערין פון דער אונאַבהענגיגקייט פון דעם לאַנד און ממילא אויך דער אויבערהערשענדער פאַקטאָר אין דעם פּאָליטישען לע־בען. די פּאָליטישע ערפאָלגען פון דער דייטשער בורזשואזיע הויבען אָן וואַקסען אין דער זעלביגער מאָס, אין וועלכער זי ווערט אליין דורך און דורך נאַציאָנאַל.

פאַר דעם, וואָס איז פערטרויט מיט די גרונד־קרעפטען, וואָס טרייבען אָן דעם מענשליכען פראָגרעס, זענען אַזעלכע ביישפּיעלען, וואָס קענען פערמעהרט ווערען און אילוסטרירט ווערען מיט הונ־דערטער איינצעלנע פּרטים, גאָר א ברעקעל ניט קיין חדוש. ער וויים, אַז נאַציעס זענען אייגענאַרטיגע אָ ר ג אַ נ י ז מ ע ן, וואָס קעמפען פאַר זייער קיום מיט דער אָנשטרענגונג פון אַלע זייערע קרעפטען. אַזא אָרגאַניזם קאָן פּאָליטיש זיך לאָזען פיהרען נאָר פון אַזעלכע עלעמענטען זיינע, אויף וועלכע ער קאָן זיך פערלאָזען, אַז זיי וועלען בשום אופן ניט פערקויפען די אינטערעסען פון דעם נאַציאָנאַלען קיום אין די צייטען פון געפאַהר.

דער פּראָלעטאַריאַט האָט ביז אַהער ניט געהערט צו אַזעלכע עלעמענטען פון דעם פאָלקס־אָרגאַניזם. אדרבה, אין זיין יוגענד האָט ער קאָקעטירט מיט זיין גלייכגילטיגקייט צו אַלע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען און ניט נאָר מיט זיין גלייכגילטיגקייט, נאָר אויך מיט זיין דירעקטער פיינדליכער שטעלונג צו אַלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט נאַציאָנאַליזם. דאָס פאָלק, ווי א גאַנצעס, האָט דעריבער ניט געקאָנט האָבען קיין פולען צוטרויען צו איהם. ער האָט איהם אָפּט געשענקט זיינע

שטימען אין די צייטען פון פריעדען, און געשטיצט איהם אין די אינוועניגסטע אנגעלעגענהייטען פון דעם לאַנד.

אָבער עס פלעגט באלד ארויסווייזען זיין טיעפען מיסטרויען צו איהם, ווי נאָר אויף דעם האָריזאָנט פלעגט זיך בעווייזען א גרוי־סע ברענענדיגע, נאַציאָנאלע לעבענס־פראגע.

דער איצטיגער קריעג האָט טאָטאל איבערגעביטען די לאַגע און די שטעלונג פון פאָלק צו דעם פּראָלעטאריאט. ווער עס זאָל ניט האָבען ארויסגערופען דעם קריעג, ווי גערעכט אָדער אומגע־רעכט ער זאָל ניט זיין, דער פּראָלעטאריאט פון די אייראָפּע־אישע קריעגס־פיהרענדע לענדער האָט זיך מיט מסירת־נפש א וואָרף געטהאָן אויפ׳ן שלאכטפעלד, כדי מיט זיין גוט און בלוט צו בעשיצען זיין פאָלק פון א נידערלאגע.

דאָס איז ארויסגעקומען אינסטינקטיוו, אונערוואַרטעט, להיפּך צו אלע טעאָריען און אָבמאכונגען, בלינד און כמעט אומבעוואוסט, ווי אלע גרויסע היסטאָרישע בעוועגונגען, ווען די מאַסען טרייסלען אראָב פון זיך דאָס אויסגעלערענטע, אויסגע׳מוח׳עטע און אנט־פּלעקטען פאר אונז זייער אינוועניגסטען תוך.

דער פּראָלעטאריאט איז אומעטום געוואָרען ניט נאָר נאַציאָ־נאַל: דאָס איז ער געוואָרען שוין פון לאנג אָן, נאָר אויך דער ה י־ ט ע ר און ק ע מ פ ע ר פאר דער נאַציאָנאלער עקזיסטענץ. ער איז דער גרעסטער און וויכטיגסטער טייל פון יענער קראפט, אין וועלכען דער פאָלקס־אָרגאניזם נויטיגט זיך און אויף וועלכער ער קאָן זיך פערלאָזען.

זיין פּאָליטישע וואָג אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען וועט דעריבער מוזען אויסוואקסען אין דערזעלביגער מאָס, אין וועלכע עס האָט געמוזט אויסוואקסען דער אינסטינקטיווער צוטרוי פון דעם פאָלקס־אָרגאַניזם צו זיין ראָליע אין דעם נאַציאָנאלען לעבען.

און אָט מיט דער אָנגעוואקסענער פּאָליטישער וואָג וועלען די פּראָלעטאריאטען פון די קריעג־פיהרענדע, מערב־אייראָפּעאישע לענדער קומען צו זייער אינטערנאַציאָנאלען פּאַרלאַמענט, און ווע־לען בעשאַפען פון איהם א נייעם מעכטיגען פאקטאָר אין דעם פּאָליטישען לעבען פון אייראָפּא.

30טער אפּריל, 1915.

אונזער ווענדונג צו דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אין דער רעזאָלוציע, וועלכע די ארבייטער־קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען, זענען אויסגערעכענט יענע שריט, וועלכע די אלגע־מיינע ארויסטרעטונג פון דעם אידישען פאָלק דארף איצטער אָנ־נעהמען אין דעם קאמף פאר אידישער גלייכבערעכטיגונג, און צו דער צאָהל פון יענע שריט געהערט אויך די ווענדונג צו דעם סאָ־ציאליסטישען אינטערנאַציאָנאל.

עס איז אין דער רעזאָלוציע ניט אויסדריקליך געזאָגט געוואָ־רען, אז אויך דער שריט דארף געמאכט ווערען פון דעם אלגעמיין־אידישען קאָנגרעס. אבער דער איינדרוק, וועלכען די רעזאָלוציע לאָזט איבער, איז גאנץ בעשטימט אזא, אז דער פונקט ווערט אויך אריינגערעכענט אין דער צאָהל פון יענע מיטלען, וואָס די פעראיי־ניגטע כוחות פון דעם גאנצען אידישען פאָלק אין אמעריקא דאר־פען אָנווענדען, כדי צו דערגרייכען דעם בשותפות׳דיגען ציעל.

איך וויים לחלוטין ניט, וואָס מען וואָלט געקענט איינווענדען אנטקעגען אזא שריט.

עס מעג דעם גאנצען אידישען פאָלק אָנשטעהן פאָרצולעגען זיינע קריוודעס אויף פאר דעם טריבונאל פון דעם אלוועלטליכען פראָלעטאריאט.

דער סאָציאליסטישער אינטערנאַציאָנאל וועט נאָך דער מלחמה גאנץ זיכער שפּיעלען די ראָליע פון א וויכטיגען מאכט־פאקטאָר אין דער וועלט־פּאָליטיק. זיין בעדייטונג וועט בלי־ספק זיין א גאנץ אנדערע, איידער די, וועלכע ער האָט געהאט ביז פאר׳ן קריעג. פריהער איז ער אין אלע פּרטים געשטאנען, אזוי צו זאָגען, „מחוץ למחנה“. די גאנצע ניט־סאָציאליסטישע, באלעבאטישע וועלט האָט ער בעטראכט ווי א פיינדליכע פעסטונג, וועלכע ער בעלאגערט און וועלכע ער וויל אראָפּשלעפּען פון דער ערד. און נאָך מעהר האָט די באלעבאטישע וועלט געקוקט אויף איהם, ווי אויף א פיינדליכער

ארמעע, וואָס האָט אויפגעהויבען איהר „פערברעכערישע" האנד אויף אלע הייליגע יסודות פון דער איצטיגער געזעלשאפטליכער אָרדנונג און אויף אלע „הייליגסטע גיטער" פון די נאַציאָנען. די באַלעבאַטישע וועלט האָט ניט איינמאָל פאַרגעוואָרפען דער סאָציאַליסטישער, אז זי בעשטעהט פון „פאַטערלאַנדסלאָזע געזעלען", וואָס ווילען אונטערגראַבען די עקזיסטענץ גופא פון די איינצעלנע פעלקער.

אין דער דאָזיגער בעשולדיגונג איז, לאָמיר זאָגען, ניט אלץ געווען ריכטיג, אפילו אין דעם פרט פון דעם סאָציאַלען קאמף האָט מען שוין לאנג פערלאָרען דאָס רעכט צו פערגלייכען די סאָציאַליסטישע פאַרטייען מיט אן ארמעע, וואָס שטעהט ד ר ו י ס ע ן פון דער בירגערליכער געזעלשאפט און בעלאַגערט זי, ווי א פיינדליכע פעסטונג. דער פערגלייך קאָן נאָך אפשר האָבען א זין, ווען מען רעדט וועגען דער טעאָרעטישער וועלט־אנשויאונג פון דעם סאָציאַליזמ און די יסודות פון זיין ריין פרינציפּיעלער פראָפּאַגאַנדאַ. אי ער פראַקטישער ארבייט, אין דעם טאָג־טעגליכען קאמף פון דע פּראָלעטאַריאַט, האָט ער זיך שוין לאנג אריינגעריסען אין יענע פעסטונג, איז שוין לאנג געוואָרען א גלייכבערעכטיגטער תושב יהרער מיט אלע אנדערע פאַרטייען, וואָס קעמפען דעם אינווע גסטען קאמף פאַר „דעם וואָהל און בעסטען" פון אלע איינוואָהני . אין דעם פּראָגראַם־מינימום פון יענע סאָציאַלע און פּאָליטישע רעפאָרמען, וועלכע די ארבייטערשאפט פאָדערט פון דער איצטיגער געזעלשאפט, געהט זי זיך כמעט אין א האָר ניט פאַנאַנדער מיט דעם פּראָגראַם־מאַקסימום פון יענע ראַדיקאַלע פאַרטייען, וואָס זענען קיינמאָל „מחוץ למחנה" ניט געשטאַנען.

אָב ר — ווי די מעשה זאָל ניט זיין אין דעם ענין פון סאָציאַלע און פּאָליטישע רעפאָרמען, — בנוגע צו די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען האָט די אַלטע וועלט אודאי קיין רעכט ניט געהאַט חושד צו זיין דעם אינטערנאַציאָנאַל, אז ער בעשטעהט פון „פאַטערלאַנדסלאָזע געזעלען", פון מענשען, וואָס ווילען אונטערגראַבען די עקזיסטענץ פון נאַציאָנען.

רעכענט מען אראָב פון חשבון אייניגע קאָסמאָפּאָליטישע טהעאָרעטיקער, וואָס האָבען זיך שוין איצטער אגב אלע אָבגעזאָגט

פון דעם קאַפּיטאַליזם, און בעטראַכט מען די פּאַרטייען, וואָס געהען אריין אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, און אלע זיינע אָפּיציעלע ארויסטרעטונגען, מוז מען קומען צו דעם שלוס, אז דער אינטער־נאַציאָנאַל פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט, ווידער־אַמאָל און אָבער־אַמאָל דערקלעהרען פאר דער גאַנצער וועלט, אז די עקזיסטענץ פון די פעלקער מיט זייערע פערשיידענע קולטורען איז איהם טייער און אז עס איז ז י י ן עיקר, איינע פון זיינע וויכטיגסטע אויפגאבען, צו זעהען, אז זיי זאָלען אלע זיין גלייך, אלע זיין פריי, אלע זיין זעלבסטשטענדיג.

די איינציגע אויסנאהם פון דעם כלל האָבען אפשר פאַרגע־שטעלט מיט זיך די אידישע ארבייטער, ביי וועלכע די אידעאַלען פון דעם אלטען, בורזשואזען וועלט־בירגערטהום, האָבען זיך גע־האַלטען לפי ערך לענגער איידער אומעטום, אָבער אויך דאָ קאָנען מיר בעמערקען דעם כאַראַקטעריסטישען פאַקט, אז אויף וויפיעל די אידישע ארבייטערשאַפט איז פערטראָטען אין דעם אינטערנאַ־ציאָנאַל, איז זי בשום אופן ניט געוועזען קאָסמאָפּאָליטיש און אפילו ניט „פאטערלאַנדס־לאָז“.

די אידישע פערטרעטונג אין דעם אינטערנאַציאָנאַל איז ביז אהער בעשטאַנען פון דעם „בונד“ און דעם „סערפּ“.

דער „בונד“ איז דורך־און־דורך א י ד י ש און, אין דערזעל־בער צייט דורך־און־דורך „פאַטערלענדיש“ („רוסלענדיש“), אויף אזוי פיעל „רוסלענדיש“, אז ער האָט געקעמפט אנטקעגען דעם, מען זאָל צולאָזען צו דעם אינטערנאַציאָנאַל (צו דער רוסישער סעקציע) די סאָציאַליסטען־טעריטאָריאַליסטען און דעם „סערפּ“, מחמת זיי ביידע זענען ניט גענוג „רוסלענדיש“, שטעהען גאָר מיט איין פוס אין רוסלאַנד“.

נאָר אויב וועגען דעם כאַראַקטער פון דעם „בונד“ קאָנען נאָך זיין ספקות, און זיין „רוסלענדישקייט“ קאָן אויסגעטייטשט ווע־רען אין א וועניגער „פאטערלענדישען“ זין, איז וועגען דעם נאַציאָ־נאַל־אידישען און „פאַטערלענדיסטישען“ כאַראַקטער פון דעם „סערפּ“ דאָך אודאי ניטאָ וואָס צו רעדען: ער וויל, אז א טייל אי־דען, אויב דאָס איז אונמעגליך פאר דעם גאַנצען פאָלק, זאָל האָבען אן א י י ג ע ן פאַטערלאַנד.

דער אינטערנאַציאָנאַל האָט קיינמאָל ניט געקעמפט אַנטקעגען דעם נאַציאָנאַליזם בכלל, ד. ה., אַנטקעגן דעם בעשטרעבען פון יעדען פאָלק צו זיין פריי און זעלבסטשטענדיג און פיהרען אַן אייגענעם נאַציאָנאַלען לעבען. אין דעם פּרט איז ער, אדרבא, אַלע מאָל געשטאַנען אויף דעם פעסטען באָדען פון נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם.

געקעמפט האָט ער נאָר אַנטקעגען דעם רעאַקציאָנערען, דעם שאָוויניסטישען נאַציאָנאַליזם, וואָס וויל ניט וויסען פון אַ פעלקער־בונד, פון פעלקער־ברודערשאַפט און פעלקער־גלייכהייט און וואָס מיינט, אַז איין פאָלק האָט אַ רעכט צו געוועלטיגען איבער אַן אַנדער פאָלק.

אָט דעם קאַמף זיינעם אַנטקעגען שאָוויניזים און רעאַקציאָנערען נאַציאָנאַליזם, — אַ קאַמף, וועלכען דער אינטערנאַציאָנאַל וועט, לויט זיין אינוועניגסטער טבע, אייביג מוזען פיהרען, — האָט די אַלטע וועלט געזוכט אויסצוטייטשען, ווי אַ קאַמף אַנטקעגען דעם נאַציאָנאַליזם בכלל. דאָס איז געווען אַן אַבסאָלוטער ממזר־בלבול, און דער איצטיגער וועלט־קריעג האָט געמאַכט פון איהם אַ תל. די גאַנצע וועלט זעהט איצטער איין, אַז דער קאָסמאָפּאָליטיזם איז ביי דעם אינטערנאַציאָנאַל ניט מעהר, ווי אַן אונטערגעוואָרפענער ממזר, צו וועלכען ער האָט קיין ברעקעל מגע ומשא ניט.

און ווייל דאָס איז אַזוי, האָט איצטער קיין פּאַרטיי קיין רעכט ניט צו זאָגען, אַז די נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון איהר פאָלק זענען איהר טייערער, איידער דער ארבייטערשאַפט. דאָס פערשטאַרקט אונגעהויער די בעדייטונג פון דער ארבייטער־פּאַרטיי אין דעם אינוועניגסטען לעבען פון אַ פאָלק און ממילא מאַכט דאָס אויך שווערער די פּאָליטישע וואָג פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס דאַרף האַרמאָניזירען און קאָנטראָלירען די אינוועניגסטע פּאָליטיק פון אַלע ארבייטער־פּאַרטייען. צו זיין שטים וועלען די מאַכט־האָבער זיך איצטער מוזען צוהערען גאָר מיט אַן אַנדער אויפמערקזאַמקייט.

פון דעם געזאָגטען איז קלאָר, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל איז גראָד יענע אינסטאַנץ, צו וועלכען דאָס אידישע פאָלק מעג זיך ווענדען אין זיין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט ווייל עס ליעגט אין

די אויפגאבען פון דעם אינטערנאציאָנאל צו בעשיצען די נאציאָנאַלע רעכט פון אַלע פעלקער.

און עס ווערט אויך קלאָר, אז עס לוינט זיך דעם אידישען פאָלק פאַרצוברעכען זיין ענין אויף פאר דעם אלוועלטליכען פראָלעטאריאט, ווייל דאָס איז א מאכט, מיט וועלכען אלע אנדערע פאקטאָרען וועלען זיך מוזען רעכענען.

עס פערשטעהט זיך, אז צוויגנען אונזערע באַלעבאַטישע פארטייען, זיי זאָלען אויפנעהמען די ווענדונג צו דעם אינטערנאציאָנאל, ווי איינעם פון יענע שריטען, וועלכע אויך זיי דארפען מאכען אינאיינעם מיט דער אידישער ארבייטער־פארטיי, קאָן מען ניט. אָבער עס איז אונזער חוב צו פראָפאָגאנדירען פאר זיי דעם דאָזיגען שריט און צו בעווייזען, ווי נויטיג ער איז אין די אינטערעסען פון דעם גאנצען אידישען פאָלק.

און אויך דאָס דארף מען ניט דערקלערען בעזונדערס, אז די ווענדונג צו דעם אינטערנאציאָנאל אין דעם נאָמען פון דעם גאנצען אידישען פאָלק בעפרייט ניט די אידישע ארבייטערשאפט פון איהר חוב, זי זאָל זיך אליין און אונאבהענגיג פון אלעמען זיך ווענדען צו איהם, ווי א טייל פון דעם אלוועלטליכען פראָלעטאריאט.

14טען סעפטעמבער, 1915.

אַ אידישע סעקציע אינ'ם אינטערנאַציאָנאַל.

אין דעם פאָריגען ארטיקעל („אונזער ווענדונג צו דעם אינ־טערנאַציאָנאל“) האָב איך געפּרואווט בעווייזען, אז עס וואָלט זיך דעם אידישען פאָלק געלוינט, זיך צו ווענדען, ווי א פאָלק, צו דעם אַלוועלטליכען ארבייטער קאָנגרעס, דעם „אינטערנאַציאָנאל“, כדי צו דערמאָהנען איהם אָן זיין חוב וואָס ער איז שולדיג דעם אידישען פאָלק.

אויב אונזער אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא וועט פּרינצי־פּיעל גוט הייסען אזא שריט, איז יעמאָלט ניטאָ וואָס צו מפלפל זיין וועגען די פאָרמען, אין וועלכע דער שריט זאָל געמאַכט ווערען. דאָס קאָן געשעהן אָדער אין דער פאָרם פון א מעמאָראַנדום, וועל־כען דער קאָנגרעס זאָל צושטעלען דעם אינטערנאַציאָנאל, אָדער אויך אין דער פאָרם פון א קאָמיטעט, עקסטרא געשיקט צו איהם, וואָס זאָל זיך מינדליך ווענדען צו דעם פּלענום און אונטערשטיצען די טהעזען פון דער צוגעשטעלטער שריפט. אָבגעזאָגט זיינס, וועט דער קאָמיטעט פערלאָזען דעם זאָל און איבערלאָזען דעם גורל פון זיין אנגעלעגענהייט אין די הענט פון דעם אינטערנאַציאָנאל.

מיר האָבען שוין אָבער אויך באַמערקט, אז דאָס קאָן ניט בע־פרייען די אידישע ארבייטערשאַפט פון דעם חוב, וואָס עס ליגט אויף איהר אַליין ארויסצוטרעטען פאַר דעם אינטערנאַציאָנאל ניט נאָר ווי א טייל פון דעם אידישען פאָלק, נאָר ווי א טייל פון דעם אַלוועלטליכען פּראָלעטאריאַט.

עס פערשטעהט זיך, אז מיט א מעמאָראַנדום און מיט א קאָ־מיטעט, וואָס דרשנ'ט אָב זיין דרשה און געהט אראָב פון בימה, קאָן זיך די אידישע ארבייטערשאַפט דערביי ניט בענוגענען. זי האָט א רעכט, ווי א טייל פון דעם אינטערנאַציאָנאל, זיך אריינ־צומישען אין די דעבאַטען וועגען דער אידישער פראַגע און נעהמען

אן אנטייל אין דער אָבשטימונג, ד. ה., צו זיין פערטראָטען אין דעם אינטערנאַציאָנאַל צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס דאַרפען ארויסטראָגען זייער גזר־דין וועגען אונזער קאַמף פאַר גלייכע רעכט.

אויב ווען עס איז איז פאַר דער אידישער ארבייטערשאַפט געוועזן א בלוטיגע נויט, צו האָבען א אייגענע פערטרעטערשאַפט אין אן אַלוועלטליכען ארבייטער קאָנגרעס איז דאָס גראָד איצטער, גראָד ביי דער ערשטער זיצונג פון דעם בענייטען אינטערנאַציאָנאַל. די אידישע ארבייטערשאַפט וועט דאַרטען מוזען פיהרען א ה א ר ט ע ן ק א מ ף אנטקעגען יענע לענדער און פעלקער, וואָס זענען פאַר אידישע בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג, אָבער קאָנען נאָך עד־היום בשום אופן ניט מסכים זיין אויף אידישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלען אויך דעם אידישען פאָלק גאַראַנטירען די מעגליכקייט פון אן אומגעשטערטער, נאַציאָנאַלער ענטוויקלונג.

אין ערשטער ליניע וועט מען דאָ בעגעגענען דעם העפטיגען ווידערשטאַנד פון פוילען און רומעניען, אָבער אויך מיט דער דייטש־עסטרייכער סעקציע איז מען ניט זיכער, און — ווייסט איהר? אפילו מיט רוסלאַנד שטעהט דאָס נאָך אויך ניט אזוי גלאַט. אמת, די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע סעקציע וועט גאַנץ בעשטימט וואָטירען פ א ר אידישע נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג, די צרה איז אָבער מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער סעקציע, וואָס האָט געקעמפט אנטגעגען דעם „בונד“ גראָד דערפאַר, וואָס ער, דער „בונד“ האָט געהאַט די העזה צו פאָדערען ניט נאָר בירגערליכע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע רעכט פאַר דאָס אידישע פאָלק.

די אידישע פערטרעטערשאַפט וועט דאַרפען אויסשטעהן א שווערע באַטאַליע, איידער זי וועט אריבערציהען אויף איהר זייט די מאַיאָריטעט פון די שטימען. אָבער אין דער פאָרם, אין וועלכער זי געפינט זיך איצטער, קאָן זי ווערען בערויבט אפילו פון דער מעגליכקייט ארויסצוטרעטען פאַר דעם פלענום אין איהר אייגענער אנגעלעגענהייט.

די אידישע ארבייטער זיינען דערווייליגע אָפיציעל פערטראָטען נאָר אין דער רוסישער סעקציע: דער „בונד“ אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דער „סערפּ“ ביי די סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען. מען מעג אפשר אָננעהמען, אזביידע סעקציעס וועלען זיין

אזוי איידעל און וועלען בעשליעסען, אַז אייער קאָמיסיע וועגען דער אידישער פראגע (אויב אַזאַ קאָמיסיע וועט בעשטעלט ווערען), זאָלען דעלעגירט ווערען אויך פון די חברים פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס. אַ רעכט אָבער צו פאָרדערען דאָס פון זיי האָבען מיר ניט און אויב עס וועט זיי ביידען, אָדער איינער פון זיי לוינען, אַז די אידישע שטים זאָל ניט געהערט ווערען, וועלען זיי ביידע אָדער איינע פון זיי, שוין ניט קוקען אויף איידעלקייט. אַזוי איז ליידער דער מנהג אין פּאָליטיק און אפילו סאָציאַליסטען זיינען אין דעם ענין ניט קיין גרעסערע צדיקים, איידער די טריפה'נע בורזשואַזע וועלט.

א חוץ דעם איז דאָ דער קאַמף פון גלייכבערעכטיגונג ניט נאָר אַן אינוועניגסטע רוסלענדישע אנגעלעגענהייט, און עס איז קיין יושר ניט, אַז די אינטערעסען פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק, וואָס דאַרפען אויסגעקעמפּט ווערען פון דעם אידישען ארבייטער קלאַס, זאָלען איבערגעענטפערט ווערען אין די הענט נאָר פון צוויי רוסיש־אידיש פּאַרטייען, וואָס האָבען געהאַט דעם מזל אריינצוכאַפּען זיך אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, ווייל זיי האָבען געהאַט „אַ יד" ביי זייערע פּריצים.

אין דער פערטיידיגונג פון די אידישע רעכט וועלען די אידישע ארבייטער פון אַלע לענדער און אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דאַרפען אַרויסטרעטען ווי אַ געאייניגטע מאַכט, און דאָס איז מעגליך נאָר יעמאָלט, ווען די דעלעגאַטען פון אַלע אידישע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס וועלען לכתחילה בילדען **אַן אייגענע אידישע סעקציע**.

וועט דער אינטערנאַציאָנאַל אַזאַ סעקציע צולאָזען?

גאָר קיין ספק ניט, אַז יאָ. און דאָס איז ניט נאָר מוזמת **איצטער** איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרען דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון אונזער פאָלק און זיין רעכט אויף אַ פערטרעטערשאַפט, ווי אַלע אַנדערע פעלקער. אויף וויפיעל איך בין פּערזענליך בעקאַנט מיט די פיהרענדע פאַקטאָרען אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, קאַן איך פערזיכערען, אַז דאָס אידישע פאָלק וואָלט שוין לאַנג געהאַט אַן אייגענע סעקציע אין איהם, אויב דער „בונד" וואָלט ניט געארבייט אַנטקעגען. און אין דערין ליגט איצטער די גאַנצע

שווערקייט פון דעם ענין, ווייל עס איז מיט אַ מאָל געוואָרען אַ פּרינציפּ־פראַגע פאַר דעם „בונד“ ניט צו דערלאָזען צו אַ אידישער סעקציע.

איך וועל נאָך רעדען וועגען דעם. דערווייל לאָזט מיר אייך מיטטיילען דעם פאַקט אַז אין דעם יאָהר 1904 (אויף דעם אמסטער־דאַמער קאָנגרעס) האָט געהאַלטען זעהר נאָהענט צו דער גרינדונג פון אַן אייגענער אידישער סעקציע: דער „בונד“ האָט נאָר גע־דאַרפט אויסשטרעקען די האַנט נאָך איהר.

די לאַגע איז אָבער יעמאָלט געווען אַזאַ, אַז דעם „בונד“ האָט זיך דוקא פערוועלט פיהרען קאָנטרעס מיט דער פּאַרטיי סאָציאַ־ליסטען־רעוואָלוציאָנערען און זעהן אוועקרויבען ביי איהר יענעם פּלאַץ אין דעם אינטערנאַציאָנאַל ביוראָ, וואָס האָט על פּי שׂכל און על פּי יושר געדאַרפט געהערען צו איהר. איך וועל ווען עס איז אַן אנדערס מאָל דערצעהלען באריכות די אינטערעסאַנטע געשיכטע פון יענעם קאַמף, וועלכען דער אידישער „בונד“ האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב צו פיהרען אַנטקעגען דער רוסישער סאָציאַל־רעוואָ־לוציאָנערער פּאַרטיי און יעמאָלט וועט זיך בעסער פּאַסען איבער־צוגעבען די פּרטים פון דעם עפּיזאָד, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אויף דעם אמסטערדאַמער קאָנגרעס, און וואָס האָט זיך געענדיגט מיט אַזאַ קלעגליכען און נאַרישען פיאַסקאָ פאַר דעם „בונד“.

דאָ וויל איך נאָר דערצעהלען, אַז איך האָב מיך יעמאָלט גע־ווענדעט צו די פערטרעטער פון דעם „בונד“ מיט דעם פּאָרשלאַג, זיי זאָלען פערלאַנגען אַן אייגענע אידישע סעקציע, און האָב אויפ־געוויזען אויף די זעהר גינסטיגע שאַנסען, וואָס זיינען גראָד יעמאָלט געוועזען אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען ביוראָ פאַר אַזאַ שריט. און איך מוז קאָנסטאַטירען, אַז מיין פּאָרשלאַג איז אויפגענומען געוואָ־רען ניט חלילה, ווי אַ שרעקליכע אפּיקורסות, נאָר אדרבה, ווי זעהר און זעהר אַ וואוילע זאַך, וועגען וועלכער מען דאַרף זיך נאָר מיישב זיין.

לײדער האָט זיך דער ישוב הדעת געענדיגט מיט דעם, וואָס דער „בונד“ האָט זיך אָבגעזאָגט. פאַר וואָס? „לאָזען פריהער געזאָגט, „און דערנאָך וועלען מיר אַרויס מיט אונזער פּאָרדערונג“. די אַרמעניער בעקומען אַ סעקציע“, האָבען מיר זיינע פערטרעטער

די אַרמעניער האָבען שוין לאַנג בעקומען אַן אייגענע סעקציע, נאָר דער „בונד" האָט נאָך אַלץ געזוימט אַרויסצושטעלען דיזעלבע פאָדערונג. און ניט נאָר האָט ער זיך ניט געאײלט אויסצופיהרען די „נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג פון דעם אידישען פאָלק" אין'ם אינטערנאַציאָנאַל, נאָר ער איז פּלוצלונג געוואָרען אַ העפטיגער געגנער פון אַזאַ נאַציאָנאַלער אויסגלייכונג.

וואָס מיט איהם איז פּלוצלונג אַזוינס געשעהן, וועט אפשר דער קינפטיגער היסטאָריקער קאָנען דערצעהלען אין אַלע פּרטים. דער פאַקט איז אָבער, אַז זינט ביי דעם אידישען פאָלק האָבען זיך בעוויזען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע ריכטונגען און פּאַרטייען, — די פּועלי־ציון, די ס. ס. און די „סיימאָווצעס" („דער סערפּ"), און זינט דער „בונד" האָט אויפגעהערט צו זיין „דער בן־יחיד אויף דער אידישער גאַס", האָט ער תיכף געמאַכט די ענטדעקונג, אַז אַן אייגענע אידישע סעקציע אין'ם אינטערנאַציאָנאַל געהט להיפך צו זיינע פּרינציפּען.

און אויך דאָ ניט לאַנג אין אַמעריקאַ, אויף דער ערשטער בע־ראַטונג פון די סאָציאַליסטישע כלל־טהוערס, וואָס איז צונויפגערו־פען געוואָרען אויף דער איניציאַטיווע פון העררן קאַפּלאַנסקי — פון איהר, אגב, שטאַמט דאָס דער נאַציאָנאַלער אַרבייטער־קאָמי־טעט, — האָבען די פּערטרעטער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע דערקלעהרט, אַז אויף אַן אייגענער אידישער סעקציע אין'ם אינטערנאַציאָנאַל קאָנען זיי בשום אופן ניט איינגעהן. דאָס געהט להיפוך זייערע פּאַרטיי־פּרינציפּען.

מילא, איהר קאָנט געוויס קיינעם ניט צווינגען, ער זאָל ווע־רען אונטריי צו זיינע פּרינציפּען, אָבער אין דער איצטיגער צייט האָט די אַרבייטערשאַפט אַ רעכט צו פערלאַנגען פון יעדער פּאַרטיי, אַז זי זאָל עפענטליך געבען צו פערשטעהן דעם טעם פון איהרע פּרינציפּיעלע בעשלוסען.

אַ אידישע סעקציע איז, דוכט זיך, אַזוי נויטווענדיג פאַר דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין דעם קאַמף פאַר זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסען, אַז דער „בונד" און די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט זיין גייסט, האָבען געדאַרפט זיין די ערשטע

צו פאָרדערען זי און דורכצופיהרען זי אין לעבען. לסוף, זיינען זיי גאָר נעגען דעם. פאַר וואָס?

בעגרינדען זיי דאָס מיט די אינטערעסען פון דעם אידישען פּראָלעטאריאַט? אָדער מיט וועלכע עס איז טעאָריע וועגען דעם מהות פון'ם סאָציאַליזם? אָדער מיט אַ וועלכער עס איז אויסרעכ־נונג וועגען דעם גאַנג פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג?

די אַלע טעמים דארפען אויפגעקלעהרט ווערען, כדי די ארביי־טערשאַפט זאָל קאָנען אָבשאַצען זייער ווערטה און זעהן, אויף וויפיעל זי איז באמת מחויב זיך צו רעכענען מיט זיי.

16טער סעפּטעמבער, 1915.

מיינע „אויסגעמישטע פּראָגראַמען“.

„דר. זשיטלאָווסקי האָט שטענדיג געהאַט אַ שוואַכקייט צו פעראייניגונגס־פּראָגראַמען. די כונה זיינע איז דערביי שטענדיג געווען זעהר אַ גוטע: צו וואָס זאָלען זיך אידען קריגען? — די מיטלען זיינע זענען אָבער ניט געווען אַזעלכע גוטע. אַנשטאָט צו פעראייניגען די געזעלשאַפטליכע פּאַרטייען אין לעבען פלעגט ער זיי פעראייניגען בלויז ביי זיך אין קאָפּ; אַנשטאָט צו פעראייניגען זיי אַרום פּראַקטישע טהאַטען, פלעגט ער שאַפען אויסגעמישטע פּראָגראַמען“.

מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון מיין געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט הויבט ער, הערר מ. כץ, אָן זיין פּאָלעמיק אנטקעגען מיין אַרטיקעל „ציוניזם און ארץ־ישראל“.

די פראַגע וועגען דעם גרונד־שטריך פון מיין פּאָליטישער אַרבייט איז פאַר מיר זעהר אַן אינטערעסאַנטע בכלל און דאָפּעלט אינטערעסאַנט גראָד אין דער איצטיגער צייט.

איך מוז מיך פרעגען: „איז דאָס אמת, אַז איך זוך אַלע מאָל צו פעראייניגען זאַכען, וואָס זענען לחלוטין פיינדליך איינע צו די אַנדערע? און אויב אָט דער פעהלער („די שוואַכקייט“), שטעקט מיר אין די גליעדער, איז אפשר טאַקע גלייכער, איך זאָל זיין מעהר אָבגעהיט אין דעם פרט און צוהערען זיך צו די מיינונגען פון שאַרפערע דענקער, איידער איך, ווען זיי לאָזען אַרויס זייער גזר־דין וועגען אַ וועלכען עס איז ענין און פּסקן'ען אָב, אַז „ד אָ ס, ברודערל, קאָן ניט פעראייניגט ווער'ען“.

און איך לאָז פערבייציהען אין מיין זכרון מיין עפענטליכע טהעטיגקייט און פּרוב אויסגעפינען, אויף וויפיעל שטאַרק איז אין מיר יענע „שוואַכקייט“, וועגען וועלכער עס רעדט הערר מ. כץ, און וואָס זענען די רעזולטאַטען, צו וועלכע זי האָט געפיהרט.

און איך געפין, אַז ס'איז אמת. אַזאַ „שוואַכקייט צו פעראיי

ניגונגס־פּראָגראַמען" איז אין מיר דאָ. די וויכטיגסטע עטאַפּען איז מיין געזעלשאַפטליכער און פּאָליטישער טהעטיגקייט זענען פערבונדען מיט אַזעלכע פעראייניגונגס־בעשטרעבונגען. דאָס ערשטע פעראייניגונגס־פּראָגראַם, וואָס ליעגט אויף טעאָרעטישען געוויסען, איז די צונויפשמעלצונג פון אַזעלכע צוויי „פיינדליכע" בעגריפען, ווי „סאָציאַליזם" און „נאַציאָנאַליזם". „דער וואָס איז אַ סאָציאַליסט קאָן ניט זיין קיין נאַציאָנאַליסט און דער וואָס איז אַ נאַציאָנאַליסט קאָן ניט זיין קיין סאָציאַליסט". אַזוי האָט געגלויבט כמעט די גאַנצע וועלט אין יענער צייט, ווען איך בין, נאָך אַ גאַנץ יונגער מאַן, ארויס אויף דעם פעלד פון עפענטליכע פּאָליטישע ארבייט.

איך האָב מיך יעמאָלט געפרעגט: איז דאָס אמת, וואָס די וועלט זאָגט? מוז איך אויסקלייבען נאָר איינס פון דיביידע: אָ ד ע ר סאָציאַליסט, אָ ד ע ר נאַציאָנאַליסט? ווי איז, אַז איך פּ י ה ל, אַז איך בין ביידע זאַכען מיט אַמאָל? מיט וואָס פאַר אַ רעכט וויל די וועלט פאַנאַנדעררייסען מיין הארצען אויף צווייען?

און איך האָב גענומען אַ ביסעל קריטישער צוקוקען זיך צו דעם, אין וואָס די וועלט" גלויבט, און בין געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז די וועלט געהט אויף אַ טאָטאַל פאַלשען וועג. זי שמעלצט צונויף זאַכען, וואָס האָבען לחלוטין איינע מיט דער אַנדערער ניט וואָס צו טהאָן, און גראָבט אויס תהום'ען צווישען זאַכען, וואָס קאָנען איינער אָהן דער אַנדערער ניט עקזיסטירען.

„מען דאַרף איבערמאַכען די וועלט", האָב איך מיר געזאָגט: „לכל הפּחות, די געדאַנקען פון דער וועלט. מען דאַרף פאַנאַנדעררייסען דאָס, וואָס איז מיט אומרעכט צונויפגעבונדען, און צונויפגעבונדען דאָס, וואָס איז מיט אומרעכט פאַנאַנדערגעריסען געוואָרען".

און אַזוי איז בעשאַפען געוואָרען מיין ערשטער „אויסגעמישטער פּראָגראַם": דער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַליזם.

אָבער שוין אין יענעם פעריאָד פון מיין טהעטיגקייט האָט זיך ארויסגעוויזען נאָך אַן אַנדער „שוואַכקייט" מיינע: פאַנאַנדערצורייסען צונויפגעוואַקסענע זאַכען. מיין „סינטעז" פון סאָציאַליזם

און נאַציאָנאַליזם איז געװען פערבונדען מיט דעם פּאַנאַנדער־רײסען פון יענער אידעען־פערבינדונג, װאָס האָט אין אַ משך פון דורות צונויפגעשמאָלצען אין אײנעם די בעגריפען: „אידישע נאַציע" און „אידישע רעליגיע".

אויב הערר מ. כ׳ איז, לאָז זײן, אַ ביסעל בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון דעם אידישען סאָציאַליזם, מיט דער גײסטיגער אטמאָ־ספּערע, אין װעלכער דער נײער סינטעז האָט געדאַרפט קעמפען, מיט די מאָטיװען, װאָס האָבען איהם אַרויסגערופען אין לעבען, װעט ער אפשר פערשטעהן װאָס פאַר אַ נעװאָלטיג רעװאָלוציאָנערע נײעם יענער „אויסגעמישטער פּראָגראַם" איז געװען, בפרט װען מען דערמאָהנט זיך, אַז די פאָרלויפער פון יענעם סינטעז, — משה העסס און די טעאָרעטיקער פון דעם ערשטען אינטערנאַציאָנאַל,— האָבען ניט געקענט זײן בעקאַנט יענעם סאָציאַליסטישען דור אין רוסלאַנד, צו װעלכען איך האָב געהערט.

אמת, אַז איך האָב יעמאָלט ניט פעראײניגט די געזעלשאַפט־ליכע פּאַרטײען אין לעבען, — די יעמאָלטדיגע „חובבי־ציון" מיט די אידישע „נאַראָדאָװאָלצעס". איך האָב מיך גאָר ניט געיאָגט נאָך דעם, זײ זאָלען זיך פעראײניגען, װײל אין דער אמת׳ן אַרט מיר ניט, װאָס „אידען קריעגען זיך", און זאָג מיך אַלײן אויך ניט אָב פון פּאַרטײ־פּאָלעמיק און פּאַרטײ־קאַמף, אויב איך געפין, אַז דער יושר איז אויף מײן זײט. אַ „רודף־שלום" צוליעב שלום בין איך קײנמאָל ניט געװען.

אויך דאָס איז אמת: דער סינטעז איז געװען „בלויז בײ מיר אין קאָפּ". אָבער אַ פּרוב, צו בעשאַפען אַן אײגענע פּאַרטײ, װאָס זאָל שטעהן אויף דעם באָדען פון יענעם „אויסגעמישטען" פּראָגראַם, איז שוין געמאַכט געװאָרען אין 1885.

דער זומער 1915 װערט גראָד 30 יאָהר, זינט עס איז געגרינ־דעט געװאָרען די ערשטע אידישע נ א צ י אָ נ אַ ל־רעװאָלוציאָנערע גרופּע „תשועת ישראל". װאָס דער גרונד־געדאַנק פון יענער גרופּע, —די פעראײניגונג פון „סאָציאַליזם" און „נאַציאָנאַליזם", האָט אין דעם משך פון די 30 יאָהר אויפגעטהאָן פאַר דער סאָציאַליסטישער װעלט בכלל און פאַר דער אידישער בפרט, — ליעגט אָפען פאַר יע־דען, װאָס װיל זיך אינטערעסירען מיט דעם ענין. איך קאָן דעריבער

פאַר יעדען איינעם איבערלאָזען, ער זאָל ענטפערען פאַר מיר, צי איך האָב מיך מיט וואָס צו שעהמען מיט מיין ערשטען „אויסגע־מישטען פּראָגראַם“.

אַ צווייטען פערברעכען, וואָס בעווייזט די זעלביגע „שוואַכ־קייט“ מיינע צו „אויסגעמישטע פּראָגראַמען“, בין איך בעגאַנגען אַ צעהן יאָהר שפּעטער, אין 1894 מיט דעם אויסאַרבייטען פון יענעם „אויסגעמישטען פּראָגראַם“, וואָס איז געוואָרען דער יסוד פון דער רוסישער „פּאַרטיי סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען“.

אין צוויי פיינדליכע ריכטונגען איז יעמאָלט געווען פאַנאַנדער־געשפּאָלטען דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער געדאַנק: אין דער ריכטונג פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“, וואָס איז אין יענער צייט דעגענערירט געוואָרען כמעט צו אַ ריינעם „באָמביזם“, און אין דער ריכטונג פון דער רוסישער יונגער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס האָט שוין יעמאָלט גענומען אויסאַרטען אין כמעט ריינעם „עקאָנאָמיזם“. ווי ער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען אין דער „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“ און אין דער „ראַבאָטשאַיאַ מיסל“.

בערג און בערג פון טעאָרעטישע פּלפּולים זענען געווען אָנגע־וואָרפען אויף די צוויי פּראַקטישע פּראָגראַמען. און אין דעם צענ־טער פון אַלע יענע פּלפּולים איז געשטאַנען אַ זאַץ, אין וועלכען ביידע צדדים האָבען געגלויבט, אַז דער וואָס איז אַ סאָציאַליסט, מוז זיין אַ מאַרקסיסט. מען האָט זיך נאָר געאַמפּערט וועגען דער שאלה: צו וועמען וואָלט איצטער געהערט קאַרל מאַרקס? צו די נאַראָדאָוואָלצעס, וועלכע ער האָט גענומען אין שוץ אין דער צייט פון זייער גלאַנץ, אָדער צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וואָס זענען אויסגעוואַקסען אויף די רואינען פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“? דער וואָס האָט זיך פערטיעפט אין יענע פּלפּולים, האָט אַרויסגע־טראָגען די זיכערסטע איבערצייגונג, אַז די צוויי פּראָגראַמען זענען צוויי היפּוכים, וואָס קאָנען קיין מאָל ניט צונויפגעגאָסען ווערען אין איינעם ניט אין דער טעאָריע, ניט אין דער פּראַקטיק.

פאַר מיר איז דאָס אָבער געווען אַ נייער בעווייז, אַז „די וועלט“ דענקט קאַפּויר; אַז מען דאַרף פאַנאַנדערדרייסען דאָס וואָס זי האָט צונויפגעבונדען און צונויפבינדען דאָס, וואָס זי רייסט פאַ־נאַנדער. דער פּרינציפּ פון אַקטיווען פּאָליטישען קאַמף אַנטקעגען

דער רעגירונג מוז ווערען איינער פון די יסודות פון א רוסישער סאציאליסטישער פארטיי ווי דאס פערלאנגען די נאראדאוואלצעס. און אקוראט אזא וויכטיגער יסוד מוז זיין דער פראלעטארישער קלאסען־קאמף, ווי דאס פאדערט די סאציאל־דעמאקראטיע. אבער די צונויפגיסונג פון די צוויי היפוכים איז ניט גענוג. מען דארף צוגעבען נאך א דריטען היפוך, ווענען וועלכע די רעוואלוציאנערען פון יענעם דור האבען שוין פערגעסען צו טראכטען, דעם גרונד־פרינציפ פון דער אבגעשטארבענער „זעמליא אי וואליא", די אר־בייט צווישען די רוסישע פויערים, פון וועלכע ניט די נאראדא־וואלצעס, ניט די סאציאל־דעמאקראטען האבען ניט געוואלט עפעס וויסען.

מיין ביכעל: „סאציאליזם אי בארבא זא פאליטישעוסקויו סוואבאדו" (דער סאציאליזם און דער קאמף פאר פאליטישע פריי־הייט", אבגעדרוקט אין 1898 אונטער דעם פסעוודאנים „ס. גרי־גאראוויטש") האט צום ערשטען מאל פארמולירט יענעם „צומישטען פראגראם" פון די סאציאליסטען רעוואלוציאנערען. אין איהם איז שוין אבער דורכגעפיהרט געווארען דער פאנאנדערריים פון יענער צונויפגעוואקסענער אידעע, אז נאר דער קאן זיין אן אמת'ער „ווי־סענשאפטליכער" סאציאליסט, ווער עס איז א מארקסיסט.

געווים, איז אויך דער סינטעז א לאנגע צייט געווען „נאר ביי מיר אין קאפ", אבער איך רעכען, אז אויך הערר מ. כץ וועט ניט וועלען אבלייקענען, אז ער האט געפיהרט צו „פראקטישע טהא־טען" און צו גאנץ ערנסטע „פראקטישע טהאטען".

ווי איהר זאלט ניט קוקען אויף דער „פארטיי סאציאליסטען רעוואלוציאנערען, איינס וועט איהר צוגעבען, אז איהר טהעטיג־קייט, לויט דעם „צומישטען פראגראם", איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע פאקטארען אין דער געשיכטע פון דער רוסישער רע־וואלוציע.

עס געהען אריבער נאך א יאהר צעהן. איך ווער נעהנטער צו דער אידישער ארבייט אין אמעריקא און — שוין א מזל אזא! — עס ווערט פאר מיר ווידער קלאר, אז די גייסטיגע וועלט, אין וועל־כער איך בעוועג מיך איצטער, איז אנגעפילט מיט פאלשע היסטא־רישע אידעען־פערבינדונגען; אז אויך דא מוז מען פיעלעס צור־

רייסען, וואָס איז צונויפגעוואקסען אין איינעם און פיעלעם צונויפ־בינדען, וואָס איז צוריסען אויף מעסערס.

עס ווערט מיר קלאָר, אז דער אידישער סאָציאליזם מוז זיך צוועקשטעלען די אויפגאבע אויסצוגלייכען די נאציאָנאלע לאגע פון דעם אידישען פאָלק מיט דער נאציאָנאלער לאגע פון אלע פעלקער; אז לויט די אומשטענדען, אין וועלכע מיר געפינען זיך איצטער, קאָנען מיר לעת־עתה אפילו ניט חלומ׳ען וועגען א „קבוץ־גליות" פון אלע אידען אין איין לאנד; אז די לעבענס־אינטערע־סען פון דעם אידישען פאָלק פאָדערען, מיר זאָלען האָבען ערגעץ וואו א לאנד מיט פאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט („ציוניזם"), מיר זאָלען האָבען ערגעץ־וואו א פרייע טעריטאָריע פאר דעם גרוי־סען אידישען עמיגראציאָנס־שטראָם, אפשר אויך עטליכע אזעלכע טעריטאָריעס, („טעריטאָריאליזם") און אז מיר זאָלען זיך אומע־טום צושלאָגען צו נאציאָנאלע גלייכבערעכטיגונג („גלות־נאציאָנא־ליזם").

מיר וועלען אפשר אויף לאנג און לאנג בלייבען צוזייט אי־בער דער גאנצער וועלט, אבער פעראייניגט זאָלען מיר זיין אומע־טום דורך דער איין־איינציגער אידישער קולטור אין דער איין־איינ־ציגער אידישער שפּראך, וואָס זאָל זיין די הערשענדע ביי אונז, סאי אין אונזער סואווערענעם שטאאט, סאי אין די אידישע טעריטאָ־ריעס, סאי אין די גלות־לענדער, וואו מיר וועלען בלייבען לעבען, ווי א נאציאָנאלער מעוט. („אידישיזם").

א נייער „צומישטער פראָגראם". אָבער דאָס מאָל האָב איך באמת געמאכט א פעהלער. אנשטאָט אויסצופיהרען דעם פּראָג־ראָם און זיינע טעאָרעטישע יסודות, אנשטאָט ארומצוטראָגען זיך מיט איהם „פּיי זיך אין קאָפּ", און דערנאָך זעהען גרינדען א נייע פארטיי אויף זיין באזיס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז מען קאָן פעראייניגען די אלטע אידישע סאָציאליסטישע פארטייען ארום „פּראקטישע טהאטען", וואָס זענען בשום אופן ניט קיין סתירה, איינע צו דער אנדערער.

דאָס איז געווען א פעהלער. איך האָב פערגעסען, אז מען ניפט ניט קיין נייען וויין אין אלטע לאָגלען, אז יעדער פערזוך צו פעראייניגען פארטייען, מוז פיהרען צו קאָמפּראָמיסען, און אז

קאָמפּראָמיסען זענען נויטווענדיג נאָר אין צייטווייליגע קאָאַלי־ציעס, אָבער אבסאָלוט שעדליך פאר א נאָרמאַלער פּארטיי־לעבען.

מיין לעצטער „צומישטער פּראָגראם“, — דער פעראייניגונגס־פּראָגראם פון די פּועלי־ציון, — איז טאַקי באמת א „צומישטער“, אָבער ער איז ניט מ י י נ ע ר: ער איז אויסגעארבייט געוואָרען אין א ק אָ מ י ס י ע, וואָס איז בעשטאַנען פון פּועלי־ציון, סאָ־ציאליסטען־טעריטאָריאליסטען און סערפּיסטען. אלע דריי ריכטונ־גען טראָגען די שולד פאר זיינע פעהלערען, ווייל אלע דריי האָבען זיך א לאָז געטהאָן אויף דעם בארג־אראָפּ פון קאָמפּראָמיסען.

22טער יולי, 1915.

תעניתים און היסטעריקע

א קליינע ערינערונג פון מיין קינדער־צייט שווימט ארויף אויפ׳ן זכרון.

שבת פארנאכט. מיר זיצען צו „שלש־סעודות" מיט א סך אורחים ארום טיש. אלץ אייגענע מענשען: פעטערס, קרובים, מחותנים. עס איז שוין גאנץ טונקעל. שוין אבגעזונגען דעם „בני־היכלא". נאר די מאנסבילען האלטען נאך אין א לעבעדיגען שמועס א פרייען, אין וועלכען עס זענען אויסגעמישט אי וועלט־זאכען, אי תורה־ענינים.

די תורה פערשטעה איך ניט, ווען אפילו גערעדט ווערט אין א שעהנעם קלארען אידיש, הלואי אויף אונז געזאגט געווארען. איך פערשטעה זי ניט, ניט קוקענדיג, וואס איך בין שוין א גמרא־אינגעל, ווייל גערעדט ווערט ח ס י ד י ש ע תורה, מיט אזא שווערער טערמינאלאגיע, מיט אזעלכע אומדערווארטעטע שפרינג פון איין ענין צו דעם אנדערען, ביז מען קומט פלוצלונג ווידער ארויף אויף דעם ערשטען ענין.

און פונדעסטוועגען הער איך מיך אזוי נייגעריג איין אין דעם שמועס. ניט ווייל מיך אינטערעסירט דער ענין, אדער ווייל איך האף, איך וועל פארט וואס עס איז פערשטעהן פון איהם. איך ווארט אויף די אינטערוואלען, אויף די קליינע פאוזעס. איך וויים, אז נאך יעדער פאוזע וועט עמיצער אדער מאכען א וויץ, אדער אויס׳חוזק׳ען די עם־הארצות פון די פוילישע „גוטע אידען", אדער מאכען א בעמערקונג אין „מילין דעלמא", וואס האט א שיכות צו דעם פריהערדיגען געשפרעך און גיט שטאף פאר א נייעם גע־לערנטען שמועס, אדער נאר דערצעהלען עפעס אן אינטערעסאנטע מעשה׳לע.

„בשעת נאפאלעאן איז אריין אין רוסלאנד, — הויבט איינער פלוצלונג אן דערצעהלען נאך א קליינעם שטיל־שווייגען, — בשעת

גאפּאָלעאָן איז אַריין אין רוסלאנד, איז ער אריין אין ווארשע. איז דאָס געווען דוקא תשעה־באב. געהט ער אַזוי איבער די גאַסען, ערשט ער הערט, פון אַ סך הייזער טראָגען זיך קולות און יללות. געהט ער צו צו אַזא הויז, בליקט אריין אין אַ פענסטער: זיצען אידען אין זאָקען אויף דער ערד און מען קלאָגט.

„האָט דאָס איהם פערדראָסען. סטייטש, ביי איהם איז אַזא שמחה, — אַ קליינינקייט? ווארשע איז זיינע, — און דאָ טרויערט מען גאָר. הייסט ער תיכף זיין גענעראל, ער זאָל אריין אינ־ווענינ און פרעגען, וואָס איז דער מעהר מיט זיי. קומט אריין דער גענעראל און פאלט דאָס אָן מיט כעס: „ווי דערוועגט איהר זיך צו טרויערן אין אַזא יום טוב?!“

„דערצעהלען איהם די אידען: „אַזוי און אַזוי, אין דעם טאָג איז ביי אונז חרוב געוואָרען ירושלים, מיר זענען פערטריבען געוואָרען אין גלות, וויינען מיר אויף אונזער בראָך“.

„גיט דאָס איבער דעם גענעראל נאַפּאָלעאָן: „אדוני קעניג, דאָס זענען אידען; זיי וויינען, ווייל זיי ווילען צוריק האָבען ירושלים“.

„אַז ער לאַכט זיך דאָס ניט פּאַנאַנדער אויפ׳ן קול, נאַפּאָליאָן. כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! זיי ווילען צוריק ירושלים — זעצען זיי זיך אויף דער ערד און וויינען! געה, זאָג זיי, אַז זיי זענען שוטים. אויב זיי ווילען ירושלים, דאַרפען זיי ניט זיצען אויף דער ערד און קלאָ־גען. זאָלען זיי נעהמען ביקסען אין די הענד און פיהרען מלחמה, ווי איך, — וועלען זיי האָבען ירושלים“.

דער גאַנצער עולם ארום טיש האָט זיך פרעהליך פאַנאַנדער־געלאַנכט. און איך האָב פערשטאַנען, אַז דאָס לאַכט מען ניט מ י ט נאַפּאָלעאָנען פון די אידישע „טכסיסי מלחמה“, נאָר אַז דאָס לאַכט מען פ ו ן נאַפּאָלעאָנען מיט זיין גוי׳אישען שכל.

האָסט געהערט אָן איינפאל פון אַ גוי? נעהם אַ ביקסעל און געה, שים! ער פערשטעהט ניט, דער גוי, די טיעפע סודות, וואָס ליגען אין דעם אידישען גלות, דער אידישער געדולד, דעם אידישען צער און דעם אידישען תענית. ער נעהמט דאָס אַלץ אויף אויף זיינע גראָבע, גשמיות׳דיגע כלים.

— אָט דאָס איז דאָך, וואָס איך זאָג, — רופט זיך אָב איינער ביים טיש: — אחור וקדם יצרתנו!

און עס פערפיהרט זיך ווידער א געלערנטער געשפּרעך מיט די שווערע ווערטער פון חסידות און קבלה, און איך פערשטעה עד היום ניט, וואָס פאַר א שיכות עס האָט געהאַט דער פּסוק: „אחור וקדם יצרתנו” צו דער מעשה׳לע מיט נאַפּאָלעאָנען.

די קליינע עראינערונג איז מיר ארויפגעשוואומען אויפ׳ן זכרון, בעת איך האָב איבערגעלייענט הערן דר. ש. לעווין׳ס ארטי־קעל וועגען „גוזר־תענית־זיין” און דעם לייט־ארטיקעל, וואָס א ציי־טונג האָט שוין אָנגעשריבען אין א צושטימענדען זין.

הייסט עס, גאַנץ אין ערנסט, גאָר אָהן א ברעקעל שפּאַס, מאַכט מען אונז דעם פאָרשלאַג, מיר זאָלען זיך אַוועקזעצען קלאָגען.

וואָלט אזא געדאַנק ארויסגעגאַנגען פון אַן אמת פרומען אידען, ווי יענע אידען פון ארום מיין פאָטער׳ס טיש, וואָלט איך געהאַט דעם גרעסטען רעספּעקט צו אזא פאָרשלאַג. איך וואָלט געוואוסט, אַז פאַר דעם פרומען אידען איז א תענית־צבור א סך א וויכטיגערע און ממשות׳דיגערע קראַפט, איידער א גאַנצער חיל, אָנגעפיהרט פון א נאַפּאָלעאָן. און עס קאָן זיין, אַז איך וואָלט אַליין געגאַנגען אין שיהל אריין הערען „ויחל”, און איך וואָלט מיך געפיהלט גוט צווי־שען יענע פרומע אידען, ווייל איך וואָלט געוואוסט, אַז דאָס זענען ערנסטע מענשען, וואָס טהוען אין ערנסטער צייט אַן ערנסטע זאַך, לויט זייער איינענעם שכל און פערשטאַנד.

דר. ליעווין אָבער...

איך האָב צופיעל רעספּעקט צו הערן דר. ש. לעווינ׳ען, איך זאָל מיר ערלויבען צו זאָגען עפענטליך אַלץ, וואָס איך האָב אי־בערגעטראַכט, לייענענדיג זיין ארטיקעל. איך וויל נאָר בעמערקען, אַז איך זעה אין יענעם ארטיקעל זיינעם א העכסט בעדויערליכע ש װ א כ ק י י ט, אויב איהר ווילט, א „צ ו ל א ז ע נ ־ ק י י ט”, א ריין אידישע „צולאָזענקייט”, וואָס וויל זיך גראָד איצטער פערנינען דעם תענוג, געשמאַק זיך אויסצוּוויינען און דורכדעם ווייכער מאַכען דעם שטיין אויפ׳ן הארצען.

ממה נפשך! ליעגט איצטער ביי איינעם א שטיין אויפ׳ן

הארצען, איז — זאָל ער איהם טראָגען, זאָל ער פיהלען זיין דרוק! זאָל ער זוכען צו בעפרייען זיך פון איהם מיט ט ה א ט ע ן, מיט ערנסטע געזעלשאפטליכע ארבייט, לויט קיין אייגענעם שכל און פערשטאנד.

אלא — ער פ י ה ל ט נאָר די גאַנצע שווערקייט פון אונזער לאַגע. איז — זאָלען מיר איהם איינרעדען אַ שטיין אויפ'ן הארצען? און דערנאָך איינלאַדען איהם, ער זאָל עפענטליך „מאַכען פיסקעס" און זיך היסטעריש פאנאנדער־יאָכמערן, כדי ער זאָל נאָכדעם קאָנען געהן שלאָפען אַ בערוהיגטער, אַ זיך גוט אויסגעוויינטער?

ניט צו היסטעריק דארפען מיר רופען אונזער פאָלק. מיר דארפען געדענקען די ווערטער פון דעם רוסישען דיכטער: „ניעקאָגדאַ פּלאַקאַט! ניע ווּרעמיאַ סטאָנאַט! נאַדאָ אָשיבקי אָטצאָוו פּאָפּראַוולִיאַט!" („קיין צייט ניט צו וויינען, קיין צייט ניט צו קלאָגען: מיר דארפען פערריכטען די פעהלערען פון דורות!").

און אויף דר. לעווינ'ען וואונדערט מיך מעהר, איידער אויף אַלעמען. ער געהערט צו די, שוין גאָר ניט וועניגע, פון אונזער דור און אין אונזער לאַנד, וועלכע ווייסען, ו ו אַ ס מ ע ן ד אַ ר ף ט ה אָ ן. דער וועג, אין וועלכען מיר דארפען געהן, איז בעשטימט און קלאָר: מיר דארפען פערריכטען די פעהלער פון אַלע פריהערדיגע דורות: דעם פעהלער פון לאָזען זיך קריכען אויפ'ן קאָפּ און דעם פעהלער פון לייקענען די אייגענע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

וואָס עס זאָל אונז ניט קאָסטען, מוזען מיר איצטער אָרגאַניזירען אונזער פאָלקס־ווילען און מוזען ארויסטרעטען פאַר דער וועלט מיט אונזערע פאָלקס־פאָדערונגען.

ניט מיט זעק אויף די לענדען, ניט מיט אַש אויפ'ן קאָפּ, ניט אין צופלאָסענער אָהנמאַכט, וואָס קאָן נאָר ארויסרופען אַ „צער־בעלי־חיים" צו אונז, — די גרעסטע בעלידיגונג אין דעם איצטיגען מאָמענט! נאָר מיט דעם הארטען שטאָלענעם ווילען צו מאַכען איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף צו אונזערע ליידען; מיט דער אייזקאַלטער פאָדערונג, מען זאָל אונז געבען, וואָס אונז קומט. און קומען קומט אונז אַ סך: ניט וועניגער ווי נאַציאָנאַלע גלייכבע־

רעכטיגונג אומעטום און אַ זעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע היים אין אַרץ־ישראל. די מענשהייט איז דאָס אונז שולדיג פאַר אַלע ליידען וואָס מיר האָבען אריבערגעטראָגען ביז אהער, פאַר די אונמענשליכע יסורים, וואָס מיר טראָגען איצטער אריבער.

די אָרגאַניזירטע, עפענטליכע פאָדערונג פון דעם אידישען פאָלק, — דאָס איז דער איינציגער וועג, וואָס איז אונז איצטער געבליבען. די לאַגע איז אַזאַ, אַז מיט קליינע מיטלען און מיט צייטוויילינע הילף קאָן מען גאָרנישט ניט אויפטהאָן, און אַז מיט דעם אויפרוף צו אַזעלכע מיטלען, און צו אַזאַ צייטווייליגער הילף קאָנען מיר גאָר ניט קומען צום פאָלק. דאָס געפינט ניט און וועט ניט געפינען קיין אָבקלאַנג אין זיין ברוסט, ווייל עס ווייס, אַז מיט זיי קאָן מען איצטער גאָרנישט ניט אויפטהאָן. אינסטינקטיוו ווארט דאָס פאָלק אויף דאָס גרויסע, אויף דאָס בעפרייענדע.

די קללה, וואָס ליעגט אויף אונזער פאָלק, איז די נידערגעשלאָגענקייט, דער ניט־גלויבען אין די אייגענע כחות, אַ פּראָדוקט פון דעם ניט־גלויבען אין דעם אייגענעם ווערטה.

מיר, די אַלע, וואָס האָבען זיך בעפרייט פון יענער קללה, ווייל מיר האָבען זיך דערוואוסט פון אונזער ווערטה און עס איז אונז קלאָר געוואָרען אונזער כח, מיר טאָרען אויף אַ רגע ניט לאָזען הענגען אונזער קאָפּ, און מיר דאַרפען בעפרייען פון יענער קללה דאָס גאַנצע פאָלק.

יעדע שורה, וואָס מיר שרייבען, דאַרף עטהעמען מיט דעמזעלבינגען מוטה, דעמזעלבינגען שטאָלערנעם ווילען, דעמזעלבינגען גרויסען, ניט צושטערבאַרען גלויבען, וואָס לעבט אין אונזער ברוסט.

מיר טאָרען ניט ווערען היסטעריש!

ווען דער צוקינפטיגער היסטאָריקער וועט זיך גראָבען אין די דאָקומענטען פון אונזער צייט, און ער וואָלט געפינען אַזאַ בעריכט:

„אין 1915 האָט זיך אין ניו־יאָרק בעוויזען אַזאַ שטרעמונג צו אָרגאַניזירען דעם פאָלקס־ווילען און ארויסצוטרעטען עפענטליך מיט דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג אומעטום און אַ זעלבסטשטענדיגע פאָליטישע היים אין ארץ־ישראל, אָבער

יענע שטרעמונג איז זיך פערפלאָסען אין זאמד. די מאַסען זענען ניט צוגעשטאַנען צו איהם. אַנשטאַט צו שיקען פערטרעטער אין דעם קאָנגרעס, האָבען די אידען, אין גרויס פערצווייפלונג, געשלאָגען זיך קאָפּ אָן דער וואנד, האָבען צובראָכען זייערע מעבעל, צוריסען די קליידער אויף זיך, און אָבגעשליסענע ארומגעלאָפען איבער די גאַסען, ארויסשטויסענדיג היסטערישע יללות"...

וואָלט דער היסטאָריקער גענגלויבט. ער וואָלט דאָס פערשטאַנען. די לאגע, וואָלט ער זיך געזאָגט, איז געווען אזא, אז א גאנץ פאָלק האָט זיך געריהרט פון זינען.

און ווען אין דעם בעריכט וואָלט געשטאַנען גאָר אזוי:

„צו דער קאָנגרעס־בעוועגונג זענען די מאסען ניט צוגעשטאַנען. קאלט און גלייכגילטיג צו דעם גורל פון זיין אייגענעם פאָלק, האָט זיך יעדערער בעשעפטיגט מיט זיינע טאָג־טעגליכע אינטערעסען".

וואָלט דאָס דער היסטאָריקער אויך געגלויבט. ער וואָלט דאָס פערשטאַנען. די לאגע, וואָלט ער געזאָגט, האָט אזוי דערשלאָגען א גאנץ פאָלק, אז זיין נאציאָנאלער געפיהל איז פערגליווערט געוואָרען. ווי א גולם, האָט יעדער איד ווייטער געלעבט זיין פריהערדיגען לעבען, ניט וויסענדיג, אויף וואָסער וועלט ער איז, אויסער כח צו בענעהמען, וואָס מען וויל פון איהם.

אָבער ווען דער היסטאָריקער וועט איבערלייענען אין דעם בעריכט:

„די קאָנגרעס־בעוועגונג האָט ארויסגערופען העפטיגע געגנער צווישען א סך אינטעליגענטע, איידעלע און איבערגעבענע קינדער פון דעם אידישען פאָלק. אויסגעהערט, וואָס עס ווערט פון זיי פערלאנגט, האָבען זיי מיט א סקעפּטישען שמייכעל געענטפערט צוריק, מיט א פרעג:

— „און ווי איז, כדומה למשל, אז טאָמער וועט אפשר זיך, חלילה, ניט אויסלאָזען, ווי איהר האָט, אן ערך, אויסגערעכענט?"

וועט דאָס דער היסטאָריקער ניט גלויבען.

ער וועט דאָס פשוט ניט פערשטעהן.

6טער אויגוסט, 1915.

אונמעגליכקייטען.

ביי דזשעק לאָנדאָן'ען איז פאַראַן אַ קליינע טיעפע און טרויעריגע דערצעהלונג פון דעם אינדיאַנער-לעבען: „נאַם-באָק, דער ליגנער".

נאַם-באָק, אַ יונגער אינדיאַנער פון אַ פישער-דאָרף אין דעם ווייטען צפון, פון אַ שבט וואָס איז נאָך ניט געקומען אין בעריהר מיט דער מאָדערנער מענשליכער קולטור, איז אַ מאָל אין אַ שיפעל פערטראָגען געוואָרען מיט דעם ברעג-ווינד ווייט אויפ'ן ים, וואו אַן אַמעריקאַנער שקונע האָט איהם געראַטעוועט און האָט איהם געבראַכט אין אַמעריקע.

פיעלע יאָהרען האָט נאַם-באָק אָבגעלעבט צווישען די ווייסע און האָט זיך לסוף פערבענקט נאָך דער אַלטער היים. עס האָט איהם געצויגען צו זיין געבירט, צו די מענשען פון זיין שבט, וועמען ער האָט געוואָלט דערצעהלען פון די פיעלע וואונדערס, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהען אין זיין לעבען.

אָבער ניט אויף פרייד איז ער געקומען צוריק צו זיין אייגענעם פאָלק. דאָס אַלטע לעבען, פון וועלכען ער האָט געטרוימט אין דער פרעמד, האָט אַרויסגערופען אַן עקעל אין איהם, ווען ער האָט עס נאָך אַ מאָל פערזוכט. זיינע דערצעהלונגען וועגען אַ נייעם לעבען, וועגען די וואונדער, וואָס האָבען אָנגעפיהלט זיין הארצען מיט שטאָלץ, האָבען איהם נאָך פרעמדער געמאַכט די קרובים און די פריינד. מען האָט איהם ניט געוואָלט גלויבען, ווייל מען האָט איהם ניט געקאָנט פערשטעהן.

שוין זיין ערשטער טריט אין דער אַלטער היים, ווען ער איז אַרויסגעשפרונגען אויפ'ן ברעג פון זיין שיפעל, האָט אַרויסגערופען אַ טיעפען חשד ביי זיינע אייגענע. עס האָט זיך זיי ניט געגלויבט, אַז אַ מענש, וועמען דער ברעג-ווינד האָט פערטריעבען פון דער יבשה, זאָל קענען אַ לעבעדיגער קומען צוריק.

— דו ביסט געשטארבען, נאם־באק, — זאגט איהם אפי־קואן. נאר נאם־באק לאכט: „איך בין פעט“. אפי־קואן מוז מודה זיין, אז מתים זענען ניט פעט, אבער גלויבען, אז נאם־באק איז א לעבעדיגער איז פאר איהם אונמעגליך. די גלייכסטע סברא פאר איהם איז — אז דאס איז דער שאטען פון דעם אמאליגען נאם־באק, ווייל שאטענס קאנען יע קומען צוריק. אזוי גלויבט אפי־קואן.

אומזיסט דערמאהנט איהם נאם־באק, אז יענעם'ס איינענער זיידע איז אמאל פערפאלען געווארען אויף לאנג און האט זיך דערנאך ווידער אבגעפונען א לעבעדיגער. סא משל, — זאגט אפי־קואן: יענער האט דאך ניט געהאט קיין עסקים מיט'ן ברעג־ווינד. „ער איז אוועק טיעף אין לאנד, און עס איז א דרך הטבע, אז א מענש קאן געהן אלץ ווייטער און ווייטער איבער דער ערד“.

ווען ניט זיין אלטע מוטער, וואס האט געבענקט נאך איהם די גאנצע צייט און האט געגלויבט אין זיין קומען צוריק, וואלט מען נאם־באק ניט אריינגעלאזען א היים.

ער דערצעהלט פון דער שקונע, וואס האט איהם געראטעט אויפ'ן ים, — א גרויסע שיף אהן רודערס, געטריעבען פון ווינד. שוין דאס אליין קלינגט אין די אויערן פון די אינדיאנער ניט נאר ווי א גוזמא, נאר ווי א פורער ליגען.

„די שקונע האט געהאט אזוינע פליגלען“, פרובט דערקלעהרען נאם־באק, און מיט גרויס מיה גיט זיך איהם איין מסביר צו זיין דעם אומגלויביגען עולם, ווי אזוי א ווינד קאן טרייבען האסטיג א שיף. אבער דער שכל מיט די זעגלען אין דעם ווינד האט נאך קלארער גע־מאכט פאר די אינדיאנער, וואס פאר א געוואלטיגער כזבן דער בחור דארף זיין. מענשען זאלען זיך פערלאזען אויף דעם קאפריז פון דעם ווינד! די שיף, זאגט ער, געהט אויך אנטקעגען דעם ווינד! וואס טרייבט דען די שיף אנטקעגען דעם ווינד? אויף דער ווינד? ווינד, וואס בלאזט פון דרום קיין צפון, זאל טרייבען די שיף ניט קיין צפון, נאר קיין דרום! אדער איין־און־דערזעלביגער ווינד בלאזט אין איין־און־דערזעלביגער צייט אי אהין, אי צוריק? דאס איז שוין א זאך, וואס געהט להיפך צו דעם מענשליכען שכל, א קלארע, ריינע אונמעגליכקייט!

און פון א דאמף־שיף האט ער דערצעהלט, וואס איז געבויט

פון היילע אייזען! איז דאָס ניט אַ פּאַטש אין פּנים אַלע געזעצען פון דער נאַטור?

— „ניין, ניין, נאַם־באַק", טענה'ט מען צו איהם, „ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין? אייזען געהט אַלע מאָל צו גרונד... עס איז אויף אַלץ דאָ אַ געזעץ. עס האָט נאָך קיין מאָל גאָר נישט ניט פּאַ־סירט מחוץ פון דעם געזעץ. דאָס ווייסען מיר. און אַ חוץ דעם ווייסען מיר, אַז אַלע זאכען פון איין מין געהאָרכען איין געזעץ. על כן, נאַם־באַק אויב דו ווילסט מיר זאָלען האָבען אַ ברעקעל רעספּעקט פאַר דיר, זאָג זיך אָב פון דיינע רעד.

— „ס'איז אָבער פּאָרט אַזוי", עקשן'ט זיך נאַם־באַק. „דער דאַמף־שיף איז דורכאויס פון אייזען און ער געהט ניט צו גרונד".

— ניין, ניין: דאָס קאָן ניט זיין".

— „איך האָב דאָס געזעהען מיט מיינע אייגענע אויגען".

אנדערע אונמעגליכקייטען האָבען די אינדיאַנער זיך דערקלערט דורך כישוף. זעהט איהר, כישוף איז גראָד אַ זאַך, וואָס לעגט זיך דעם ווילדען אויף'ן שכל. נאָר דעם לעצטען פּונק גלויבען צו זיך האָט נאַם־באַק אויסגעלאָשען מיט דער דערצעהלונג וועגען „דעם גרויסען דאָרף", (מסתמא ניו יאָרק), וואו עס שוויבעלט פון מענשען נאָר אָהן אַ שיעור. דאָס קאָן זיך שוין גאָר ניט לעגען אויף די מוחות פון די אינדיאַנער. ווי קאָנען אַזוי פיעל מענשען זיין אויף דער וועלט, בפרט נאָך אין איין אָרט? זייערע שיפּלעך וואָלטען דאָך מוזען בעדעקען דעם גאַנצען ים, זיי וואָלטען דאָך געקענט אַלע טאָג אויסכאַפּען אַלע פיש פון וואַסער און פאָרט זיך ניט אָנ־עסען צו זאַט!

— „דאָס קאָן זיך איינעם אויסדרוכטען", ענטפערט נאַם־באַק צולעצט, „און פון דעסטוועגען איז דאָס פּאָרט אַזוי. מיט מיינע אייגענע אויגען האָב איך דאָס געזעהען".

לסוף איז ביי דעם עולם געבליבען, מען דאַרף נאַם־באַקען אוועקשיקען צוריק פון וואַנען ער איז געקומען. אויב די אַלע אונ־מעגליכקייטען, וואָס ער דערצעהלט, זיינען ניט אויסגעטראַכטע, איז נאָר דאָ איין דערקלעהרונג פאַר זיי: נאַם־באַק איז אַ געשטאָר־בענער און קומט פון דער שאָטען־וועלט. די אַלע זאַכען, וואָס ער בעשרייבט, זיינען שאָטענס פון זאכען. אין דעם „גרויסען דאָרף"

וואוינען די שאָטענס פון די, וואָס זיינען געשטאָרבען, ווייל מתים זיינען דאָך דאָ געוויס אַ סך מעהר, איידער לעבעדיגע...

און מען זעצט איהם אריין ווידער אין זיין שיפעל און מען פערטרייבט איהם אויף אייביג פון דער היים...

„מיר שיקען דיך אוועק צוריק“, זאָגען זיי נאָם־באָק'ען, „כדי אונזערע מוחות זאָלען בלייבען קלאָר און שטארק און ניט מטושטש ווערען מיט אומדערקלעהרליכע זאַכען“...

אָרעמער נאָם־באָק! אָדער, אפשר: אָרעמע אינדיאַנער?

דזשעק לאָנדאָן האָט געוויס ניט געוואָלט שרייבען קיין סאַטירע אויף די אינדיאַנער, וואָס פערשטעהען ניט די געוועהנליכסטע זאַכען פון אונזער קולטור. דאָס, וואָס ער האָט אַזוי מייסטערהאפט געשילדערט, איז ניט קיין כאַראַקטעריסטיק פון אַ בעשטימטער צייט, אָדער אַ געוויסען פאָלק. דאָס איז אַ שטיק טראַגעדיע פון דעם מענשליכען פראָגרעס.

אין יעדען דור האָט דער מענש אַ בעשטימטען מאַסשטאַב פון „מעגליך“ און „ניט מעגליך“ פון „רעאַל“ און „פאַנטאַסטיש“, פון געוויסע אייביגע געזעצען און אמת'ען, וואָס זיינען אויפגעבויט אויף דער אָנגעזאַמעלטער ערפאַהרונג און אויף די הערשענדע אידעען. אַז מען האָט איינעם אַ פירסט פון דעם זוניגען אינדיען דערצעהלט, ווי קאַלט עס איז אין די צפון־לענדער, וואו מענשען געהען אום אין פוטערס, און פון הימעל פאַלען אַזעלכע קאַלטע פעדערן, וואָס בעדעקען די ערד קלאַפטער הויך, האָט ער סקעפטיש געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אָבער אַז מען האָט איהם געזאָגט, דאָס וואַסער ווערט דאָרטען אַזוי הארט און פעסט, אַז עס קאָן אויסהאַלטען די משא פון אַן עלעפאַנט, האָט ער שוין ווייטער ניט געוואָלט הערען: וואַסער איז פאַר איהם אַ צו בעקאַנטע זאַך, ער זאָל קאָנען גלויבען אין אַזאַ אונזין.

כדי אויפצוגעהמען אַן ערפאַהרונג, וואָס געהט „להיפך דעם שכל“, דאַרף מען זי זעהן מיט די אייגענע אויגען, ווי נאָם־באָק. אָבער אַזוי ווי ניט אַלע קאָנען זי זעהען, וועט מען בעסער גלויבען אַז נאָם־באָק איז אַ ליגנער אָדער אַ דיבוק, איידער צוגעבען, אַז אונמעגליכקייטען קאָנען פּאַסירען. אין בעסטען פאַל איז ער אַ משוגע'נער פאַנטאַסט...

נאָך ערגער פערשטעהט זיך איז עס מיט א נייעם געדאַנק, וואָס מאַכט א תל פון אַן אַלטען אמת און וועלכען קיינער קאָן ניט אָנ־טאַפּען מיט די הענד אָדער זעהען מיט די אויגען. דאָ האָט דער „שכל הישר“ פון דער צייט אודאי א רעכט אָוועקצושיקען איהם צוריק אין זיין רוה אריין...

און פון דעסטוועגען האָט די מענשהייט א מענשליכע קולטור און א ציוויליזאַציע און א פּראָגרעס. און יעדער דור האָט פערווירק־ליכט אין לעבען זאַכען, וואָס זיינען געווען „אונמעגליך“ פאַר דעם פריהערדיגען.

די גאַנצע געשיכטע פון דער מענשהייט קאָן מען דעפינירען ווי א פּראָצעס, אין וועלכען „אונמעגליכקייטען“ ווערען שטיקער רעאַליטעט, ווערען אַזוי הארט און פעסט, אַז זיי קאָנען אויסהאַל־טען די משא פון אַן עלעפאַנט, בעת די אייביגע, „איינגעפּראָרענע“ אמת׳ען, פון דעם „שכל הישר“, וואָס האָט געקעמפּט אַנטקעגען די „ווילדע פאַנטאַזיעס“, ווערען אַזוי פערדאַמפּט, ווי דער טוי אונטער די שטראַהלען פון א ברענענדיגער זון.

געוויס מוז ניט יעדע „אונמעגליכקייט“, וואָס בעצויבערט איינעם׳ס פאַנטאַסטישע אויג, ווען עס איז ווערען א שטיק ווירק־ליכקייט. די אידעאַלען פון דער טעכניק, און דער מאַראַל, און דעם געזעלשאַפטליכען לעבען זיינען ווי די קערענדלעך אין דער פלאַנצען־וועלט, וואָס וואַקסען אויס מיליאָנען־ווייז און פון וועלכע נאָר איינ־צעלנע האָבען דעם מזל אויפצוגעהן און איבערלאָזען יורשים נאָך זיך.

בעסער פאַר אַלעמען איז דאָ די אידעאַלען פון דער טעכניק. אויב איינעם קומט אַרויף אויפ׳ן שכל א טעכנישער געדאַנק, א בר קימא, ווער קאָן דאָ שטערען אויסצופיהרען איהם א לעבען, אָוועק־צושטעלען די וועלט פאַר א פאַרטיגען פאַקט, אַז מען קאָן צוגעהן צו דער וואַנד, רעדען צו איהר, און אייער קול זאָל זיך הערען פאַר טויזענדער מייל? די מענשהייט וועט יעמאָלט זעהען דעם פאַקט, ווי נאָס־באָק, מיט איהרע אייגענע אויגען, און דאָס רוב פון איהר וועט זיך נאָר ניט פערטראַכטען וועגען דעם, ווי אַזוי איז אַזא בע־שיינפערליכע „אונמעגליכקייט“ געוואָרען א ווירקליכקייט.

שווערער פאַר אַלץ איז אָבער דורכצופיהרען אַן „אונמעגליכ־

קייט" אין'ם פּאָליטישען און דעם סאָציאַלען לעבען. דאָ איז ניט נענוג, א י ה ר זאָלט פערשטעהן, ווי וויכטיג עס איז און ווי מעג־ליך עס איז דורכצופיהרען אייער אידעאַל. איהר דאַרפט זעהען, אַז אויך די אַנדערע זאָלען דאָס וועלען, זאָלען זיין פעראינטערעסירט אין דעם און זאָלען דאָס פערשטעהן. און כל זמן זיי טהוען דאָס ניט, די אַנדערע, זייט איהר אַ דאָן־קיכאָט, אַ פאַנטאַסט, וואָס וויל דאָס טעלערל פון הימעל, וואָס יאָגט זיך נאָך „אונמעגליכקייטען", ווייל איהר אַליין, קאָנט דאָס, פערשטעהט זיך, ניט דורכפיהרען, און זיי ווידער האָבען זייער „שכל הישר", דעם איינגעפּראָגנעם אמת פון דער צייט, מיט זיינע אייביגע געזעצען, וואָס לאָזען ניט צו, אייזען זאָל שווימען, אַ ווינד זאָל טרייבען אנטקעגען זיך גופא און אַן עלעפאַנט זאָל שטעהן אויפ'ן וואַסער.

איהר דאַרפט דעריבער אויך ניט זיין איבעריגס פער'חדוש'ט, ווען מען „זעצט אייך אריין" ניט דוקא אין אַ שיפעל און מען טהוט אייך אייער רעכט, „כדי די מוחות זאָלען בלייבען קלאָר און שטאַרק און ניט מטושטש ווערען מיט אומדערקלערליכע זאַכען".

אָט פאַר וואָס דער פּראָגרעס אין דעם סאָציאַלען און פּאָליטי־שען לעבען געהט אַזוי לאַנגזאַם, בעת די טעכניק ענטוויקעלט זיך אַזוי שנעל. אין דער טעכניק איז מען איצטער ניט אַזוי אָבהענגיג פון אַפּי־קואָנ'ען, — דאָ קאָן די „אונמעגליכקייט" אויפ'ן שטעל בעווייזען איהר רעאַלע קראַפט. אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען איז אָבער אַפּי־קואָן דער באַלעבאָס, און ביז מען צופּלעט ז י י ן „שכל הישר" מוזען אוועקגעהן יאָהר־הונדערטער!

און וויבאַלד דער פּראָגרעס מוז אַזוי לאַנגזאַם ווירקען אין דעם סאָציאַלען לעבען, קאָן אויך ניט זיין קיין שנעלער מ אָ ר אַ ל י־ש ע ר פּראָגרעס, ווייל די מאָראַל איז אַזוי שטאַרק פערבונדען מיט אַלע יסודות און ערשיינונגען פון דעם געזעלשאַפטליכען זיין.

אָבער איין טרייסט האָבען מיר דערפאַר. ווי לאַנג דאָס זאָל ניט דויערן, — „זי בעוועגט זיך דאָך", די מענשהייט, און ווי דער „שכל הישר" פון היינט זאָל ניט דונערן אנטקעגען אונז, אַז מיר יאָגען זיך נאָך „אונמעגליכקייטען", וואָס געהען להיפּך צו דעם „דרך הטבע", — האָבען מיר אַ רעכט, זיי אַלעמען אַ ביסעלע אָבצוקיהר־לען און צו זאָגען:

— ציעהט אויף א ווײלע מיט אייערע „אונמעגליכקייטען"
און אייערע „געזעצען"! אויב ס'איז דאָ אין דער געשיכטע א
וואָסער עס איז געזעץ, איז דאָס דער וואָס זאָגט אז דאָס, וואָס איז
„אונמעגליך" אין איין צייט פאַר איין דור, קאָן אין אַן אַנדער צייט,
פאַר אַן אַנדער דור ניט נאָר ווערען „מעגליך", נאָר אויך ארויסטרע־
טען ווי א צווינגענדער „מוז".

מיר דאַרפען דעריבער ניט נתפעל ווערען, ווען אַן אַפּי־קואָן
פאָן־בערנהאַרדי בעווייזט אונז, אַז דער אייביגער פריעדען איז „אונ־
מעגליך", ווייל ס'איז דאָ א געזעץ פון „קאַמף פאַר עקזיסטענץ":
ווען די בורזשואַזיע בעווייזט אונז, אַז דער סאָציאַליזם איז „אונ־
מעגליך", ווייל דער מענש איז „בטבע" א בריאה, וואָס לעכצט נאָך
פּריוואַט־אייגענטום: ווען מען זאָגט אונז, אַז לעבען ווי א נאַ־
ציאָנאַלער מעוט אין גלות איז „אונמעגליך", ווייל, לויט א געווי־
סען „געזעץ", מוז א העכערע קולטור איינשלינגען א ניעדעריגערע:
אז אַן אייגען־לאַנד פאַר דאָס אידישע פאָלק איז „אונמעגליך",
ווייל... איך וויים שוין ניט, וועלכע „געזעצען" דאָ שטעהען אין
וועג: אַז אויפבויען א שטאַרקע אימפּאָנירענדע אידישע אַגראַר־
ווירטשאַפט „איז געווען א פאַנטאַזיע און וועט בלייבען א פאַנטאַ־
זיע", ווייל „א פאָלק, וואָס איז פון הונדערטער יאָהרען צוגעבונדען
צום לעבען פון שטאָדט ק אָ ן ז י ך ניט אומקערען צוריק אין
דאָרף: אז...

אָבער קאָן מען דען אויסרעכענען אַלע „אונמעגליכקייטען"
און „פאַנטאַזיעס", פאַר וועלכע עס קעמפּט דער פּראָגרעס פון דער
מענשהייט און דער פּראָגרעס פון אונזער פאָלק?

א נ ד ע ר ע ארגומענטען רוקט, זייט מוחל, אַרוים אַנטקעגען
אונז. דער אַפּי־קואָן־אַרגומענט פון „אונמעגליך" און „פאַנטאַס־
טיש", איז ווי די געשיכטע בעווייזט, א פאַנטאַסטישער, אונמעגלי־
כער אַרגומענט.

8טער יאַנואַר, 1915.

צו פערשטארקען די אָבגעשוואכטע הענד.

(איניגע ווערטער צו איניגע חברים פון דער פען.)

אין אַלטער אידשער ספר וועגען דער געשיכטע פון אונזער פאָלק, דער „ספר הקבלה", ענדיגט זיך אומגעפעהר מיט אַזעלכע ווערטער (ליידער געדענק איך זיי ניט אויף אויסווענינ):

„און אין אונזער צייט האָבען געלעבט די משוררים איבן גבירול און יהודה הלוי, וואָס האָבען מיט זייערע ליעדער געשטארקט די אָבגעשוואכטע הענד. זאָל זיי גאָט דערמאָהנען דערפאַר צו גוטען!"

דער מחבר פון דעם „ספר הקבלה" איז געווען אבראהאם איבן דאוד (דער „ראב"ד הראשון"), דער זעלביגער איבן דאוד, דער דענ־קער מיט דעם רעוואָלוציאָנערען קאָפּ, וועלכער האָט געפיהרט אזא העפטיגען קאמף אנטקעגען דער גאנצער פילאָספישער ריכטונג, וואָס האָט ארויסגעבראכט די איבן גבירול'ס און די יהודא הלוי'ס. דאָס איז געווען דער מאַן, וואָס האָט אָנגעוויזען דעם וועג, אויף וועלכען דער רמב"ם איז שפּעטער ארויס מיט אזא גלאַנץ און מיט אזא טריאומף.

אין זיין פילאָסאָפישען חבור „האמונה הנשאה", „דער ערהאבע־נער גלויבען", אין וועלכען ער זוכט אויפצובויען די אידישע רעליגיע אויף דעם יסוד פון יענע רעזולטאטען, צו וועלכער עס איז געקומען דער פילאָספישער געדאנק פון זיין צייט, גרייפט ער אָן די וועלט־אנ־שויאונג פון דעם עלטערן דור און גראָבט אונטער דעם פונדאמענט פון יענעם פילאָספישען גלויבען, וואָס האָט געלעבט אין די הערצער פון די גבירול'ס און הלוי'ס.

דערפאר ווירקט אזוי סימפּאטיש דער סוף פון זיין היסטאָ־רישען ווערק, דער ווארעמער האנד־דרוק, וועלכען ער גיט זיינע געג־נער פאר זייער אויסגעצייכענטער נאציאָנאַלער ארבייט.

פארוואָס איך האָב מיך דערמאָהנט אין דער לעצטער צייט אָן יענעם קליינעם ליטערארישען עפּיזאָד, קען איך איך באמת ניט

זאָגען אויף קלאָר. הפנים, אַז ניט איין געדאַנק, נאָר עטליכע האָבען געהאַט אַ וועלכע עס איז נאָהענטע אָדער ווייטע שיכות צו איהם, און זיי האָבען איהם ארויסגעשלעפּט פאַר מיר פון דעם אומבעוואוסטען זכרון.

די גבירול׳ס און די הלוי׳ס האָבען געשטאַרקט די אָבגעשוואַכטע הענד, — זאָל זיי דערפאַר גאָט דערמאָהנען צו גוטען...

וועט די שפּעטערדיגע געשיכטע פון אונזער פאָלק אויך אונזער ד״ר אידישע שרייבער דערמאָהנען צו גוטען? האָבען אויך מיר, אויב מיר האָבען ניט געקאָנט אויפטהאָן קיין גרעסערעס, וועניגסטענס „געשטאַרקט די אָבגעשוואַכטע הענד?“

איך בין גריילעך מסופק אין דעם. איך האָב מורא צו זאָגען, אַז די געשיכטע וועט האָבען אַ רעכט ניט צו בענשען אונז, נאָר נאָך אפשר צו מאַכען אונז דעם שאַרפסטען פאָרוואורף, אַז ניט נאָר האָבען מיר ניט געשטאַרקט די אָבגעשוואַכטע הענד, נאָר מיר האָבען נאָך די אַנדערע געשטערט, וואָס האָבען זיי געוואָלט מאַכען שטאַרקער.

דער גאַנצער טאָן פון אונזער היגער אידישער פּובליציסטיק איז אַ יאוש־טאָן. רעכענט איהר אָראָב אַ פּאָר אויסנאָהמען, זענען כמעט אַלע — קלאָג־מוטערס, מוסר־זאָגערס, חוזק־מאַכערס. לייענט איהר זיי, דערהויפּט אונזערע סאַטיריקער, קאָנט איהר ניט אונטערדריקען דעם געפיהל פון חלשות, אַזאַ מין שפּל׳ע, נידעריגע, שטיקענדע אַטמאָספערע הערשט אין אונזער סאַטירע, און עס שמעקט מיט וואַנצען.

ניט אין דערינען ליעגט די בייז, וואָס איינער קלאָגט אויף אונזער לאַגע, גיסט אויס זיין צאָרן אויף אונזערע פעהלערען און שפּאָט אויס אונזערע שוואַכקייטען.

דאָס זענען נויטווענדיגע עלעמענטען פון יעדער געזונטער עהרליכער פּובליציסטיק, צו וועלכער עס דאַרף אויך געהערען די מוטהיגע בייסענדע סאַטירע. דאָס זענען אויך די וויכטיגסטע עלעמענטען פון יענע אייביגע ליטעראַרישע ווערק, וועלכע עס האָבען אונז יבערגעלאָזען בירושה אונזערע נביאים.

אויך די נביאים האָבען געקלאָגט אויף אונזער ביטערען גורל: זיי זענען אָבער ניט געווען קיין קלאָג־מוטערס. אויך זיי האָבען

מיט אָנגעברענטע אייזערנע קאַמען געריסען פּאַסען־ווייז פונ׳ם פאָלק פאַר זיינע זינד: זיי זיינען אָבער ניט געווען קיין מוסר־זאָגערס. אויך זיי פלעגען ניט שפּאָרען קיין בייסענדען שפּאָט: זיי זענען אָבער ניט געווען קיין חוזק־מאַכערס.

פון די דאָזיגע געמיינהייטען און שוואַכקייטען האָט זיי אָב־געהיט זייער גרויסער גלויבען, זייער הימעל־הויכער אידעאַל, זייער אונענדליכע ליעבע צום פאָלק. און אָט דער גלויבען, דער אידעאַל, די ליעבע האָבען זיך קלאָר און שאַרף אַרויסגעוויזען אין די ריינע טרעהרען פון זייער געוויין, אין דעם לויטערען פייער פון זייער צאָרן און פון זייער קריטיק.

אין וואָס גלויבען אָבער אונזערע פובליציסטען? וועלכער אי־דעאַל שוועבט פאַר פאַר זייער בליק? וואָס ליעבען זיי און וואָס האַסען זיי אין דעם לעבען פון אונזער פאָלק? — איהר וועט דאָס בשום אופן ניט אַרויסגעפינען פון אונזערע קלאָג־מוטערס, מוסר־זאָגערס און חוזק־מאַכערס.

און נאָך א זאַך. ווי שאַרף און שטרענג דער נביא פלעגט זיך ניט בעגעהן מיט׳ן פאָלק, — די קריטיק איז נאָר געווען איין זייט פון זיין פּראָפּאַגאַנדע. נאָך די שטראָף־רייד פלעגען אַלע מאָל קו־מען די טרייסט־רייד, די צערטליכסטע ליעבע צו דעם געשטראָפטען פאָלק, (הבן יקיר לי אפרים!) די גלענצענדסטע שילדערונגען פון א רייכער, געבענשטער צוקונפט.

דאָס איז געווען א פסיכאָלאָגישע נויטווענדיגקייט, — אַן אינ־ווענינגסטע בעדערפנים פון דעם נביא׳ס הארצען און א לעבענס־נויט פאַר דאָס גאַנצע פאָלק. וואָלט זיין נשמה ניט געווען פול מיט דער צאַרטעסטער ליעבע און וואָלט ער ניט געגלויבט אין די לויכטענדע צוקונפט, וואָלט ער ניט געקאָנט נעהמען אויף זיך די פּיינפולע שליחות אויפצורייסען די וואונדען פון פאָלק.

די צערטעלונג און די טרייסט האָט דער נביא ניט געטאָרט בעהאַלטען אין זיך. ער האָט זיי געמוזט אַרויסזאָגען מיט דערזעל־ביגער קראַפט, מיט וועלכער ער האָט געשליידערט זיין פלאַמענדען צאָרן, אַז ניט, וואָלט ער ניט געקאָנט אויספיהרען די וויכטיגסטע פון זיין שליחות צום פאָלק: „צו שטאַרקען די שוואַך־געוואָרענע הענד“.

עס איז נאָך ניטאָ אויף דער וועלט אזאַ שטימונגס־פאָלק, ווי דאָס אידישע. געגוג שטימונגס־מענש איז דער פראַנ־צויז, גענוג אומרוהיג און פערענדעריש איז אויך זיין נשמה, אָבער אויך זי איז ניט בעקאַנט מיט אזוינע העפטיגע אומרודערונגען, מיט אזוינע בליטץ־שנעלע איבערבייטען, מיט אזאַ ארומוואַרפען זיך צווישען עקסטרעמען פון געפיהל, ווי די וועלכע עס לעבט איבער דער מוטה פון דעם אידישען פאָלק.

אָטטאָ וויינינגער האָט אונז אָנגערופען אַ ווייבער־פאָלק. עס איז פיעל אמת אין זיין כאַראַקטעריסטיק. אויך אויף אונז, ווי אויף דאָס ווייב, האָט די גרעסטע שליטה דאָס געפיהל, דאָס הארץ, און נאָך מעהר פאַר דאָס די שטימונג. וויינינגער'ס טעות איז אָבער בעשטאַנען איינמאָל אין דעם, וואָס ער האָט אַ טאָטאַל פאַלשע ווערטה־אָבשעצונג פון דעם פרויען־געמיטה, דער עיקר אָבער אין דעם, וואָס ער האָט געזעהן נאָר די איין זייט פון דעם מעדאַל, דעם כאַראַקטער פון דעם „עמא פזיזא", דעם לייכטזיניגען פאָלק, און האָט ניט געזעהן די אַנדער זייט פון אונזער ווידערשפּרוכס־פולען געמיטה: דעם „עם קשה עורף", דאָס פאָלק מיט דעם האַר־טען נאַקען.

יע, עס שטעקט אין אונז פיעל פון דעם פרויען־געמיטה. ניט אומזיסט פערגלייכט אונז אזוי אָפט דער נביא צו אַ פרוי. ניט אומ־זיסט איז אונזער ליעבלינגס־געשטאַלט די מוטער רחל. אונזער הארץ איז אָפטמאָל צאַרט און ווייך.

דאָס ווערט אָבער אויך צייטענווייז הארט, ווי אַ קיזעל־שטיין.

און דאָס אַלץ העגגט אָב פון דער שטימונג. עס פערשווינדען פון אונז פּלוצלונג די שאָטענס פון אנגסט, און יעמאָלט איז אפשר ניטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, פאַר וועלכער עס זאָל זיך קאָנען אָב־שטעלען אונזער העלדישער מוטה.

דאָס האָבען אונזערע פיהרער פון לאַנג אָן געוואוסט. עס וועט דיר קיין זאַך ניט זיין שווער, האָבען זיי גע'טענה'ט צום פאָלק. „רק חזק ואמץ", נאָר נעהם זיך אַליין אין די הענד און מאַך שטאַרק דיין געמיטה, און צולאָז זיך ניט אין צו צערטעלטער, נערוועאישער שוואַכקייט.

אָט פאר וואָס עס איז גראָד פאַר אונזער פאָלק אזוי וויכטיג דער שטענדיגער צוּרוף צו מוטהיגקייט און האָפנונג; אָט פאַר וואָס אונזער גרעסטע געפאַהר ליעגט אין דעם אייגענעם יאוש.

אונזער לעבען איז אַ טראַגישער. אין די לעצטע דרייסיג יאָהר פון אונזער געשיכטע האָבען מיר ניט געהאַט קיין איין איינציגע בערוהיגטע מינוט. איך וויים ניט, אויב דער גאַנצער וועלט־קריעג, דער איצטיגער, האָט געקאָנט ארויסברענגען אַזוי פיעל אינוועניגסטע ליידען, ווי די, וועלכע אונזער פאָלק האָט דורכגעלעבט אין די לעצטע דרייסיג יאָהר. נאָכאַנאַנד ווערען מיר געצופּט און געריסען. פאָגראָמען, אויפגעשליצטע בייכער, אָנגעשטאָפּט מיט פעדערען. אויף העלפט צוריסענע קליינע קינדער, אויגען מיט אריינגעשלאָגענע טשוועקעס אין זיי. מאַרך פון אידישע קעפּ, אויסגעמישט מיט דעם שמוץ פון דער רינע. עמיגראַציע, — לויף, וואוהין די פיס טראָגען! בעשפּייאונגען פון דעם אידישען נאָמען. אין שטויב צוטראָטענע ליכטיגע האָפענונגען. און דאָס אַלץ כסדר, אָהן אַן אויפהער, לאָז זיין אויף איבערכאַפּען דעם אָטהעם.

אַן אַנדער פאָלק, עס זאָל זיין אפילו פון שטאָהל, וואָלט שוין פון איהם קיין זכר ניט געבליבען, אָבער זעהט, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אויפגעטהאָן גראָד אין די לעצטע אונזערע גיהנום־יאָהרען!

דער „בונד“ און אונזער וואונדערבארער פרייהייטס־קאַמף אין רוסלאַנד: ס'איז דאָך ניט קיין פראַזע, ס'איז דאָך דער פורער אמת, אַז מיר זענען געווען דער אוואַנגאַרד פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע. דער ציוניזם. מיט זיינע אינסטיטוציעס, מיט זיין קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבייט. דער וואונדערבארער אויפבליה פון דעם אידישען ישוב אין אַמעריקאַ, מיט זיינע נצחונות אויף אַלע פעלדער פון דער מענשליכער טהעטיגקייט, אויך אויף אַזעלכע וואָס ער האָט פון זיי פריהער קיין ברעקעל השגה ניט געהאַט. די נייע־העברעאישע ליטעראַטור, מיט איהרע ביאַליק'ס און טשערניכאָווסקי'ס. דער אמת'ער זעלטענער וואונדער פון דעם געניאַלען וואוקס, וועלכע די אידישע שפּראַך און די אידישע ליטעראַטור האָבען בעוויזען. די געבורט פון דער אידישער קונסט. די בעשאַפונג

פון דער טעאָרעטישער פּובליציסטיק: די אחד־העם׳ס, די דר. בירנבוים׳ס, די דובנאָוו׳ס.

און דאָס אַלץ מיט אַ מ י נ י מ ו ם אינטעליגענץ, וואָס איז נאָך ביי אונז געבליבען אין דער היים. די „אנטלאָפענע" אינטעליגענץ האָט דערוויילע איינגענומען די וויכטיגסטע פּאָזיציעס אין דער אַלגעמיין־מענשליכער קולטור, אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט.

און דאָס אַלץ — אין דעם רעכטען מיטען בראַנד פון פּאָגראָמען און נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס. און מיט אַזאַ פאָלק זענט איהר נאָך ניט צופריעדען! און צו אַזאַ פאָלק אין אַזאַ לאַגע האָט איהר נאָך טענות!

גרויס און אומצערשטערבאַר זענען די כחות פון אונזער פאָלק. גרויס, אומדערקלערליך גרויס זענען די וואונדער, וואָס יענע כחות בעשאַפען. און זיי וואָלטען נאָך גרעסערע וואונדער בעוויזען, ווען זיי וואָלטען געקומען צום בעוואוסטזיין פון זייער אייגענער קראַפט, ווען די שטימונג פון אָבהענדיגקייט און אָבגעלאָזטקייט וואָלט ניט פּאַראַליזירט אונזער עפענטליכע אַרבייט.

און אין דעם זענען מיר אַליין שולדיג. מיר, די מענשען פון דער פען. מיר, די פּראָדוציערער און דערהאַלטער פון אַלערליי עפענטליכע שטימונגען. מיר, וואָס קאָנען פערשאַפען די שאָטענס פון אַנגסט, וואָס לעבען אין דעם פאָלקס געמיטה, וואָס קאָנען אָבער בעוואוסטערהייד נעהמען זיך די איניציאַטיווע צו פערטרייבען יענע שאָטענס, אָנצופילען די נשמות פון דעם פאָלק מיט מוטה, האָפענונג און גלויבען און „צו פערשטאַרקען די שוואַך געוואָרענע הענד".

אַלץ איינס, אין וואָס עס זאָל ניט זיין אייער גלויבען, אַלץ איינס, אויף וואָס איהר זאָלט ניט האָפען, — רופט דאָס פאָלק צו טהאַט און מ ו ט ה!

— און ווי איז, אַז מיר גלויבען ניט? — פרעגט איהר.

— איהר גלויבט ניט? איז — ה ו י ב ט אָ ן ג ל ו י ב ע ן! און אויב איהר קאָנט דאָס ניט, איז — הערט אויף צו שרייבען. אָבער אַ סוף דאַרף ענדליך געמאַכט ווערען צו אייערע היסטערישע געוויינען, צו אייער דענערווירענדען מוסר, צו אייער חלשות׳דיגען חוזק!

30טער אויגוסט, 1915.